STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01864

FERDINAND LASAL

Georg Morris Cohen Brandes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געארג בראנדעס

פערדינאנד לאסאל

איבערזעצט פון
ל. לאקסאן און ב. ריווקין.

צווייטער טייל

לאסאל אלס אגיטאטאר

מאקס נ. מייזעל
אידישער פארלאג פאר ליטעראטור און וויסענשאפט
424 גרענד סטריט, ניו יארק
1920

Copyright by
MAX N. MAISEL
New York, 1920.

אינהאַלטס־פאַרצייכניס

לאַסאַל אַלס אַגיטאַטאָר (איינלייטונג) — — — — — — — — 9

1. אָריגינאַליטעט און קלאָרקייט — — — — — — — — — — — 12

2. פאַרלוימדונגען און קאַמף — — — — — — — — — — 17

3. לאַסאַל אַלס אָראַטאָר — — — — — — — — — — — — — 23

4. אָפּקלאַנגען פון דער יולי׳ער רעוואָלוציע — — — — — — — 55

5. די געגענוואַרטיגע היסטאָרישע תקופה און דער אַרבייטער צושטאַנד — — — — — — — — — — — — — — — — 66

6. שולצע־דעליטש און זיין פּראָפּאַגאַנדע — — — — — — — — — 84

7. די גרינדונג פון דעם „אַלגעמיינעם דייטשען פאַרבאַנד" — — 107

8. לאַסאַל׳ס באַקאַנטשאַפט מיט העלענאַ פאָן דעניגעס — — — — 128

9. לאַסאַל׳ס טויט און לויה — — — — — — — — — — — — 148

לאסאַל אַלס אַגיטאטאָר.

לאַסאַל אַלס אַגיטאַטאָר.

לאַסאַל איז פון זיין געצעלט ארוים אלס אַ ג י ט אַ ט אָ ר. דאָס וואָרט אַגיטאַטאָר איז ווי באַשאַפען פאר איהם. אַגיטאַטאָר אין גרויסען זין פון וואָרט איז דער, וועלכער באזיצט די פעהיג־קייט אַריינצובלאָזען דאָס לעבען פון זיין גייסט אין די טויטע, גלייכגילטיגע מאַסען; איינער, וועלכער קען צוגלייך אי באַגייס־טערען, אי פיהרען. די קונסט פון אַגיטאַטאָר איז אין דעם — צו עלעקטריזירען און דיסציפּלינירען מיט איין קלאַפּ, וואָס דערצו פּאָדערט זיך שטאַרקער ווילען, ניט ווייניגער ווי שטאַרקער פאַר־שטאַנד. אַן אַגיטאַטאָר דאַרף גלייכצייטיג ווירקען אי אלס רעד־נער, אי אלס שרייבער; אי פּאַרטיי־פיהרער זיין, אי קאָמאַנדיר; ער דאַרף זיך פלוצלונג באַווייזען אי דאָ אי דאָרט, צושפּרייטען זיך מיט זיין טעטיגקייט אויף אָהן אַ שיעור פלעצער מיט אַמאָל און גלייכצייטיג זיי האַלטען אין באַוועגונג און אין צוים. און אָט צו אַזעלכע באַוואוסטזיניגע און פלעצליכע האַנדלונגען, וואָס ווערען ווי פון אימפּעט געטראָגען און ווירקען, ווי עלעקטריק, צוקענדיג, כאַפּענדיג איז לאַסאַל ווי געבאָרען געווען.

אין וואָס איז דער עיקר פון זיין טעטיגקייט? אין ווילען און נאָך אַמאָל אין ווילען! — ווילען דאָס איז זיין לעבען געווען; דען ווילען, וואָס קומט צום אויסדרוק צוקענדיג, כאַפּענדיג, און קומט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. ווילען איז זיין באַרוף געווען. איך זאָג באַרוף, ווייל ווילען איז געווען דאָס סאַמע אינינגסטע פון זיין נאַטור.

אויפ'ן ערשטען בליק דוכט זיך, אַז אין לאַסאַל'ס לעבען איז קיין שפּור ניט געווען פון דעם באַזונדערען, אונבאַוואוסטען אין דער נאַטור, וואָס מען באַצייכענט מיט דעם וואָרט באַרוף. ער האָט געהערט צו די וועהלענדע, ניט צו די באַרופענע נאַטורען. מיר זעהען, ווי ער באַגעגענט אויף זיין וועג אַ צופאַל; ער נעהמט זיך צו איהם מיט דער גאַנצער ליידענשאַפט פון זיין נשמה און

פארוואנדעלט דעם צופאל אין א נויטווענדיגקייט פאר זיך, אבער די נויטווענדיגקייט איז א ריין פארמעלע, נים קיין אינערליכע.

ניט דאמאלס, ווען צוליעב דער גרעפין האצפעלד ווערט ער צופעליג איהר אדוואקאט און גיט אוועק צעהן יאהר לעבען אויף א ספעציאליטעט, וועלכע ווערט ניט זיין פראפעסיע; ניט דאמאלס, ווען אלס פילאלאג נעהמט ער אויף זיך צו צוקנאקען די סאמע הארטע ניס פון קלאסישען פארצייטען, אבער די פארשונג פון אלטערטום מאכט ער ווידער ניט פאר זיין ספעציאליטעט. און ניט, ווען דער צופאל הייסט איהם ווערען א פאעט, און ניט, ווען אלס יוריסט־טעארעטיקער פארטיעפט ער זיך אין אלטען און נייעם רעכט — אין קיין איינעם פון די אלע צופאלען פיהלען מיר ניט, אז ער האנדעלט אוים בארוף: ער קלייבט זיך פשוט אוים א ציעל און זוכט איהם צו דערגרייכען. סוף כל סוף האט ער גאר קיין חשק ניט צו ווערען ניט קיין געלעהרטער יוריסט און ניט קיין דראמאטישער פאעט; נים קיין קלאסישער פילאלאג און ניט קיין אדוואקאט־פראקטיקער.

דערפאר איז פ. א. לאנגע׳ס באמערקונג וועגען לאסאל העכסט טרעפענד, ווען ער זאגט: „דער יורידישער מאטעריאל פון זיין הויפט־ווערק איז אויסגעארבייט מיט אויסערגעוועהנליכער גייסטיגער קראפט, אבער דאך פיהלט זיך, אז די גאנצע ארבייט האט קיין אנדער צוועק ניט, ווי די ארבייט גופא”. עס איז שווער בעסער צו ערקלעהרען דעם אונטערשייד צווישען א ציעל, וואס דער ווילען שטעלט באוואוסטזיניג, און א ציעל, וואס דער אינערליכער בארוף שטעלט פאר איינעם אוועק.

לאסאל׳ס גאנצער ווילען איז געווען פון „אגיטאטארישען” כאראקטער, ניט אין דעם גאנגבארען זין פון ווארט, נאר אין זיין גרונד באדייטונג. דער באגריף „אגיטארע” (אגיטירען), אין געגענזאץ צו דעם באגריף „אגערע” (האנדלען) שליסט איין אין זיך פאלגענדען מיין: כסדר זיך כאפען אי פאר אלץ נייע אויסגאנגס־פונקטען פאר העפטיגער, אונערמידליכער, אונרוהיגער און אלץ פון דאס ניי זיך ווידערהאלענדער האנדלונג. זיין אויסערליכע אגיטאציע איז געווען בלויז דער לעצטער סימן פון אן אונאויפהערליכער אינערליכער אגיטאציע, וואס האט נערענט זיין

ווילען. און אַט די אינערליכע אַגיטאַציע איז זיין לעבען געווען; און איז אויך זיין טויט געוואָרען. ער האָט געלעבט אַ פולען לעבען בלויז אין געביעט פון ווילען (פּונקט ווי געטע, וועלכער, ווי ער האָט זיך אליין מודה געווען, האָט געלעבט אַ פולען לעבען בלויז אין געביעט פון פאַרנונפט). און אַט דער ווילען, ווען ער איז געווען אמת'דיג, ד. ה. ווען ער איז געווענדט געווען צו באַ־דייטענדע גרויסע ציעלען, פלעגט איהם דאָס מאַכען אונבאַזיעג־באַר; ווען אָבער דער ווילען איז געווען אַ ריין פאָרמעלער, ד. ה. ווען לאַסאַל איז נאָר אויסען געווען עקשנות — זיין ווילען דורכצופיהרען, אונטער אַלע אומשטענדען, איז ער געווען זיין קללה; איז ער געוואָרען זיין שיקזאַל; סוף כל סוף האָט ער איהם דעם טויט געבראַכט.

לאַסאַל'ס גבורה איז געווען זיין ווילען, אַזוי לאַנג ער האָט לאַסאַל'ען געדיענט, און ניט געמאַכט איהם דיענען צו זיך; ווען דער ווילען, אַלץ שטייגענדיג, האָט אָפּגערוקט אין הינטער־גרונד אָדער פאַרשאָטענט אַלע תאוות און נסיונות, נייגונגען און צו־שטרייאונגען, וואָס האָבען געזוכט לאַסאַל'ען אריינצוציהען און וועלכע, נאַטירליך, האָבען דעם יונגען לאַסאַל געקענט שטערען אין דער דורכפיהרונג פון זיינע פּלענער אָדער אין זיינע וויסענ־שאַפטליכע שטודיען. און דער ווילען איז געוואָרען זיין אומ־גליק, ווי אין לאַסאַל'ס לעצטער ליעבעס־געשיכטע, ווען אויפגע־הערט ביז ווילדקייט דורך דעם ווידערשטאַנד, האָט דער ווילען דערשטיקט אין לאַסאַל'ען די פאַרנונפט, די פאָרזיכטיגקייט, דאָס פאַרשטענדניס פון דער ווירקליכקייט און אפילו די ליעבע אין אַלע איידעלסטע נייגונגען פון זיין געמיט. אָבער ביז אַ צייט האָט לאַסאַל'ס ווילען אויפגעטאָן וואונדער: האָט אָוועקגעשטעלט פאַר איהם אַ דענקמאַל פון אונערמידליכער שעפּפערישער טע־טיגקייט.

1.

אָריגינאַליטעט און קלאָרקייט.

די יאָהרען 1862—1864, די צוויי לעצטע יאָהרען פון לאַ־סאַל׳ס לעבען, נעהמען ארום יענעם גאנצען טייל פון לאַסאַל׳ס טעטיגקייט, וואָס האָט געשאַפען פאר זיין נאָמען; אייראָפּעאישען רוהם. ווי צעהן יאָהר לעבענס־קראַפט וואָלטען זיך קאָנצענטרירט אין די צוויי יאָהר. א גרויל נעהמט אָן, ווען מען באטראַכט, וויפיעל ער האָט אָנגעארבייט אין דער קורצער צייט: צווישען מערץ 62 און יוני 64 האָט ער ארויסגעלאָזען אין דער עפענט־ליכקייט ניט וועניגער פון 20 ווערק, פון וועלכע דריי אָדער פיער זיינען סיי לויט זייער אינהאַלט און סיי לויט זייער גרויס גאנצע ווערק, און די מעהרסטע איבעריגע, ניט קוקענדיג אויף זייער קורצקייט און פאָפּולערען כאראקטער, ענטהאלטען אזא רייכטום פון פארנונפט און צייכנען זיך אויס מיט אזא שטרענגער וויסענ־שאַפטליכער אויסגעהאַלטענקייט, מיט וועלכע נאָר וועניגע גרויסע ביכער קענען זיך ריהמען.*) אויסער דעם האָט ער גלייכצייטיג

---

*) זיינע ווערק זיינען ערשיענען אין פאָלגענדער אָרדנונג:

1862. הערר יוליאַן שמידט, דער ליטעראַטור היסטאָריקער.
איבער דעם וועזען פון קאָנסטיטוציע.
דאָס ארבייטער פּראָגראַם.
פיכטע׳ס פילאָזאָפיע.
די וויסענשאַפט און די ארבייטער.
דער קרימינאַל פראָצעס פון צווייטער אינסטאַנציע.

1863. אינדירעקטע שטייערן.
מאַכט און רעכט.
וואָס איצט?
דער קרימינאַל פראָצעס פון דריטער אינסטאַנץ.
אָפענער ענטפער.
די ארבייטער פראגע.
ארבייטער לעזעבוך.

געהאלטען איין רעדע נאך דער אנדערער, געפיהרט פארהאנדלונגען מיט א גאנצער רייה ארבייטער־דעפוטאציעס, איז ארוים דער זיעגער פון א דוצענד פאליטישע פראצעסען, געגרינדעט דעם „אלגעמיינעם דייטשען ארבייטער־פאריין", פארוואלטעט מיט די געשעפטען פון פאריין און אנגעהאלטען א ריעזיגע קארעספאנדענץ. ער האט אנגעשטרענגט זיינע כחות ביז איבער דער מאס, ווי פאראויסזעהענדיג זיין נאהענטען טויט.

א מאדנע באשולדיגונג איז ארויסגעשטעלט געווארען, נאך לאסאל'ס טויט, געגען זיין גאנצער טעטיגקייט פון יענער פעריאדע: לאסאל'ען, הייסט עס, פעהלט אריגינאליטעט. די באשולדיגונג שטיצט זיך אויף א מיספארשטענדניס. די באשולדיגער זיינען, קענטיג, ווייניג באקאנט מיט די ווערק, איבער וועלכע זיי נעהמען זיך אורטיילען. און מערקווירדיג: ביי לאסאל'ס לעבען האבען זיינע שונאים דרייסט געלייקענט די ריכטיגקייט פון די געשיכטליכע פאקטען און עקאנאמישע געזעצען וואס לאסאל רעדט ארום אין זיינע ווערק. נאך זיין טויט אבער, האבען זיי א קעהר געטאן דעם פראנט און האבען גענומען טייטלען אויף דעם „איבער־ראשענדען מאנגעל פון אריגינאליטעט" אין די פאקטען, וואס ער ברענגט און וואס זייער ריכטיגקייט קענען זיי שוין ניט לייקענען.

אבער וואס שייך די עקאנאמישע פאקטען, צו וועלכע לאסאל קעהרט זיך אום אבער און ווידער אין דער לעצטער פעריאדע פון זיין לעבען, איז ער גאנץ ווייט דערפון ארויסצושטעלען זיך פאר זייער ענטדעקער: פארקעהרט, ער באטאנט זעהר שארף, אז דאס זיינען אלץ אמת'ען, וואס זיינען לאנג שוין אנערקענט פון דער וויסענשאפט; אז דאס זיינען גרונדזאצען, וואס שוין הונדערט

די פייערונגען, פרעסע און דער פראנקפורטער פארלאמענט.
צו די ארבייטער פון בערלין.

1864. הערר באסטיא־שולצע פאן דעליטש, אדער קאפיטאל און ארבייט.
האך־פארראט־פראצעס.
אן ענטפער אויף א רעצענזיע.
די ראנסדארפער רעדע.
דער קרימינאל־פראצעס פון 17טען יוני.

יאָהר ווי די לעהרביכער חזר'ן זיי איבער, און אז ער, לאַסאַל, טוט נאָר דאָס, וואָס ער ציהט פון זיי לאָגישע שלוסען, וואָס זיינע געגנער ערקלעהרען פאַר דער פרוכט פון זיין פאַנטאַזיע. ער באַשולדיגט קיינמאָל ניט זיינע געגנער, אז זיי שענקען ווייניג אויפמערקזאַמקייט זיינע ענטדעקונגען; ער באַשולדיגט זיי אָבער אין שטוינענדער אונוויסענהייט, און זיי באַווייזען עס מיט די פאַרוואורפען, וואָס זיי מאַכען איהם, אז ער כלומר'שט באַרופט זיך כסדר אויף נייע, אונערהערטע אומשטענדען (ווי צום ביישפּיעל אין דער פראַגע פון אינדירעקטע שטייערן.*)

קיין איין וויסענשאַפטליכען פאַרשער איז ניט איינגעפאַלען צו באַשולדיגען דעם אויטאָר פון „סיסטעם פון ערוואָרבענע רעכטען" אין מאַנגעל פון וויסענשאַפטליכער זעלבסטשטענדיגקייט און אָריגינאַליטעט. און וואָס שייך די ריין פּאָליטיש־עקאָנאָמישע אָדער גיכער די גרויסע טעאָרעטישע גרונד־פראַגען וועגען פּאָליטישער עקאָנאָמיע און רעכט, אין זייער געגענזייטיגער פאַרהעלטניס, איז פאַראַן בלויז איין דענקער, פיעל עלטער פון איהם אין יאָהרען, וועלכער האָט אויף לאַסאַל'ען (ווי אויך אויף מאַרקס'ען) געהאַט אַ באַדייטענדען איינפלוס — און דאָס איז קאַרל ראָדבערטוס־יאַגעדאָאַ, וועמען אַדאָלף וואַגנער רופט אָן דער ריקאַרדאָ פון עקאָנאָמישען סאָציאַליזם. אז דער דאָזיגער פאַקט פאַרקלענערט ניט אויף אַ האָר לאַסאַל'ס באַדייטונג אלס וויסענשאַפטליכען טעאָרעטיקער — איז זעלבסטפאַרשטענדליך, און אגב איז עס אויך קלאָר ארויסגעזאָגט געוואָרען פון וואַגנער'ן; און וואָס שייך יענע פונקטען, וואו ראָדבערטוס און לאַסאַל צוגעהען זיך וויסענשאַפטליך, האָט דער אויבענדערמאָנטער באַוואוסטער עקאָנאָמיסט זיך געשטעלט אויף לאַסאַל'ס זייט.

---

*) „די פאָרשטעהער פון דער וויסענשאַפט האָבען אין פאַרלויף פון יאָהרהונדערטע געקלאָגט אויף דעם, ביז עס האָט ענדליך אויך דערגרייכט די אויערען פון דער רעגירונג. בלויז איין פּראָקוראָר פון איין געריכט האָט ניט געהערט דעם טומעל, וואָס אַלע האָבען געהערט; ער האָט זיך פאַרקלעפּט די אויערן מיט טריוואַקס, ווי אָדיסעי געגען דעם געזאַנג פון די סירענען, — און דערפאַר דאַרף איך געהן אין געפענגניס? איז דאָס גערעכטיגקייט?—(„אינדירעקטע שטייערן").

די טעאָרעטישע באַגרינדונג פון דער אַגיטאַציע גופא איז אויך ניט אַן אַבסאָלוט אָריגינעלע ערפינדונג פון לאַסאַל'ען, כאָטש זי איז פון איהם אָריגינעל אויסגעאַרבייט געוואָרען; אָבער ער שרייבט זיך אויך ניט צו דעם כבוד, וואָס געהערט איהם ניט על פי רעכט. זיין גרונד־שטאַנדפונקט אַנטשפּרעכט גענוי יענע אַנשויאונגען, וואָס זיינען אייגענטליך געוועזן געמיינשאַפטליך פאַר דער גאַנצער דייטשער דעמאָקראַטיע פון יאָהר 1848. די דעמאָקראַטיע (וועלכע מען דאַרף ניט צונויפמישען מיט דער אָפּאָזיציאָנעלער קאָנסטיטוציאָנס־פּאַרטיי) האָט זיך גערופען די סאָציאַליסטישע אָדער קאָמוניסטישע פּאַרטיי, און דער „מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי" (אַנאָנים פאַרפאַסט פון מאַרקס און ענגעלס) ענטהאַלט אין אַ קורצער, צונויפגעדריקטער פאָרם און אין די שאַרפסטע, שניידענדסטע אויסדרוקען יענע אידעען, וואָס לאַסאַל האָט שפּעטער אויפגענומען און ווייטער ענטוויקעלט מיט דרייסטער ענטשלאָסענהייט, אָבער צוגלייך אויך מיט פּאָליטישער קלוגער אויסגערעכענטקייט. דער אַלטער סאָציאַליזם פון יאָהר 1848 שטעקט הינטער לאַסאַל'ס גאַנצער טעטיגקייט; די גאַנצע טעטיגקייט זיינע איז געווענדט צו יענעם סאָציאַליזם, כאָטש לאַסאַל האָט, אויס פּאָליטישער פּאָרזיכטיגקייט דירעקט זיך ניט באַרופען אויף איהם, און ערשט זעהר שפּעט — אין זיין סאַמע לעצטער רעדע — האָט ער צוגעגעבען, און דאָס אויך זעהר ניט גערן, אַז מען קען איהם אָנרופען סאָציאַליסט. און ווען צולעצט, אין איין פּונקט, ביים ערקלעהרען דעם כאַראַקטער און דעם בוי פון קאַפּיטאַל, שפּאַרט ער זיך אויף מאַרקס'ען, און נעהמט אָן ביז צו אַ געוויסען גראַד יענעמס לעהרע, זאָגט ער עס אָפען אַרויס און אין די וואַרימסטע ווערטער.

און ווען מאַרקס, וועלכער האָט אין פאַרלויף פון לאַסאַל'ס גאַנצער טעטיגקייט זיך געהאַלטען אָן אַ זייט, האָט נאָך יענעמס טויט ניט אָהן ביטערקייט ערקלעהרט, אַז לאַסאַל'ס עקאָנאָמישע לעהרען זיינען פריהער פון איהם פּראָקלאַמירט געוואָרען, האָט ער נאָר געדאַרפט צוגעבען, ניט פאַרמינערנדיג די באַדייטונג פון פאַרשטאָרבענעם לאַסאַל, אַז זיין אייגענטימליכקייט אַלס אַגיטאַטאָר איז באַשטאַנען און האָט געדאַרפט באַשטעהן, ניט אין טעאָרע־

טישער, נאָר אין פּראַקטישער אַרבייט, אין דעם וועג און אין דעם אופן פון זיין טעטיגקייט.

לאַסאַל אַליין פלעגט אָפט זאָגען, אַז אַ טעאָרעטישע אַרבייט איז דאָס בעסער, וואָס פולער פון דעם גרונד־געדאַנק עס קומען אַרויס איהרע אויספיהרונגען, אפילו די סאַמע לעצטע און די סאַמע ווייטסטע; פאַרקעהרט, אַ פּראַקטישע אַגיטאַציע איז דאָס מעכ־טיגער, וואָס מעהר זי קאָנצענטרירט זיך אַרום איין איינציגען ער־שטען פּונקט, פון וועלכען דאָס איבריגע קומט פון זיך אַליין אַרויס. און דאָ איז קיין שום מעגליכקייט ניטאָ אַרויסצואווייזען וועלכע עס איז וויסענשאַפטליכע אָריגינאַליטעט.

די קונסט צו דערגרייכען אַ פּראַקטישען רעזולטאַט באַשטעהט אין דעם, וואָס מען קאָנצענטרירט די גאַנצע קראַפט אַרום איין פּונקט, ניט קוקענדיג ניט רעכטס און ניט לינקס. אָבער פון אַ טעאָרעטישער אַרבייט קען מען נאָר פאָדערען איינס: אַז דער פּונקט זאָל אוועקגעשטעלט ווערען גענוג הויך, אַזוי אַז מיט דער צייט זאָלען פון איהם קענען אַרויסגעפיהרט ווערען אַלע זיינע קאָנזעקווענצען. דאָס אָריגינעלע ביי לאַסאַל׳ען איז, וואָס ביי איהם פאַלען צונויף: ערשטענס, טיפע וויסענשאַפטליכקייט מיט דער פעהיגקייט צו פּאָפּולאַריזירען זיינע קענטניסע, און, צווייטענס, די פעהיגקייט צו ווירקען אויף אַן אונקולטורעלע מאַסע מיט זיין פּשוט׳ען, פאַרשטענדליכען איבערגעבען אַן ענין, וואָס ביי איהם קאָמבינירט זיך דאָס מיט דער פעהיגקייט צו ווירקען דורך זיין וויסענשאַפטליכע גרינדליכקייט אויף אַ קליינעם אויסגעקליבענעם קרייז פון סאַמע ענטוויקעלטע קולטור־מענשען.*) פון ליטעראַ־רישען שטאַנדפּונקט ווייזט זיך דער מין אָריגינאַליטעט אַרויס אין דער קלאָרקייט, מיט וועלכער דער אַגיטאַטאָר קען איבער־געבען פאַר זיינע צוהערער די סאַמע העכסטע און די סאַמע לעצטע רעזולטאַטען פון דער וויסענשאַפט, ניט אָנקומענדיג צו די גרונד־פאָראויסזעצונגען פון דער וויסענשאַפט — דאָס איז יענע בולט׳ע באַשטימטקייט, ממש אָנצוטאַפּען מיט וועלכער עס איז אָפּגעשטעמ־פּעלט לאַסאַל׳ס יעדער אויסדרוק.

*) אָפּענער ענטפער, ז. 31; קאַפּיטאַל און אַרבייט, 174, באַ־מערקונג; פּראָצעס אין דיסעלדאָרף, 21; הויך־פאַראַט־פּראָצעס 33.

2.

פארלוימדונגען און קאמף.

יעדער ערנסטער שרייבער האָט פאַר זיך אַ שווערע אויפ־גאַבע — אַ דאָפּעלטע אויפגאַבע: ערשטענס, ווי זאָל איך האנד־לען, אום פון טאָג צו טאָג אויפהאַלטען מיין גייסט און שעפּפע־רישע שטימונג, בעת דאָס לעבען שליידערט כסדר שטיינער אין מיין געמיט און לאָזט ניט פארטיעפען זיך? און, צווייטענס, ווי קען איך צווינגען אייניגע טויזענד פון מיינע מיטבירגער, וועלכע זיינען אבסאלוט גלייכגילטיג צו מיין פערזענליכקייט, צו מיין לעבען און צו מיינע אינטערעסען צו לעזען מיין פראגע און נאָך מעהר — אזא ווילדע אידעע! — צו קויפען מיינע ביכער? אָבער וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט די טאָפּעלטע שוויריגקייט אין פאַרגלייך מיט די אונצעהליגע שוויריגקייטען, אויף וועלכע עס שטויסט זיך אָן אַ אָפּאָזיציאָנס־פיהרער, ווי לאַסאַל צום ביישפּיעל?

אַ שרייבער קען, ביז אַ געוויסען גראַד, צוזאָגען זיינע לעזער אַ פארגעניגען. אָבער וואָס קען צוזאָגען אַ פיהרער פון אַן אָפּאָ־זיציע, וואָס האלט ערשט אין געבאָרען ווערען, אַן אָפּאָזיציע, וואָס ער דאַרף ערשט אַליין באַשאַפען? מען קען צווינגען אַן ארמעע צו געהן אין פייער, צוזאָגענדיג איהר אַלס רויב די פּרוכטבארע טאָלען פון איטאַליען, — אָבער ווי קען איינער מאַכען זיינע אָנ־העננער געהן פאָראויס, ווען אַלץ וואָס ער קען זיי צוזאָגען מיט העכסטער וואהרשיינליכקייט און פולער זיכערהייט באַלד און אין דער צוקונפט — איז פארפאָלגונג און האס פון די ארומיגע, פאר־לוסט פון געלד און געזעלשאפטליכער אַמביציע, ליידענשאפטליכע זידלעריי אין די צייטונגען און טויזענדער שטערונגען אויף זייער לעבענס־וועג, די רואינע פון זייער צוקונפט און אפשר אויך זייער אייגענע רואינע? אַ פיהרער פון אַן ערשט אויפקומענדער אָפּאָ־

זיציע האָט ניט צו זיין דיענסט קיין אויסערליכע מאַכט. א גע־נעראל, א מיניסטער דאַרפען ניט אונבאַדינגט זיין מענשען באַ־זונדערס באַגאַבטע אין גייסטיגער באַציהונג; זיי קענען איינפאַך באַפעהלען, און מיט זייערע באַפעהלען קירעווען די מאַסען לויט זייער וואונש. א גרינדער פון אַן אָפּאָזיציאָנס־פּאַרטיי דאַרף אויס־פיהרען די אַלע זאַכען, ניט באַזיצענדיג קיין אויסערליכע אָדער פּראַקטישע מאַכט, בלויז מיט דער אינערער מאַכט פון זיין פּער־זענליכקייט, מיט זיין פעהיגקייט צו באַגייסטערען און איבערצו־געווינען אויף זיין צד, מיט זיין קונסט צו איבערצייגען און צו פאַנטאַזירען.

האָבען מוט פאַר זיך אַליין — דאָס איז לייכט. אין א שווערער מינוט קען מען צונויפלעגען די הענד און וואַרטען אויפ'ן סוף פון קריזיס, אָדער וואַרפען זיך מיט'ן קאָפּ אַראָפּ צום גרונד מיט דער האָפנונג, אַז אין נויטיגען מאָמענט וועסטו ווידער אַרויס־שווימען אויף דער אויבערפלעך, אָדער פאַרבייסען די ליפּען און מיט שטומער עקשנות זיך דורכשלאָגען דורך אַלע שטערונגען. אָבער ניט טאָרען קיינמאָל שווייגען! אַלעמאָל מוזען רעדען, גע־בען עצות, טרייסטען און געפינען אויסוועגען פאַר אַנדערע! האָבען דעם מוט פאַר צוואַנציג אַנדערע, וועלכע פאַלען יעדע מינוט אַריין אין מרה שחורה, פאַרלירען דעם קאָפּ און פאָדערען פון זייער פיהרער, ער זאָל אַריינבלאָזען אין זיי גלויבען אין דעם גליקליכען אויסגאַנג פון קאַמף, ווען איהם אַליין פעהלט אָפט דער גלויבען! ניט טאָרען אַרויסווייזען קיין סימן פון מידקייט אונטער דער גע־פאַהר, אַז אַניט וועט די גאַנצע נאָכפאָלגערשאַפט זיך וואַרפען צו דער ערד און בלייבען ליגען אין מיטען וועג! „טויט מיד, טויט מיד!" — דאָס איז דער סוף פסוק פון אַלע לאַסאַל'ס בריעף.

שרייבען יעדען טאָג ענטפערס אויף צעהן־פופצעהן בריעף, אויסער די, וואָס ווערען דורכגעלעזען און אָפּגעוואָרפען. קיין פּאָטשטאַליאָן געהט ניט פאַרביי אָהן דעם, ער זאָל ניט א קלאַפּ טאָן אין טיר און אַריינשטעקען א פּאַקעט מיט בריעף; נייע קלאַגען, נייע פראַגען, נייע דרינגענדע אַנגעלעגענהייטען, וועלכע פאָדערען גלייך ערלעדיגט צו ווערען, נייע מאַטערנישען!...

צוזאמען מיט בריעף, פעק צייטונגען. ווידער אָנפאלען, פאָר־דרעהענישען, באשולדיגונגען, באליידיגונגען פון אנאָנימען און ניט אנאָנימען! די פיינדליכע פרעסע — און די פרעסע פון אָנפאנג איז אונבאדינגט פיינדליך! — לאָזט ארויס צוויי מאָל טעגליך — אין דער פריה און אין אווענד, א צורייצטען געבריל, און ווען דער געבריל שרעקט אפילו קיינעם ניט, ווירקט ער דאָך אונבאוואוסט אויף דאָס גאנצע נערוועןֿ־סיסטעם. פאר א שטיק צייט האָט פאר לאסאל'ען געגאָלטען, וואָס ער זאָגט: „אזא קאָנצערט פון באנקראָ־טירטע מוזיקאנטען, וואָס האלט לעצטענס אָן טאָג איין טאָג אויס, האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געהערט; מען קען זיך אָנלאכען ביז אין טויט אריין". אָבער זיך אָנלאכען ביז אין טויט אריין אָדער זיך ערגערען ביז אין טויט אריין, די זאך ווערט דערפון ניט אנ־דערש, דער רעזולטאט איז „אין טויט אריין". עס איז, נאטירליך, קאָמיש, ווען א מאקסווירט, צום ביישפיעל, ענטדעקט, אז דער ארבייטס־לוין־געזעץ, וועגען וועלכען לאסאל רעדט, איז שוין לאנג אריינגעגעבען געוואָרען אין היסטאָרישען שמות־קאסטען, אָדער ווען א פויכער פארזיכערט, אז לאסאל פארשטעהט א וואָרט ניט אין פאָליטישער עקאָנאָמיע, אָדער ווען דער נירענבערגער ארביי־טער־פארבאנד ערקלעהרט, אז לאסאל איז דער „באצאָהלטער ווערק־צייג פון דער רעאקציע", אָדער ווען שולצע שרייבט זיין „יאָמער ענטפער". אָבער וואָס ניצט עס, ווען קיינער פיהלט ניט דעם קאָ־מיזם דערפון, ווען דאָס ליעבע פובליקום הערט אין דעם קאצענ־יאמער פון די צייטונגען די שטימע פון מאָראל און פון אמת'ער וויסענשאפט!

און אָט דערפיהלט ער די נויטינקייט צו דערלאנגען א מעכ־טיגען קלאפ, און דאָס באוואוסטזיין וועגען דער נויטיגקייט פון א זיעג פארוואנדעלט זיך שוין ביי איהם אין דאָס פאָראויסזעהן, וואָס עס קען פיהרען צו א זיעג. אין אזא שטימונג שרייבט ער צו ראָדבערטוס'ען, נאָכדעם ווי ער האָט געפאסט א באשלוס צו האל־טען א רעדע אין פראנקפורט:

„איהר זייט פאָלשטענדיג גערעכט, ווען איהר זאָגט, אז אזעל־כע דעבאטען לעזען ניט די פראגע, אָבער דאָס מאָל נויטיג איך זיך אין אזא דעבאטע. ווען מען באטראכט, ווי די בערלינער פרע־

סע האט אויסגענוצט די היגע ארבייטער־קאמעדיע, און אויך דאס, וואס אונז צו דיענסט שטעהט קיין איין פרעסע־ארגאן, וואו מיר זאלען קענען אויפהויבען אונזער שטימע, דארף איך אויפטאן עפעס אזוינס, וואס זאל מאכען אן עפעקט, וואס זאל מאכען שטוינען, וואס זאל צווינגען די בורזשואזע פרעסע צו ארבייטען פאר אונזער טובה וועגען. דארום מוז איך פאהרען אהין און מ ו ז זיעגען. איך נ ו י ט י ג זיך אין דעם. דאס גאנצע פובליקום דארט איז געשטימט געגען מיר, אלע ביז איין מאן, און האט מיך איינגעלאדען בלויז אויס העפליכקייט. אבער איך וועל אלץ שטעלען אין קאן. איך וועל א טרייסעל טאן מיט מיין רעוואלוציאנערער גריווע, שלעכט וועט זיין, ווען דער זיעג וועט מיר ניט געלינגען. אבער דער פאקט, וואס די פיינדליכקייט פון יענע פארבאנדען, זייער קאכען זיך געגען אונז איז אלעמען באקאנט, וועט פארגרעסערען אונזער טריאומף, אין פאל פון א זיעג, און טאמער ניט, איך פאל דורך, וועט עס ארויסנעהמען דעם גיפט פון דעם שטאך."

ער האט געזיעגט אין פראנקרייך, אבער פאר'ן ערפאלג פון זיין אונטערנעהמונג האבען זיך געפאדערט הונדערטע זיעגען, און זיעגען פון גאר אן אנדער כאראקטער. דערנאך איז געקומען א רייה ענטוישונגען, נאך וועלכע עס פלעגען געבארען ווערען אלץ נייע און נייע אילוזיעס וועגען ערפאלגען און זיעגען, וועגען דעם איינדרוק, וואס ער האט געמאכט, וועגען דער צאהל אנהענגער, וואס ער האט זיך ערווארבען. מיר ברענגען דא א נאך ניט פארעפענטליכטען בריעף, וואס מאלט אין העלע פארבען יענעם ווירבעל פון געשעהעניסען, יענע שנעל זיך דורכוועקסלענדע איינדרוקען, יענע פיבערישע טעטיגקייט, דורך וועלכע עס האט זיך געטראגען דאס לעבען פון לאסאל דעם אגיטאטאר.

„מיין טייערער מ. איך דאנק אייך פאר אייער בריעף. צוזאמען מיט דעם וועט איהר באקומען פאר אומזיסטער פארטיילונג 300 עקזעמפליארען פון מיין אויפרוף (צו די ארבייטער פון בערלין). עס מאכט דא א גראנדיעזען איינדרוק און וועט זיכער צוציהען אויף אונזער זייט די בערלינער ארבייטער מאסענווייז. ענדליך, ענדליך וועל איך זיך דורכשלאגען א וועג! ענדליך!

„וואס באטרעפט די אנדערע ווערק, קענט איהר פארטיילען

אומזיסט אַלע עקזעמפּליאַרען „דאַס וועזען פון קאָנסטיטוציע", וואָס איהר האָט ביי זיך. די איבעריגע ווערק געהערען ניט מיר, זיי זיינען דאָס אייגענטום אָדער פון ארויסגעבער אָדער פון פאריין.

„און איצט נאָך אַ פראַגע פון געוואַלדיגער וויכטיגקייט. עס איז אבסאָלוט נויטיג פאַר אונז צו האָבען אַ באַפאָלמעכטיגטען אין קעניגסבערג. דאָס איז ביז צום העכסטען גראַד וויכטיג. אומע־טום, וואו עס איז פאראן אַ באַפאָלמעכטיגטער, אָרגאַניזירט זיך אַ פאַרבאַנד. דאָס האָט מיר די ערפאַהרונג געוויזען. דארום בעט איך אייך, איהר זאָלט באַשטימען פאַר אַ באַפאָלמעכטיגטען אין קעניגסבערג דעם מייסטער־שטיינהאַקער שמידט, שרייבט איהם אַ ד ר י נ ג ע נ ד ע ן, דרינגענדען בריעף, אין וועלכען איהר זאָלט איהם אויפווייזען, אַז דאָס נעהמען אויף זיך די אויפגאַבע איז פּשוט זיין חוב און פאַרלאַנגט פון איהם גלייך אַן ערקלעהרונג, אַז ער נעהמט אָן, און נאָכדעם וועט איהר, ניט שפּעטער ווי אין אַ וואָך צייט, מיר צושיקען אַן אָפיציעלע מעלדונג וועגען דער באַ־שטימונג פון שמידט'ען, אַלס באַפאָלמעכטיגטען אין קעניגסבערג.

„די זאַך איז נעמליך, וואס אין אַ וואָך ארום וועל איך פאַר־עפענטליכען די אַלע באַשטימונגען, וואָס איך האָב לעצטענס גע־מאַכט אין פאַרשיעדענע טיילען פון דייטשלאַנד און מיר וואָלט זיך זעהר, ז ע ה ר געוואָלט צוגלייך מיט דעם צו פאַרעפענטליכען וועגען אייער באַשטימונג אין קעניגסבערג.

„דאָס דאַרף שאַפען זעהר אַ גוטען איינדרוק. איך רעכען פאָלשטענדיג דאַרויף, אַז מיין ביטע וועט אין צייט ערפילט ווערען."

מען פיהלט דעם ליידענשאַפטליכען באַפעהל אין דעם אונטער־שטרייכען פון איינצעלנע ווערטער! מען פיהלט, ווי אויף זיינע ליפען ברענען די ווערטער: איך פאָדער, איך הייס, איך וועל ניט דולדען קיין ענטזאַגונג! און אַז בלויז דורך אַ ווילענס־אָנשטרענ־גונג האַלט ער זיך איין, דערמאָנענדיג זיך, אַז אייגענטליך קען ער נאָר בעטען, און די געפיהלען, וואָס קוועלען איהם, געפינען זייער אויסדרוק אין דעם, וואס די ביטע פאַרוואַנדעלט זיך אין אַ שטורם.

דער, צו וועמען דער בריעף איז אַדרעסירט, שרייבט מיר:

„איהר זעהט פון דעם בריעף, מיט וועלכע אילוזיעס לאַסאַל האָט זיך ארומגעטראָגען נאָך אין אָקטאָבער 1863 וועגען דער קראַפט

פון דער באַוועגונג, וואָס ער האָט אויסגעדריקט אין זיין בריעף, איינפאַך דערפאַר, וואָס ניט אין קעניגסבערג און ניט אין גאַנץ פּרייסען האָט מען ניט געקענט געפינען קיין איין מענשען, וועלכער זאָל האָבען אַ גענינגענדע פאַרשטענדניס פאַר לאַסאַל׳ס אונטערנעהמונג און וועלכער זאָל האָבען חשק צו פאַרנעהמען זיך מיט אַגיטאַציע.״

און דאָ פאַל קיינמאָל אריין אין מרה שחורה! און ביי אַלע ענטוישונגען און ביי דער גאַנצער זאָרג און קלעמעניש גרייט זיך צו נייע ארויסטרעטונגען, נייע רעדען! און זייענדיג ניט זעלטען גאָר ניט אין פּאַסענדער שטימונג — מיד, הייזעריג, פאַרפּייניגט פון ארבייט מאַך אַן אויסשטעלונג פון דיין פּערזענליכקייט און וויין אַ מינע פון אַן אונבאַזיעגבאַרען! געה ארויס מיט אַ פרישען, מונטערען געמיט נאָך אַן אומזיסטער צייט־פאַרשווענדונג אויף אונענדליכע אונטערהאַנדלונגען; גרייט זיך אָן מיט שאַרפע געדאַנקען פאַר אַ לייכט זיך אויפרעגענדען, אונגעהובעלטען, האַלב־פיינדליכען המון; געפין ביי דיין ארבייטער־טיש אַ טרעפענדען, צינדענדען וואָרט, אַ געלונגענע, איבערצייגענדע, מייסטערהאַפטע ווענדונג, אַן אָראַטאָרישע פיגור, וואָס זאָל זיך איינקריצען אין זכרון!

3.

לאסאַל אַלס אָראַטאָר.

פאַנאַנדערקלייבען זיך אין דער פאָרמעלער זייט פון לאַסאַל'ס אַגיטאַציע מיינט שטודירען איהם אַלס אָראַטאָר.

אין דער באַציהונג איז ער קענטיג געווען ניט באַזונדערס באַגאַבט פון דער נאַטור, ווען מען זאָל ניט רעכענען זיין אויסערגעוועהנליכען זכרון; ער האָט דערצעהלט איינעם פון מיינע באַקאַנטע, אַז נאָך אינגעלווייז האָט ער געקענט אויסווענדיג די גאַנצע „איליאַדע" און „אָדיסעע", און זיינע לאַנגע לעקציעס (וועלכע זיינען קיינמאָל ניט געווען אימפּראָוויזירט) פלעגט ער אַלעמאָל לייענען וואָרט ביי וואָרט, ווי ער האָט זיי געשריבען, ניט אַריינקוקענדיג אין מאַנוסקריפּט. אין געוועהנליכען געשפּרעך איז זיין שטימע געווען שרייעדיג, מיט אַ גרילץ; ער האָט נאָך צוגעשטאַמעלט אויך. אָבער ווי נאָר ער פלעגט זיך שטעלען רעדען פאַר אַ פּובליקום, פלעגען די חסרונות פאַרשווינדען, און זיין שטימע פלעגט קלינגען שעהן און שטאַרק. ער האָט פון זיך אויסגעאַרבייט אַן אָראַטאָר דורך זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט, און דאָס איז, ווי עס שיינט, די בעסטע שולע פאַר אַן אָראַטאָר.

אין אַלטען רוים איז געווען די אַלגעמיין אָנגענומענע מיינונג, אַז די קונסט פון רעדען לערענט מען דורך האַלטען רעדען; אָבער ציצעראָ, וועלכער אין הלכות שעהנרעדנעריי איז אַן אונבאַשטרייטבאַרער אויטאָריטעט, שטעלט זיך אויף דעם ענטשיעדענסטען אופן געגען דער דאָזיגער מיינונג („דע אָראַטאָרע" 1, 33). „פּונקט מיט אַזא באַרעכטיגונג, — זאָגט קראַס אין ציצעראָ'ס דיאַלאָג, — וואָלט מען געקענט זאָגען, אַז דורך האַלטען שלעכטע רעדען לערענט מען קונסט פון שלעכט רעדען". „ניין — זאָגט ער ווייטער — דער עיקר איז — שרייבען אַ סך. שרייבען — דאָס איז דער בעסטער ערציהונגס־מיטעל פאַר דעם אָנפאַנגער רעדנער".

איך מיין, אַז דאָס איז ריכטיג אין באַצוג צו רעדען, וואָס דאַרפען מאַכען אַן עפעקט ביים לייענען זיי, נאָכדעם ווי זיי זיינען געהאַלטען געוואָרען. אָבער אום אַ רעדע זאָל מאַכען אַ שטאַרקען איינדרוק בשעת זי ווערט געהאַלטען, איז גאַר ניט נויטיג דורכ־צומאַכען די שולע פון שרייבעריי. צום ביישפּיעל, די רעדען פון ריאָמבעטאַ, וועלכע פלעגען מאַכען אַ מעכטיגע ווירקונג דורך זייער שעהנקייט און פייער, ווירקען ווייט ניט אַזוי שטאַרק ביים לייענען. זיי ענטפערען אויף פראַגען פון מאָמענט, אָבער זיי ענטהאַלטען ניט גענוג געדאַנקען, צוצושמידען צו זיך דעם אינטערעס אויף לאַנג; זיי זיינען אויך ניט אַזוי צוזאַמענגעשטעלט, אַז זייער סטיל, זייערע ווענדונגען זאָלען זיי צוגעבען אַ ליטעראַרישע באַדייטונג. און דאָס דוקא איז, וואָס צייכענט אויס לאַסאַל'ס רעדען: דער הויכער, ברייטער שוואונג ביים באַהאַנדלען די פראַגען, די קלאָר־קייט און נייקייט פון די געדאַנקען, דער מעכטיגער הינטערגרונד פון געלעהרזאַמקייט, וואָס דער אָראַטאָר שטעלט ניט ארויס, אָבער דער צוהערער פיהלט, וואָס דאָס אַלץ געהט צוזאַמען מיט דער קורצקייט און קרעפטיגקייט פון סטיל — די אַלע מעלות גיבען צו לאַסאַל'ס בעסטע רעדען אַ פעסטען ליטעראַרישען ווערט.

די אַלטע, ווי קווינטיליאַן צום ביישפּיעל, האָבען איינגעטיילט די רעדע־קונסט אין צוויי גאַטונקען — די אַזיאַטישע און אַטישע (גריכישע), אין בלענדענדע און טרוקענעם סטיל. האַלטענדיג זיך ביי דער איינטיילונג, דאַרף מען לאַסאַל'ס רעדע־קונסט אָהן צוויי־פעל צושרייבען צו דער צווייטער גאַטונג: זי איז טרוקען און אָדער־דיג, ווען צום ביישפּיעל די שעהנרעדעריי פון אָרל לעמאַן, בילדער־רייך און שטורמדיג געהערט צו דער ערשטער גאַטונג. נאָר אין איין וויכטיגען פונקט איז לאַסאַל ווייט ניט קיין אַטיקער, — נעמ־ליך, אין זיין ליידענשאַפט פאַר איבערטרייבענדע בייוואָרטער, פאַר סופערלאַטיווען. עס איז זיך קוים פאָרצושטעלען, מיט וואָס פאַר אַ שמחה ער קלעטערט אויף די משופּע'דיגסטע בערג, מיט וואָס פאַר אַ חשק ער זוכט דאָס אויס און וואַרפט צונויף סטיליסטישע פערל, ווי אַ שטייגער: „גראַנדיעז", „שוידערליך", „געוואַלטיג", „אונגעהייער" א. ז. וו.

אין דעם פאַל איז מעטערניך מיט זיין געפליגעלט ווערטעל:

דער סופערלאַטיוו איז דער סימן פון נאַראָנים — געבליבען ניט גערעכט. אָבער אפילו ווען אַזעלכע גראָבע מיטלען ווערען גע־בראכט פון טאַלענטפולע מענשען זיינען זיי נאָך אַלץ גראָב און פלאַך. יענער דייטשער שריפטשטעלער (פריעדריך שפּיעלהאגען), וועלכער האָט זיך אַם מעהרסטען און אויפ׳ן געניאַלסטען אופן אָפּגעגעבען מיט לאַסאַל׳ען, האָט איינמאָל, רעדענדיג אין מיין גע־גענוואַרט וועגען לאַסאַל׳ען, זיך ערלויבט אַזאַ שאַרפען אויסדרוק: „ער האָט קיין געשמאַק ניט געהאַט". דאָס איז צו שטאַרק גע־זאָגט, אָבער אַז לאַסאַל׳ס געשמאַק איז ווייט ניט געווען קיין פעסט־געשטעלטער — דאָס לאָזט זיך זאָגען מיט פולען רעכט. ער האָט ווייניג וואָס געלערענט פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, כאָטש ער איז זיכער באַקאַנט געווען מיט איהרע בעסטע מוסטערען.

איך האָב שוין אויבען דערמאָנט, ווי ער לאָזט פריעדריך פאָן הוטען מיט דער גרעבסטער באַריהמעריי דערצעהלען וועגען זיין גרויסקייט. רעדענדיג וועגען די מאָטיווען, וואָס פאַרוועזירען איהם צו פאַרבינדען דעם שיקזאַל פון זיין געליעבטער מיט זיין אייגענער אונזיכערער, פול געפאַהרען, עקזיסטענץ, דריקט זיך אולריך אויס אַזוי, ווי ער וואָלט מיט איין זעץ געקענט צושמעטערען דעם גאַנ־צען ערדקוגעל. אַן אַנדערש מאָל וועלענדיג באַשרייבען צוגלייך זיין גרויסקייט און זיין טראַגישען שיקזאַל, צורעדט ער זיך:

איך האָב אויפ׳ן באַלטישען ים אויף אַ שיף זיך געזעצט;
דיָס שיף האָט מיר ד ע ר ט ר אָ ג ע ן ניט געקענט
און האָט געליטען ברוך...

געשמאַקלאָזע באַריהמעריי! אָבער אַזאַ ניט פאַרשטעהן פון דעם קאָמישען עלעמענט אין איבערטרייבונגען וועט איהר אין לאַ־סאַל׳ס אייגענע רעדען ניט באַגעגענען. נאָר אין איינצעלנע זעל־טענע פאַלען זיינען די בילדער, דורך וועלכע ער זוכט צו מאַכען דעם שטאַרקסטען איינדרוק, אַזוי ניט געלונגען, אַז זיי רופען אַרויס אַ שמייכעל. אין זיין ערשטער „רעדע פאַר די געשוואָרענע" רעדט ער פון די „שטראָף־געטינס פאַר דעם געטויטעטען באָדען פון רעכט"; אין זיין בראָשורע: „די וויסענשאַפט און די אַרבייטער"

רעדט ער וועגען „דעם שטאָלץ זיך שטרעקענדען בוים פון וויסען, וואָס ווערט מיט טיעפער עהרפורכט איבערגעגעבען פון דור צו דור.“ *)

טויטען דעם באָדען פון רעכט, איבערגעבען דעם בוים פון וויסען — דאָס זיינען אָהן ספק איבערטריבענע עפעקטען, נאָר אין אַ מייסטערהאַפטען בילד קען דער אָדער יענער שטריך צו בולט ארויסגעבראַכט ווערען, ניט איבערפיהרענדיג דעם אַלגעמיינעם איינדרוק.

איך האָב געזאָגט, אַז לאַסאַל'ס סטיל איז טרוקען; בילדער זיינען ביי איהם ווייניג און קורץ אויסגעדריקט. דערפאַר אָבער זיינען זיי נאָך בעסער אין יענע זעלטענע פאַלען, ווען ער באַנוצט זיך מיט זיי.

דאָס בילד ביי לאַסאַל'ען דיענט קיינמאָל ניט נאָר אַן איינ־פאַכער באַפוצונג פון דער שפּראַך; עס איז אַלעמאָל אַ לאָגישער פּירוש צום סאַמע עצם, צום תוך פון דער פראַגע; עס דיענט דאַרום צו דער לאָגישער ענטוויקלונג פון דער רעדע; העלפט גלייכצייטיג צו קריסטאַליזירען דעם געדאַנק און אָנצושאַרפען דעם אינטערעס פון דעם צוהערער.

לאָמיר נעהמען אַ ביישפּיעל: אין זיין „רעדע פאַר די גע־שוואָרענע“ האָט לאַסאַל געדאַרפט אויסטייטשען אַ געוויסען שווע־רען פונקט אויף אַ גינסטיגען אופן פאַר זיך. עס האָט זיך גע־האַנדעלט וועגען דעם: ער האָט גערופען דאָס פאָלק צו אַ באַוואַ־פענטען אויפשטאַנד פאַר דער פאַרטיידיגונג פון דער געשטירצטער קאָנסטיטוציע, וואָס צווישען אַנדערעס האָט זי אויך געהאַט איינ־געשלאָסען אַלגעמיינע וואַהלרעכט. פאַרטיידיגענדיג זיך, האָט לאַ־סאַל ערקלעהרט, אַז די רעגיערונג מיט איהר געוואַלט־איבערקעהר־רעניש האָט באַליידיגט דעם קלאָר אויסגעדריקטען ווילען פון פאָלק, האָט זיך אויסגעלאַכט פון איהם. אָבער איצט האָט דאָס פאָלק מאַכענדיג נייע וואַהלען לויט דעם נייעם דריי־קלאַסיגען וואַהל־

*) „אָבער מעכטיגער פון זיי אַלע, איז כסדר געוואַקסען דער שטאָלץ זיך שטרעקענדער בוים פון וויסען, וואָס ווערט מיט הייליגער עהרפורכט איבערגעגעבען פון דור צו דור“ — „די וויסענשאַפט און די ארבייטער“, זייט 3.

געזעץ פון 8טען דעצעמבער, אזוי ווי אליין אנערקענט די קאָנסטיטוציע, וואָס איז אויף איהם ארויפגעצוואונגען געוואָרען. די רעגיערונג אין איהר באשולדיגונגס־אקט האָט זיך בארופען אויף דעם.

לאַסאַל צוקלאַפּט די טענה פון דער רעגיערונג:

„מיט וואָס פאר א שפּיצעל וויל מען דאָס אונז מאַכען גלויבען אין דעם אומגעלומפּערטען שלום, אַז דאָס פאָלק דערמיט, וואָס עס האָט זיך באטייליגט אין די וואַהלען, אום צו שאַפען זיך אַן אָרגאַן, אום צו האָבען פּאַרקעמפער, וועלכע זאָלען פאר איהם צוריקגעווינען די פרייהייט, וואָס איז ביי איהם גערויבט געוואָרען, אַז דאָס פאָלק האָט דערמיט שוין ווי מסכים געווען צום רויב! איך וועל ברענגען דעם ערשטען בעסטען ביישפּיעל, וואָס פאַלט מיר איין. ווען א גזלן האָט זיך צוגע׳גנב׳עט צו מיר א שלאָפענדיגען און האָט ביי מיר ארויסגעריסען א טייערען קלינגעל — פיינע דמשק־אַרבייט — און האָט מיר איבערגעלאָזען אַנשטאָט דעם א פּראָסטען מיאוס׳ען שטעקען, און איך, זיך אויפכאַפּענדיג, האָב גענומען דעם שטעקען און זיך א וואָרף געטאָן אויפ׳ן גזלן, אום איהם צו טויטען און זיך אומצוקעהרען מיין גוטס, שוין זשע האָב איך, באנוצענדיג זיך מיט׳ן שטעקען, דערמיט שוין צוגעגעבען, אַז דער שטעקען איז מיר אויפ׳ן געזעצליכען אופן אויסגעביטען געוואָרען אויף מיין דמשק־קלינגעל?“

איז דער פארגלייך ווירקליך א צופעליגער, דער ערשטער, וואָס איז איהם געקומען אויפ׳ן געדאנק. אדער ער איז צוגעטראַכט געוואָרען נאָך לאַנגער מיה — אַלץ איינס, מיר קומט פאָר, אַז דאָס איז א מייסטערהאַפטער פארגלייך. ניט נאָר פארהאַלט ער ניט דעם געדאנקען־גאַנג, ניט נאָר באלייכט ער די אידעען־פארהעלטניס, וועגען וועלכער עס רעדט זיך דאָ, נאָר ער מאַכט אוועק מיט אַן ערנסטער שטערונג, וואָס אום זי אַפּצוראַמען פון וועג וואָלט זיך געפאָדערט א לאַנגע קייט פון קאָמפּליצירטע לאָגיש־פּאָליטישע פּירושים. דער פארגלייך באַפּוצט ניט די רעדע, נאָר באַפליגעלט זי.

אָפט געלינגט לאַסאַל׳ען אריינפּרעסען א געדאנק אין איין איינציגען פארגלייך אויף אזא טרעפענדען אופן, אַז ער גיט זיך נאָכדעם איבער פון מויל צו מויל, אלס די קווינט־עסענץ פון לאַ־

סאַל'ס געדאַנקען־גאַנג. אזוי, צום ביישפּיעל, ערקלעהרענדיג אין זיין „אַרבייטער פּראָגראַם" דעם שייכות צווישען דעם אַרבייטער־שטאַנד און דער גרונד־אידעע פון דער 19טען יאָהרהונדערט, שרייט ער אויס:

„דער הויכער, אַלוועלטליך־היסטאָרישער כבוד, וואָס איז פאַר־בונדען מיט דער באַשטימונג צו ווערען דער הערשענדער שטאַנד, דאַרף קאָנצענטרירען אַלע אייערע געדאַנקען אויף זיך. די קליינע עבירה'לאַך פון אונטערדריקטע, די פּוסטע צושטרויאונגען פון די ניט דענקענדע און דער עלענדער לייכטזין פון די נישטיגע — דאָס אַלץ איז אומווירדיג פאַר אייך. איהר זייט דער פעלז, אויף וועלכען עס וועט אויפגעשטעלט ווערען דער טעמפּעל פון דער געגענוואַרט."

פּונקט אזוי טרעפענד איז דער פּלאַץ, וואו ער כאַראַקטערי־זירט בילדליך די שטאַאַטס־פילאָזאָפיע פון דער מאַנטשעסטער שולע:

„די בורזשואזיע פאַרשטעהט דעם מאָראַלען צוועק פון שטאַאַט אויף אזא אופן: דער צוועק באַשטעהט אויסשליסליך אין דעם אָפּצוהיטען די פּערזענליכע פריהייט פון יחיד און זיין אייגענטום. דאָס איז די אידעע פון א נאַכט־וועכטער, מיינע הערען, די אידעע פון א נאַכט־וועכטער דערפאַר, ווייל זי שטעלט פאַר דעם שטאַאַט אין דער געשטאַלט פון א נאַכט־וועכ־טער, וואָס זיין גאַנצע טעטיגקייט איז אין דעם צו פאַרבאָטען אייב־ברוך און גנבה."

אין ציצעראָ'ס צייט (דע אָראַטאָרע, 2, 28) פלעגט מען דעם אָראַטאָר שטעלען א דרייפאַכע אויפגאַבע: באַלערנען די צוהערער, געווינען זיי און וועקען צו טעטיגקייט. אום צו געווינען דעם צוהערער, שטעהט עס ביי ציצעראָ, דאַרף מען זיך ארויסשטעלען פאַר איהם אין שיין פון העפליכקייט און מענשליכקייט, און ציצעראָ גיט נאָאיוו צו: דאָס וועט ניט זיין שווער פאַר דעם אָראַטאָר, ווען ער איז נאָר א לייטישער מענש — ער דאַרף נאָר קענען די אָנשויאונגען און נייגונגען פון זיינע צוהערער.

עס איז באַקאַנט, מיט וועלכע מיטלען עס פלעגען זיך באַ־

נוצען די אָראַטאָרס פון אַלטערטום, אום צוצוציהען צו זיך זייער פּובליקום, און מיט וועלכע קונץ־שטיק (ווי אָנווייזען אויף די ווייגענדע קינדער פון אָנגעקלאָגטען) די היינטיגע אדוואָקאטען זוכען צו ווירקען אויף די געשוואָרענע. לאַסאַל האָט אָבער קיינמאָל ניט פּרובירט ווייך צו מאַכען די הערצער פון זיינע ריכטער מיט אזעלכע מיטלען, נאָר, פארקעהרט, ער פלעגט זיך האַלטען גענען זיי שטאָלץ און גדלות'דיג, און אום איבערצוגעווינען אויף זיין זייט די יעניגע, פון וועמען זיין שיקזאַל איז אָפּהענגיג געווען, האָט ער נאָר גערעכנט מיט דער רוהיגקייט און גייסטיגער שעהנקייט, וואָס ער פלעגט ארויסווייזען ביים אויסהערען דעם אורטייל.

איך האָב שוין פריהער געבראַכט ביישפּיעלען פון לאַסאַל'ס פעהיגקייט צו קריסטאַליזירען דעם געדאַנק און צו באַלערנען זיינע צוהערער מיט דער הילף פון בילדער. אָט איז א ביישפּיעל פון א מערקווירדיגען מיטעל, וואָס לאַסאַל האָט אָנגעווענדט צו געווינען אויף זיין זייט זיינע ריכטער — א בילד, וואָס האָט זיין גלייכען ניט אין רעדנער־קונסט:

„אויף א מענשען, וועלכער, ווי איך האָב שוין ערקלעהרט, האָט געווידמעט זיין לעבען דעם לאָזונג: „די וויסענשאַפט און די ארבייטער", מאכט יענער אורטייל, מיט וועלכען מען פארשפּאַרט איהם דעם וועג, פונקט אזא איינדרוק, ווי די עקספּלאָזיאָן פון דער גלעזערנער כלי אויף א כעמיקער, וואָס איז פארטיעפט אין ווי־סענשאפטליכע אונטערזוכונגען. ער וועט זיך לייכט א קרים טאָן איבער דעם ווידערשטאַנד, וואָס דער שטאָף, וואָס ער פאָרשט, ווייזט ארויס, אָבער האָט ער בייגעקומען דעם ווידערשטאנד, וועט ער רוהיג פאָרטזעצען זיינע אונטערזוכונגען.

אָבער צוליעב'ן פאָלק און זיין עהרע, צוליעב דער וויסענשאפט און איהר ווירדע, צוליעב'ן לאַנד און איהר געזעצליכער פרייהייט... פאָדער איך אייך אויף, הער פאָרזיצענדער און הערען ריכטער: זאָל אייער אורטייל זיין פריישפּרעכונג!"

און צולעצט, ווען לאַסאַל וויל מיט א רעדע ניט באַלערנען זיינע צוהערער און ניט צוציהען זיי צו זיך, נאָר באַצוועקט בלויז אייגנס — אויפצואוועקען זיי צו טעטיגקייט, דאַן קריגען די ביל־

דער, וואָס ער מאָלט, און דער גאַנצער טאָן פון זיין רעדע אַ קריעגע־רישען כאַראַקטער. די מעהרסטע פארגלייכען אַנטלייהט ער דאַן פון די צייטען פון קאַמף און מלחמות. איין רעדע זיינע שליעסט ער אויף אַזאַ אופן:

„אויב אַזוי, איז קיין פלאַפלערייי וועגען וואַפענשטילשטאַנד, מיינע העררען! איהר האָט גענוג זיך אַנגעליטען, אום ניט צו וויסען, וואָס איז אַזוינס דער אַלטער אַבסאָלוטיזם, אַלזאָ, אַוועק מיט אַלע קאָמפּראָמיסען, נאָר: די האַנד ביים גאָרגעל און די קניה איין ברוסט!"

אין אַן אַנדער פלאַץ ווענדט ער זיך צום ארבייטער־שטאַנד ער זאָל זיך אַנשליסען אָן זיין פאריין, און זיין ווענדונג איז אויס־געהאַלטען אין ריין מיליטערישען סטיל:

„די וויכטיגסטע צענטרען פון דייטשלאַנד זיינען שוין ער־אָבערט. די אינדוסטריעלע געביעטען פון לייפציג און זאַקסען זיינען מיט אונז. האַמבורג און פראַנקפורט אַם מיין מאַרשירען אונטער אונזערע פאָהנען.

דער פרייסיש־רהיינישער געביעט געהט פאָראויס אין אַטאַקע. ווען בערלין וועט זיך שטעלען אויף אונזער צד, דאַן איז אונ־זער באַוועגונג אונבאַזיעגבאַר.

שוין זשע וועט איהר, ארבייטער פון בערלין, נעהמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר אַזאַ שווערע שולד: אַז איהר האָט מיט אייער האַנדלונג אָפּגעוואָרפען צוריק אָט די גרויסע דייי־טשע באַוועגונג און געשטערט דעם טריאומף פון אונזער אַלגע־מיינער זאַך?

שוין זשע וועט איהר, ארבייטער פון דער הויפּט־שטאָדט, אויף וועמען עס ליעגט די פליכט צו געהן די ערשטע, פאַר אַלעמען, וועלען ארויפציהען אויף זיך דעם פאָרוואורף, אַז איהר זייט געווען די לעצטע אַנצושליעסען זיך אָן דער באַוועגונג?"

אַזעלכע בילדליכע אויסדרוקען, ווי אַ זעץ מיט'ן „שלאַכט־בייל", „מאַנעווורעס", „באַטאַליאָנען", „אייזערנער אָרם", „אייזער־נער געזעץ" א. ז. וו. באַגעגענט איהר כסדר אין זיינע רעדען. איינגעלאַדען פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי צו קומען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון איהר אייגענעם ארבייטער־פאַריין אין פראַנקפורט,

באַווייזט ער דורך צוויי רעדעס, געהאַלטען איינע נאָך דער אַנדערער, איבערצוגעווינען אויף זיין זייט אַ פּובליקום, וואָס איז אין אָנפאַנג פיינדליך געשטימט געווען געגען איהם. אַט ווי ער אַליין דריקט זיך אויס וועגען דעם:

„איך האָב צושלאָגען די פּראָגרעסיסטען אין אַ צוויי־טאָגיגער שלאַכט מיט דער הילף פון דער אַרמעע, וואָס זיי האָבען ארויסגע־שטעלט געגען מיר."

באַשולדיגט אין וועלען ארויסרופען אַ רעוואָלוציע, כאַראַק־טעריזירט ער די רעוואָלוציע, וועלכע ער וויל ניט ארויס־רופען, אָבער וואָס אין איהר קומען איז ער איבערצייגט, אויף אַזאַ אופן:

„זי וועט קומען אָדער אין פולען גלאַנץ פון געזעצליכקייט, מיט אַלע מתנות פון פריעדען, ווען מען וועט זיין גענוג קלוג, פון אויבען און אין צייט צו ענטשליעסען זיך אויף אַלץ — אָדער זי וועט זיך אריינרייסען פלוצלונג, נאָך אַ געוויסען צייט־פאַרלויף, באַגלייט מיט אַלע קרעמפּף פון געוואַלט, מיט ווילד צושויבערטע לאָקען, מיט אייזערנע פּאַנטאָפלען אויף די פיס."

דאָס ציעל־ברעט פון לאַסאַל'ס מעהרסטע אָנפאַלען, געגען וועלכע ער פיהרט זיין קריעגערישען ברען, איז דער אָרגאַן פון דער מאָדערנער בורזשואַזיע, איהר קנעכט און האַר: די פּרעסע. ווער עס וויל שטודירען לאַסאַל'ס ציעל, ווען, ווי די אַלטע פלעגען זיך אויסדריקען, „ער רופט צו טאַטען", דער מוז שענקען זיין הויפּט אויפמערקזאַמקייט זיין קאַמף מיט דער פּרעסע. דער קאַמף לויפט דורך ווי אַ רויטער פאָדים דורך אַלע זיינע ווערק. פאַר דער כאַ־ראַקטעריסטיק פון לאַסאַל'ס פּאָלעמישער קונסט, פון זיין טאָן און סטיל, וועל איך ברענגען אַ שטעלע פון זיין אַ בראָשורע, וועלכע האָט אין דער באַציהונג פאַר אונז דעם גרעסטען אינטערעס (די פייערונגען, די פּרעסע א. ז. וו.):

„די זשורנאַליסטען וועלען, נאַטירליך, קיינמאָל זיך ניט ווע־לען מודה זיין, אַז זיי מאַכען אַ רייה פערזענליכע הנחות צו דער רעגיערונג אויס ריין געשעפטליכע מאָטיווען... דאַרום בלייבט זיי איין זאַך צו טאָן: צו דעמאָנסטרירען און אויסצוטייטשען פאַר'ן

פאָלק אַט די ריין געשעפטליכע הנחות, אלס שאַפען אויף דעם ענטוויקלונגס־וועג פון פאָלקס־גייסט, אלס פּראָדוקטען פון פאָלקס־לעבען, אלס פאָלקס־רעטענדע קאָמפּראָמיסען, און אויף אזא אופן אפּשוואכען און פארשוועכען און דערנידריגען דעם פאָלקס־גייסט ביז צו א גראַד, וויפיעל עס איז נויטיג דער צייטונגס־געשעפט זאָל בליהען...

אָבער ווער עס וויל מאַכען געלד, דער זאָל פאבריצירען באַוועל, אָדער טוך אָדער שפּיעלען אויף דער בערזע. אָבער צוליעב געמיינעם ריוח פאַר'סמ'ען אַלע קוועלען פון פאָלקס־גייסט און טאָג איין טאָג אוים צאַפּען פון טויזענדער קראַנגען גייסטיגען טויט פאַר'ן פאָלק — דאָס איז דער גרעסטער פארברעכען, וואָס איך קען זיך נאָר פאָרשטעלען !...

מיט א הארץ, פול טרויער, וואָג איך צו זאָגען : ווען עס וועט ניט קומען צו א פאָלשטענדיגער איבערקעהרעניש אין אונזער פרעסע, ווען אַט די צייטונגס־פּעסט וועט בושעווען נאָך א 50 יאָהר וועט אונזער פאָלקס־גייסט פארדאָרבען און פארקריפּעלט ווערען ביז צו זיינע טיעפסטע טיעפענישען ! וואָרום פאַרשטעהט : ווען טויזענדער צייטונג־שרייבּאָרעס, אַט די מאָדערנע פאָלקס־לעהרער, טרומייטערן אריין דעם פאָלק, טאָג איין טאָג אוים, זייער טעמפּע אונוויסענהייט, זייער געוויסענלאָזיגקייט, דעם האַס פון זייער אָהנמעכטיגען סרים גייסט צו אַלץ, וואָס איז אמת און גרויס אין פאָליטיק, אין קונסט, אין וויסענשאפט — טרומייטערען עס אריין דעם זעלבען פאָלק, וואָס אין גלויבען און צוטרוי כאַפּט זיך פאַר דעם סם, מיינענדיג צו שעפּען פון איהם גייסטיגע קראַפט — דאַן מוז דער פאָלקס־גייסט אונפארמיידליך אומקומען, מעג ער אפילו דריי מאָל בעסער זיין, ווי ער איז. אפילו דאָס סאַמע באַגאַבטע פאָלק, די גריכען, וואָלטען ניט אויסגעהאַלטען אזא פּרעסע !...

איך האָב אייך שוין אָנגעוויזען, אז די הפקרות פון דער פּרעסע האָט זיך מיט נויטווענדיגקייט גענומען דערפון, וואָס זי, אונטער דעם אויסרייד צו דיענען די גייסטיגע אינטערעסען, איז פארוואַנדעלט געוואָרען צוליעב די אַנאָנסען אין א געשעפט, אין א געלד־ספּעקולאַציע. די פראַגע, אַלזאָ, איז איינפאַך אין דעם

צו צוטיילען דיביידע זאַכען, וואָס האָבען גאָר נישט געמיינ־שאַפטליכעס צווישען זיך. אויף וויפיעל די פּרעסע דיענט די גייסטיגע אינטערעסען, קען זי פאַרגליכען ווערען מיט אַ פאָלקס־לעהרער, מיט אַ פּרעדיגער אויף דער בימה; אָבער אויף וויפיעל זי פאַרנעהמט זיך מיט אַנאָנסען, מוז זי פאַרגליכען ווערען מיט אַ גאַסען־שרייער, מיט אַ גאַסען־טרומייטערער, וועלכער מיט טויזענדער שטימען לאָזט וויסען דאָס פּובליקום, וואו עס איז פאַרלאָרען געגאַנגען אַ זייגער־קייטעלע, וואו מען קען קריגען דעם בעסטען טאַבאַק, וואו עס פאַרקויפט זיך מאָלט־עקסטראַקט. וואָס פאַר אַ שייכות האָט אַ פּרעדיגער מיט אַ גאַסען־טרומייטערער, איז דען ניט אַן אונזין צו מאַכען פון זיי איינס?

דאַרום וועט אין אַ סאָציאַלדעמאָקראַטישען שטאַאַט מוזען פאַרעפענטליכט ווערען אַ געזעץ, וואָס וועט פאַרוועהרען וועלכער עס איז צייטונג צו דרוקען אַנאָנסען און וואָס וועט איבערגעבען די גאַנצע זאַך אויסשליסליך צו די אָפיציעלע אָרגאַנען פון דער רעגיערונג אָדער געמיינדען...

טו האַלט זשע פעסט, האַלט זשע פעסט, מיט פייער אין דער נשמה, דעם לאָזונג, וואָס איך פּראָקלאַמיר פאַר אייך: האַס און פאַראַכטונג, טויט און חורבן צו דער איצטיגער פּרעסע! דאָס איז אַ געוואַגטער לאָזונג, פּראָקלאַמירט פון איין פּערזאָן געגען דעם טויזענד־העגדיגען צייטונגס־אינסטיטוט, מיט וועלכען עס האָבען אומזיסט זיך געראַנגעלט אפילו קעניגע. נאָר ווי אמת איז דאָס, וואָס איהר שלינגט מיינע ווערטער מיט ברענענדער זשעדנעקייט, און ווי אמת איז דאָס, וואָס מיין נשמה פלאַטערט איצט אין רייננסטער באַגייסטערונג, איבערגיסענדיג זיך אין אייערע נשמות, אזוי ריכטיג און וואהר איז די איבערצייגונג, פון וועלכער איך בין דורכגעדרונגען; עס וועט קומען דער מאָמענט, ווען מיר וועלען ארויסלאָזען אַ בליץ, וואָס וועט שטירצען אין אייביגער נאַכט אָט די גאַנצע פּרעסע!"

איך בין ווייט דערפון, צו האַלטען די מיטלען, וואָס לאַסאַל רעקאָמענדירט געגען דער הפקרות פון דער פּרעסע, פאַר ריכטיג, אָדער אפילו פאַר דורכפיהרבאַר; אָבער דער צאָרן, וואָס האָט געקאָכט אין לאַסאַל'ס נשמה, ווי צושמאָלצענער מעטאַל, האָט זיך

דאָ אויסגעגאָסען אין דער בלענדענדסטען אָראַטאָרישער פאָרם.

איך האָב שוין אויבען ערקלעהרט, אַז כאָטש לאַסאַל איז ניט געוועזען קיין געבאָרענער אָראַטאָר, האָט ער דאָך ענטוויקעלט אין זיך די רעדע־קונסט דורך ליטעראַרישע איבונגען. ווי פינקלענדיג, בלישצענדיג זיין רעדען איז ניט געווען, דאָך, קענטיג, האָט איהם געפעהלט די פעהיגקייט צו רעדען פון שטעל, צו אימפּראָוויזירען אַ רעדע, און ער פלעגט עס תמיד אויסמיידען, און ער האָט זיך אויך ניט געמיהט צו ענטוויקלען אין זיך די פעהיגקייט. פון דעסטוועגען האָט לאַסאַל אַזוי גוט גערעדט, אַז זיינע צוהערער זיינען אַלעמאָל זיכער געווען, אַז ער רעדט אונטער דער באַגייס־טערונג פון מאָמענט, און ער האָט גערעדט אַזוי פריי, אַז ווען עמיצער פלעגט איהם איבעררייסען אָדער ווען עס פלעגט איהם אויסקומען צו ענטפערען אויף אַ ניט פאָראויסגעזעהענע פראַגע, פלעגט ער אַזוי קונציג אריינפלעכטען זיין ענטפער אָדער זיין באַ־מערקונג אין זיין פון פריהער צוגעגרייטער רעדע, אַז עס איז אונמעגליך געווען צו כאַפּען דעם איבערגאַנג.

ציצעראָ זאָגט וועגען דער פעהיגקייט: „יענער, וועלכער לע־רענט די אָראַטאָרישע קונסט דורך שרייבען, האָט די מעלה: אפילו ווען ער אימפּראָוויזירט, קלינגט דאָס גערעדטע וואָרט, ווי דאָס געשריבענע... ווי אַ שיף, וואָס איז געבראַכט געוואָרען אין שנעלער באַוועגונג, שווימט נאָך ווייטער אפילו נאָכדעם, ווי די רודערער האָבען אָפּגעלאָזען די רודערס, — אַזוי שטעלט זיך אויך ניט אָפּ דער שטראָם פון אַן אָראַטאָרישער רעדע, אפילו ווען עס האָט זיך אויסגעלאָזען דאָס געשריבענע וואָרט; דאָס גערעדטע וואָרט קומט צו הילף, און די רעדע טראָגט זיך ווייטער, פאָרט־זעצענדיג דעם וועג פון געשריבענעם.”

מיר וועלען ברענגען אייניגע ביישפּיעלען, וואָס ווייזען, ווי לאַסאַל פלעגט זיך ניט פאַרלירען אונטער אַזעלכע אומשטענדען.

אין זיין מערקווירדיגער רעדע פאַר די געשוואָרענע פון 16טען יאַנואַר 1863, וויל ער באַווייזען, אַז אַלע פּונקטען פון באַשול־דיגונגס־אַקט שטיצען זיך אויף אונוויסען און ניט פאַרשטעהן, און ער שרייט אויס:

„וואָס בין איך שולדיג אין דער ליטעראַרישער אונוויסענהייט

פון פּראָקוראָר? אין זיין ניט באַקאַנט זיין מיט דעם, וואָס קומט היינט פאָר אין אַלע גייסטיגע ריכטונגען און וואָס די וויסענשאַפט האָט שוין אַנערקענט און פאררעגיסטרירט? בין איך דען אַן אונטערגעשטעלטער גולם, אויף וועלכען דער פּראָקוראָר לאָזט אוים זיין אונוויסענהייט?"

דאָ האָט דער פּראָקוראָר איבערגעריסען לאַסאַל'ען און האָט פארלאַנגט, מיט גרויס כעס, מען זאָל אין גאַנצען ביי איהם אוועקנעהמען דאָס וואָרט, ווייל מיט דעם שטאָך האָט ער שוין „דערגרייכט דעם גרעניץ פון חוזק-מאַכעריי איבער דעם פאָרשטעהער פון דער באַשולדיגונגס-מאַכט" און ער קומט ארוים מיט אַ פאָרשלאָג: „דארום לעג איך פאָר, אויפ'ן גרונד פון ארטיקעל 184 פון בייגעזאַץ פון 3טען מאַי 1852 אוועקצונעהמען ביי דעם אַנגעקלאָגטען דאָס וואָרט, און אַז ער וועט פּרואווען פאָרטזעצען זיין רעדע איהם ארויספיהרען פון זאַאַל" (סענסאַציע).

פּ אָ ר ז י צ ע נ ד ע ר. ביים אַנגעקלאָגטען ווערט אוועקגענומען דאָס וואָרט און אַלע זיינע ווייטערע טענות וועלען ניט צוגעלאָזען ווערען.

אַ נ ג ע ק ל אָ ג ט ע ר (רופט זיך גלייך אָפּ). הער פאָרזיצענדער, איך מוז בעטען, אַז איבער דער פראַגע זאָל ארויסגעטראָגען ווערען אַ באַשלוס פון גאַנצען געריכט פּערסאָנאַל. איך באַשטעה אויף דעם און פארלאַנג דאָס וואָרט צו באַגרינדען מיין פאָרשלאָג.

פּ ר אָ ק ו ר אָ ר. איך פּראָטעסטיר, וואָס דער אַנגעקלאָגטער רעדט ווייטער נאָכדעם, ווי דער פאָרזיצענדער האָט ביי איהם אוועקגענומען דאָס וואָרט.

אַ נ ג ע ק ל אָ ג ט ע ר. דאָס איז אַ צונויפמישונג פון באַגריפען. מען האָט ביי מיר אוועקגענומען דאָס וואָרט איבער דער עצם-פראַגע. איך האָב אָבער פארלאַנגט אַ באַשלוס פון געריכט, און דאָס געריכט קען ניט פאַסען אַ באַשלוס איבער דער פראַגע, ניט אויסהערענדיג פריהער מיך, דעם אַנגעקלאָגטען.

פּ אָ ר ז י צ ע נ ד ע ר. דער אַנגעקלאָגטער קריגט דאָס וואָרט אין דער פראַגע וועגען אוועקנעהמען ביי איהם דאָס וואָרט.

פּ ר אָ ק ו ר אָ ר. איך מוז וועניגסטענס אויפמערקזאַם מאַ־

כען, אז דער אַנגעקלאַגטער טאָר ניט רעדען וועגען קיין אנדער זאַך.

אַ נ ג ע ק ל אַ ג ט ע ר. בארוהיגט אייך, איך וועל ניט ארוים פון מיינע ראַמען.

און לאַסאַל נעהמט דאַ ענטוויקלען דעם געדאנק, אין גרונד גענומען אַ גאַנץ ריכטיגען געדאנק, אז אַנרופענדיג זיך אליין אַן אונטערגעשטעלטער גולם, הייסט ניט באליידיגען אַ צווייטע פערזאָן, און ווען איינער, צום ביישפּיעל, אין אַ ליטעראַרישער פּאָלעמיק וועט אַ זאָג טאָן צו זיין געגנער: „וואָס בין איך דיין אונטערגעשטעלטער גולם, אַז דו לאָזט אוים אויף מיר דיין אונוויסענהייט?" — וועט יענער געגנער, אָהן צווייפעל, ניט געווינען ביי קיין געריכט, פאַר וועלכען ער וועט ברענגען אַ קלאַגע וועגען באליידיגען זיין עהרע, — און דאַ געהט לאַסאַל זיך גאַנץ רוהיג איבער, פון קיינעם ניט געשטערט, צו דער פּאַרטזעצונג פון זיין איבערגעריסענער רעדע.*) עס באקומט זיך אַ ריינע שעקספּיר סצענע, ווי דו וואָלסט לייענען די געריכט-סצענע פון „קעניג העני ריך דער פערטער".

אָבער אָט איז אַ ביישפּיעל — דער סאַמע קאָמישסטער און אינטערעסאַנטער פון אַלע, — וואָס זאָגט עדות אויף לאַסאַל'ס פעהיגקייט אויף אַזאַ מין אימפּראָוויזאַציע:

אין דער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען אין פראַנקפורט אַם מיין, אויף דער איינלאַדונג פון זיינע געגנער, האָט ער זיך באַרופען אויף דעם, וואָס איינער פון די שרייבער, וועלכע זיינען ארויסגעטראָטען געגען איהם, האָט אליין ערגעץ אין אַ מיטעלמעסיגען ווערק געזאָגט דאָסזעלבע, וואָס ער, לאַסאַל, זאָגט איצט, און איצט באַשטרייט ער עס:

ל אַ ס אַ ל. זעהט איהר, מיינע הערען, אַ געדונגענער אַרבייטער איז פאַר מיר עפּעס זעהר בכבוד'יגעס, אָבער אַ געדונגענער שרייבער — איז שוין גאָר עפּעס אנדערש! (רופען צו אָרדנונג. גרויסער טומעל, געשרייען: גענוג! און: ניין, ניין!).

פּ אַ ר ז י צ ע נ ד ע ר. איך בעט זעהר דרינגענד דעם אָראַ־

---

*) „די וויסענשאַפט און די ארבייטער", 43; „קרימינאַל־פּראָצעס", צווייטע העפט, 15.

מאַר ניט צו באַליידיגען קיין פּערזאָנען. דאָס מאָל האָט ער אָנ־געריהרט אַ פּערזאָן.

ל אַ ס אַ ל. די סצענע, וואָס איך האָב נאָר וואָס דורכגע־מאַכט, איז פאַר מיר אַ גאַנץ נייע ערשיינונג. זי ווייזט, ווי ווייט מיר זיינען דערגאַנגען, מיינע הערען! איך וועל זיך ניט לאָזען באַשרענקען די פרייהייט פון מיין אורטייל דורך פאַלשע אַריינ־טייטשונגען (לאַנג אָנהאַלטענע בראַוואָ!) אויסער דעם, מערקט אייך: איך האָב ניט אַרויסגעזאָגט קיין אורטייל וועגען אַ פּער־זאָן, איך האָב געברויכט אַ געוועהנליכען, וואָכעדיגען אויסדרוק. איך האָב ניט געזאָגט, אַז הער מאַקס ווירט איז אַ געדונגענער שרייבער, קיין לעבעדיגער מענש האָט דאָס ניט געהערט. איך באַרוף זיך אויף די הערען סטענאָגראַפען... דער פּאָרזיצענדער האָט קיין רעכט ניט צו צענזורירען דעם זין פון מיינע ווערטער... (בראַוואָ! פון זאַל און די לאָזשעס. „גענוג! גענוג!“, „זאָל ער רעדען!“)

פ אָ ר ז י צ ע נ ד ע ר. ווייסט איהר ניט, מיינע הערען, אַז מיר באַטייליגען זיך אין אַ פאַרזאַמלונג, צו וועלכער עס הערט זיך צו האַלב דייטשלאַנד? גיט זשע ניט קיין אויסרייד צו זאָגען, אַז די פאַרזאַמלונג האָט ניט געקענט פאָרקומען, ווייל די אַרבייטער באַזיצען ניט גענוג פאַרלאַמענטאַרישען טאַקט. איך האָב איבער־געריסען דעם הערין לאַסאַל, ווייל ער האָט געברויכט דאָס וואָרט: „געדונגענער שרייבער“ אין פאַרבינדונג מיט דעם נאָמען פון מאַקס ווירטה. קיינער קען ניט צווייפלען אין דעם, כאָטש די ווערטער זיינען געוועזן אויסגעשטעלט אין אַן אַנדער אָרדנונג. דאַרום האָב איך געהאַט אַ רעכט אויפמערקזאַם צו מאַכען דעם הערין אָראַטאָר, אַז אין זיין ווייטערער רעדע זאָל ער זיך צוריק־האַלטען פון אַזעלכע אויסדרוקען.

ל אַ ס אַ ל. איך מוז ווידער אַמאָל באַמערקען דעם פאָר־זיצענדען, אַז איהם געהערט דאָס רעכט צו צענזורירען די פּאַרלאַ־מענטאַרישקייט פון דעם א ו י ס ד ר ו ק, אָבער ניט פון דעם ז י ן פון מיין רעדע. דעריין באַשטעהט דאָך די פולע רעדע־פרייהייט, אַז מען קען אָנווינקען אויף עפּעס, ניט אַרויסזאָגענדיג עס דירעקט מיט ווערטער; אַז מען קען געברויכען פּאַרלאַמענ־

טאַרישע אויסדרוקען, און זיי צוגעבען יעדען ראַלעגיגען זין. אויף דעם שטיצט זיך די ערד־פרייהייט, ווי אויך די בריה'שקייט פון קאַראַקטער. אויב ניט אזוי, ווי וואָלט איהר געקענט האַנדלען אין פאַל איהר האָט אַ שלעכטע מיינונג וועגען עמיצען, און איהר ווילט זי איבערגעבען צו אייערע צוהערער? (שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטען אין זאַל און אין די לאָזשעס.) איך האָב אייך שוין באַוויזען, אַז הערר ווירטה האָט אין זיין ווערק געזאָגט אַבסאָלוט דאָסזעלבע, וואָס איך. אפשר געפינען זיך אין דעם ווערק — ווייל איך האָב איהם ניט געלעזען — אנדערע פלעצער, וואָס זאָגען פונקט דאָס פאַרקעהרטע... איהר, נאַטירליך, וואונדערט זיך אויף מיינע רייד: ווי ניט האָבענדיג געלעזען דאָס בוך קען איך אָנ־ווייזען דעם פלאַץ, וואָס איך דאַרף? איך בין אייך שולדיג אַן ערקלעהרונג וועגען דעם. דער אמת איז, אַז גלייך ווי דאָס בוך איז ערשיענען, איז עס מיר אריינגעפאַלען אין די הענד. אָבער איבערבלעטערענדיג עטליכע זייטלאַך, האָב איך זיך באַלד איבער־צייגט, אַז איך האָב דאָ צו טאָן מיט אַן אידעענדלאָזען קאָמפּילאַ־טאָר, און פאַר כעס האָב איך דאָס בוך אוועקגעוואָרפען, ווייל איך האָב קיין צייט ניט פאַר אַזעלכע ווערטלאָזע קאָמפּילאַציעס, אָבער איצט האָט מיינער אַ פריינד (דאָס איז געווען ראַדבערטוס) מיר צוגעשיקט דאָס בוך נאָך אַמאָל, אונטערשטרייכענדיג דעם פלאַץ, וואָס אינטערעסירט מיך. איך וועל מיר דאָ ערלויבען צו מאַכען אַ באַמערקונג, ווייל דער הערר פאָרזיצענדער האָט צו מיר טענות אויף מיין אַרט אויסדריקען זיך: ווען איך דריק אויס מיין מיינונג פּראָסט, אָהן באַפּוצונגען, ווייל איך קיינעמס פּער־זענליכקייט ניט אָנגרייפען, ווייל איך האַלט זיך שטרענג ביים ענין; איך ווער נאָר גראָב, און דאָס איז אַ גראַנדיעזער אונטער־שיעד. גראָב מוז איך, קען איך און מעג איך זיין, און איך וועל עס אייך באַווייזען. גראָב מוז זיין יעדער פּאַר־טיידיגער פון אַ גרויסער זאַך געגען אַלעמען, וועלכע, פאַרדרע־הענדיג דעם אמת, שטעלען זיך צווישען איהם און זיין גרויסען ציעל, און איך האָב באַשלאָסען מיט גייסטיגע פויסט־קלעפּ צו שטירצען צו דר'ערד יעדערען, וועלכער, פאַרדרעהענדיג דעם אמת, שטעלט זיך צווישען מיר און איהם. פאָלגליך, אין אייער אינ־

טערעס מוז איך זיין גראָב, און איך קען אויך און מעג אויך זיין, ווייל ווען אפילו הער מאַקסווירטה, וועלכער וועט וואהרשיינליך שפּעטער מיר ענטפּערען, וואָלט געוואָלט זיין גראָב געגען מיר, וועט עס זיין אַ גרויסער אונטערשיעד צווישען דעם, וואָס ער וועט זאָגען און וואָס איך זאָג. ווען, צום ביישפּיעל, ער וואָלט מיך אָנגערופען אידעענלאָזער קאָמפּילאַטאָר, וואָלט עס ארויסגערופען אַ גראַנדיעזען געלעכטער ביי אַלע פאָרשטעהער פון דער וויסענשאַפט, וועלכע קענגען מיך. אָבער ווען איך וועל איהם אַזוי אָנרופען, ווייס יעדער ספּעציאַליסט, וואָס פאַר אַ גראַנדיעזער אמת דאָס איז, און מיין יעדעס וואָרט וועט זיין פאַר איהם ווי אַ זעץ מיט דער פויסט!" (הויכע געשרייען פון גוטהייסונג).

איז דען די שטעלע, אין וועלכער אגב דאָס וואָרט „גראַנדיעז" חזר'ט זיך איבער דריי מאָל כסדר, ניט אַן אמת'ער מוסטער פון קונציגען איינפאַל און זעלבסט־קאָנטראָל? ניט אין דעם פאַרשטעלטען (דאָס מאָל זעהר דורכזיכטיגען) פערזענליכען אָנפאַל — וואָס אין דעם, ווי לאַסאַל וויל דאָ האָבען, באַשטעהט די בריה'שקייט פון אָראַטאָר —— ניט אין דעם ווייזען זיך ארויס אין פולען גלאַנץ די מעלות פון לאַסאַל'ס טאַלאַנט, נאָר אין דעם אופן, ווי אַזוי ער שלאָגט אָפּ דעם פאָרוואורף, וואָס דער פאָרזיצענדער האָט איהם געמאַכט. אין זיין סטיל געפינען מיר ניט קיין איינעם פון יענע סמנים, וואָס כאַראַקטעריזירען שרייבער, וועלכע זיינען געצוואונגען אונטער דעם דרוק פון דער רעגיערונג אָדער פון אַ פיינדליך געשטימטען פובליקום, צו האַלטען איבער זיך אַ שטרענגע וואַך. אין זייערע רעדען באַנוצען זיך אַזעלכע שרייבער עפּטער פון אַלץ מיט זייער איינבילדונגס־קראַפט, וועלכע העלפט זיי אויסמיידען דעם דירעקטען אויסדרוק און באַזאָרגט זיי אָנשטאָט דעם מיט אַ פאַרטונקעלטען אויסדרוק. דער לעזער, וויסענדיג, ווי פאָרזיכטיג עס דאַרף האַנדלען דער שרייבער און ווי שווער עס איז איהם ארויסצוגעבען זיינע באַהאַלטענע מיינונגען, לעזט איהם מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, און צווישען איהם און דעם פאַרפאַסער שטעלט זיך איין אַ געהיימער בונד. פון דעם אַלץ איז ביי לאַסאַל'ען קיין סימן ניטאָ. ער רעדט ארויס אַלץ, דערגרעדט זיך ביז צום סאַמע גרענעץ, היגטער וועלכען, לויט זיין איבערצייגונג,

דער געזעץ קען זיך שוין אריינמישען און באשטראָפען פאר אויפ־רייצען די צוהערער צו מלוכה־פאַררעט. מיט אַנדערע ווערטער, לאַסאַל אַפעלירט ניט צו דער פאַנטאַזיע, נאָר צום ווילען און צו דער ענערגיע.

מיר האָבען געבראַכט מוסטערען פון זיינע רעדען צו ווייזען זייער סטיל און טאָן. אָבער אָפּגערעדט פון זייער עסטעטישער זייט, איז אויך אינטערעסאַנט צוצוקוקען זיך צו זייער אינערליכען לאָגישען געבוי. די אָראַטאָרען פון אַלטערטום האָבען געלערענט, אַז ביים פאַרטיילען דעם מאַטעריאַל און באווייזען איז דער העכ־סטער געזעץ: ניט דורכלאָזען קיין געלעגענ־הייט צו מאַכען א טיעפען איינדרוק. מען קען זאָגען, אַז ווען דער געזעץ זאָל פריהער ניט פאָרמולירט געווען, וואָלט לאַסאַל זיכער איהם ענטדעקט, ווייל דער סאַמע כאַראַק־טעריסטישער שטריך זיינער איז — כאַפּען די געלעגענהייט אין מיטען פליהען און פעסט זי איינהאַלטען.

די אַלטע האָבען ווייטער געלערענט: די הויפּטזאַך, דער עיקר אין א רעדע — דאָס איז פעסט אָוועקשטעלען דעם שטרייט־פּונקט, גענוי באַשטימען די פאַקטען און געבען זיי דעם ריכטיגען נאָמען. אין דער באַציהונג איז לאַסאַל געווען איינער פון די גרעסטע מייסטערס, וואָס האָבען ווען עס איז געלעבט. דערצו איז נויטיג איין פעהיגקייט: פאַר־שטעהן די ווירקליכקייט, און פאַרשטעהן די ווירקליכקייט פאַר א פּאָליטישען אָראַטאָר מיינט באַזיצען פּאָליטישען חוש.

פּאָליטישער חוש איז, נאָך מיין מיינונג, די פעהיגקייט אויס־צוגעפינען, וואו עס ליעגט דער שווער־פּונקט פון געגעבענעם מאָ־מענט. די ערשטע באַדינגונג פאַר דעם איז — וויסען וואו דער שווער־פּונקט איז אין די געגעבענע פּאָליטישע פארהעלט־ניסען. אין פאַרבינדונג מיט דעם דאַרף א פּאָליטישער טאַלאַנט באַזיצען אויך די פעהיגקייט איבערצורוקען דעם שווער־פּונקט. ווי־סען די מיטלען, וואָס מיט זייער הילף קען דער שווער־פּונקט איבער־גערוקט ווערען, איז די צווייטע באַדינגונג פאַר פּאָליטישען ערפאָלג. די דריטע און לעצטע באַדינגונג איז — באַזיצען די מיטלען און צוועקמעסיג, מיט א געניטער האַנד, זיי באַנוצען.

אין ענגער פאַרבינדונג מיט לאַסאַל׳ס סטיליסטישער אייגענ־שאַפט — רעדען אָפען, ניט פאַרשטעלט, — געפינט זיך אויך לאַ־סאַל׳ס רעאַליסטישע אייגענשאַפט: שטענדיג ארויסצוקומען מיט׳ן נאַקעטען פאַקט. דער לאָגישער אויסגאַנגס־פונקט פון זיין אגי־טאַציע איז אַלעמאָל געווען ארונטערצורייסען די מאַסקע, די אוי־סערליכקייט, וואָס פאַרשטעלט די ערשיינונג. איך וועל ברענגען אַ ביישפּיעל, וואו לאַסאַל דערהויבט זיין מעטאָדע צו אַ גאַנצער פּאָליטישער טעאָריע.

אַ מאָדנע זאַך איז פּאָרגעקומען מיט לאַסאַל׳ס בראָשורע, וואו ער ענטוויקעלט דעם געדאַנק, אַז די פראַגע פון קאָנסטיטוציע, אויף דעם באָדען פון דער ווירקליכקייט, איז אין דער לעצטער שורה אַ פראַגע פון מאַכט. די בראָשורע, ארויסגעגעבען צו דער צייט פון קאָנסטיטוציאָנעלען סכסוך פון 1862, האָט ארויסגערופען היים בלוט, באַזונדערס אין די רעגיערונגס־קרייזען: דער קריעגס־מיניס־טער האָט זיך אָפּגערופען וועגען איהר אין אַ זעהר אונצופרידענעם טאָן, איבער׳חזר׳נדיג דערביי די גרונד־געדאַנקען פון דער בראָ־שורע; דער ערשטער מיניסטער ביסמאַרק האָט זיך אויך געלאָזט הערען מיט אַ פּאָר פראַזען, וואָס זאָגען פּונקט דאָסזעלבע, וואָס לאַסאַל׳ס בראָשורע; די רעאַקציאָנערע „קרייצצייטונג“ האָט אָפּ־געגעבען דער בראָשורע אַ לייט־ארטיקעל און, צווישען אַנדערעס, האָט זי זיך אויסגעדריקט אַזוי: „דאָס איז אַ רעדע, געהאַלטען פון אַ רעוואָלוציאָנער אַ איד, וועמעס נאָמען איז אָפט דערמאָנט געוואָרען אין זיין צייט און וועלכער מיט אַ ריכטיגען אינסטינקט האָט געטראָפען גראַד אין פּונקט.“

און ווען לאַסאַל נאָכדעם, אין אַ צווייטער בראָשורע („און וואָס איצט?“) באַטראַכט די פראַגע, וואָסערע מיטלען באַזיצט דער פּאַרלאַמענט אום צו צווינגען די האַרטע, שטייפע מעכטיגע רעגיערונג צו טאָן זיין ווילען, קומט ביי איהם אויס, אַז דער נאַטיר־ליכסטער פון אַלע מיטלען — דער פּאַרלאַמענט זאָל דעקרעטירען אַן אַלגעמיינעם שטייערען־סטרייק — טויג אַבסאָלוט ניט. אין ענגלאַנד, וואו דער אמת׳ער קוואַל פון מאַכט און איהרע ווערקצייג געפינען זיך אין די הענד פון פאָלק און וואו דאָס פאָלק וואָלט דאַרום ווירקליך געקענט זיך ענטזאָגען צו צאָהלען שטייערען און

גאַרנישט לײדען דערפאַר — וואָלט אַזאַ מיטעל זיכער געמאַכט די געהעריגע ווירקונג. נאָר אין פּרייסען, וואו קײנער וועט ניט וואַגען דורכצופיהרען דעם סטראַשונאַק, וואָלט אַזאַ דעקרעט פון פאַרלאַמענט קײן ווערט ניט געהאַט — אַ שאָס אין דער לופטען, ניט מעהר. וואָס זשע בלייבט אין אַזאַ פאַל צו טאָן? לאַסאַל געפינט, אַז עס איז פאַראַן נאָר איין מיטעל, פונקט אַזוי אונפעהלבאַר, ווי אײנפאַך, און ער פאָרמולירט איהם אין איין קורצער פראַזע: זאָגען דאָס, וואָס איז. דאָס איז דער מיטעל, וואָס ער באַנוצט אין זיין גאַנצער אַגיטאַציע. און דאָס איז, נאָך זיין מיינונג, דער מעכטיגסטער פּאָליטישער מיטעל. ווי פיכטע האָט עס שוין באַוויזען, איז עס געווען דער באַליעבטער מיטעל פון נאַפּאָלעאָן דעם גרויסען, און אין אונזער צייט פּלעגט ביסמאַרק מיט איהם זיך זעהר אָפט באַנוצען. אין דעם פאַל, ווענען וועלכען עס האַנדעלט זיך דאָ, באַווייזט לאַסאַל, אַז די אַנווענדונג פון דעם מיטעל וואָלט געמאַכט די פּרייסישע זעלבסטהערשאַפט אונמעגליך.

אין דער אמת'ען האָט אין פּרייסען דאַמאָלס עקזיסטירט זעלבסטהערשאַפט, באַשרענקט מיט אַ כלומרשט'ער קאָנסטיטוציע. צו וואָס האָט געטויגט דער אָנשטעל? ווייל די קאָנטר־רעוואָלוציע נאָכ'ן יאָהר 1848 האָט אומעטום, וואו זי האָט צוריק אויפגעשטעלט דעם אַבסאָלוטיזם, דאָך געפונען פאַר נויטיג צו מאַכען אַ הנחה דעם גייסט פון דער צייט, ד. ה. די אונאָרגאַניזירטע פאָלקס־כחות. אפילו נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט נאָך זיין מלוכה איבער זיך אויך צורעכט געמאַכט אַן ערוועהלטע קערפּערשאַפט; אפילו עסטרייך, וועלכע האָט צוערשט אין 1848 ערקלעהרט די קאָנסטיטוציע פאַר אָפּגעשאַפט, האָט שפּעטער, אויס אייגענעם ווילען, צוריק אײנגעפיהרט די קאָנסטיטוציאָנעלע פאָרמען. לאַסאַל ציהט דערפון דעם שלוס, אַז פּרייסען, מיט איהר שטאַרקער בורזשואַזיע, קען זיך בשום אופן ניט באַגעהן אָהן קאָנסטיטוציאָנעלע פאָרמען.

איז איצט די הויפּט־פראַגע אין דעם: אַזוי ווי די רעגיערונג פיהרט זיך נאָך אַלץ אַבסאָלוטיסטיש, דאַרף מען זי צווינגען זיך אָפּצוזאָגען פון אַלע אויסערליך־קאָנסטיטוציאָנעלע פאָרמען, און דאָס קען, נאָך לאַסאַל'ס מיינונג, דערגרייכט ווערען, ווען דער פאַר־

לאַמענט „וועט זאָגען דאָס, וואָס איז". אָנגענומען, צום ביישפּיעל, דער פּרייסישער פּאַרלאַמענט וועט ערקלעהרען: „נעהמענדיג אין אנבאַטראַכט, אַז די רעגיערונג מאַכט נאָך אַלץ הוצאות, אויף וועלכע דער פּאַרלאַמענט האָט ניט געגעבען זיין הסכמה, און זי האָט אפילו ערקלעהרט, אַז זי האָט בדעה צו האַנדלען אויך ווייטער אין זעלבען גייסט — נעהמענדיג אין אנבאַטראַכט, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז אומווירדיג פאַר די פאָרשטעהער פון פאָלק אונטערצוהאַלטען דעם שיין פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדנונג, — באַשליסט דער פּאַרלאַמענט אָפּצולעגען זיינע זיצונגען אויף אַן אונבאַשטימטער צייט, ביז די רעגיערונג וועט ניט צושטעלען דעם באַוויז, אַז זי האָט די הסכמה פון פּאַרלאַמענט. דאַמאָלס וועט די רעגיערונג געשטעלט ווערען פאַר דער ברירה אויסצוקלייבען איינס פון דיביידע: אָדער נאָכגעבען, אָדער אָפּען זיך ארויסשטעלען פאַר דער גאַנצער וועלט פאַר דאָס, וואָס זי איז אין דער ווירקליכקייט — פאַר ריינעם נאַקעטען אבסאָלוטיזם.

לאַסאַל באַווייזט, אַז ניט זי וויל און ניט זי קען זיך אָנשליעסען אויף דעם. זי קען ניט, ווייל ווי מאָליעראַן האָט געזאָגט: מען קען אַלץ טאָן מיט באַיאָנעטען, נאָר זיך ניט זעצען אויף זיי, — ווייל זיי קענען ניט דיענען פאַר אַ זיכערע שטיצע פאַר אַ לאַנגע צייט. זי וויל עס אויך ניט, ווייל אַ רעגיערונג, וועלכע נויטיגט זיך אין אַזאַ ריעזיגער סומע אויף איהרע יעהרליכע הוצאות, אַ רעגיערונג, וועלכע שטעקט כסדר אריין איהרע הענד אין די קעשענעס פון יעדען פון איהרע בירגער, מוז לכל הפּחות האָבען דעם שיין פון הסכמה אויף איהרע האַנדלונגען פון יעדען פון איהרע בירגער. זי וויל עס אויך ניט צוליעב דעם, ווייל ביי יעדען צוזאַמענשטויס מיט אויסלאַנד, וועט זי מוזען אויסשטעהן דעם חוזק און שפּאָט פון אַנדערע לענדער, אַלס אַ רעגיערונג, וועלכע געפינט זיך כסדר אין אָפּענעם קאַמף מיט איהר אייגענעם פאָלק און וועלכע קען דאַרום ניט באַהאַלטען פון וועמען עס איז איהר שוואַכקייט.

ווי באַוואוסט, האָט די דאַמאָלסדיגע פּראָגרעסיווע פּאַרטיי זיך ניט באַנוצט מיט דעם מיטעל, וואָס לאַסאַל האָט איהר רעקאָמענדירט. בלויז איין איינציגער מיטגליעד פון דער פּרייסישער דעפּוטאַטען-קאַמער, איצט דער באַוואוסטער דאַנציגער אָד־

וואָקאט מארטיני, האָט ביי זיך באַשלאָסען, אז ער וועט בעסער דיענען זיין אייגענער עהרע און ווירדע, און דער עהרע און ווירדע פון זיינע וועהלער, ווען ער וועט זיך אָפּזאָגען פון זיין מאנדאט. איידער ער האָט דורכגעפיהרט זיין באַשלוס האָט ער אריינגעטראָגען אַן אויספיהרליך באגרינדעטען פאָרשלאָג, אַז דער פארלאמענט זאָל אָפּלעגען זיינע זיצונגען, ביז די רעגיערונג וועט ניט אַנערקענען איהר פליכט צו פארוואלטען די מלוכה־ווירטשאפט אויפ׳ן גרונד פון א געזעצליך אָנגענומענעם בודזשעט און ביז זי וועט ניט אויפ־הערען צו מאכען הוצאות, וואָס דער פארלאמענט האָט איהר ניט באוויליגט.

פאר מיר ליעגט איצט אי דער אָפּגעדרוקטער פאָרשלאָג, אי לאסאַל׳ס מאנוסקריפט. דער לעצטער איז אַ העכסט אינטערע־סאנטער דאָקומענט, ווייל ער איז קאָרעגירט פון לאסאַל׳ען אליין, וועלכער האָט אין איהם אריינגעטראָגען פארבעסערונגען, וואָס מאכען שארפער דעם אויסדרוק און גיבען מעהר בולט׳קייט דער הויפט־באגרינדונג. פארגלייכט צום ביישפּיעל

מארטיני :	לאסאל :
נעהמענדיג אין אנ־באטראכט, אַז פאַרט־זעצענדיג זיין טעטיג־קייט אונטער אַזעלכע אומשטענדען, איז ניט נאָר וואָס דער פארלא־מענט וואָלט ווי אָנגע־נומען פאר ליעב די באליידיגונג פון זיין עהרע און ווירדע, וואָס דריקט זיך אויס אין דער פארלעצונג פון זיינע רעכטען, נאָר ווי ער וואָלט אויך געהאָל־פען דער רעגירונג אין איהר כונה צו פאַר־	נעהמענדיג אין באטראכט, אַז פאַרט־זעצענדיג זיין טעטיגקייט אונטער אַזעלכע אומשטענדען, נעהמט דער פארלאמענט ווי אַן פאר ליעב די פארלעצונג פון זיינע רעכטען דורך דער רעגיערונג, ווי אויך די באליידיגונג, וואָס קומט דערפון ארויס, פאר זיין אייגענער און פאָלקס עהרע און ווירדע, און אַז ער העלפט דערמיט דער רעגיערונג צו פארווירקליכען די כונה, וואָס זי האָט אָפען אויסגעדריקט, צו פאר־וואַנדלען די איצטיגע רעכט־ און מאכט־לאָזיגקייט פון פארלאַמענט אין אַזוי גע־

רופענע קאָנסטיטוציאָנעלע פּראַקטיק, און שטאַרקט איהרע הענד זי זאָל אויך ווייטער קענען אונטער דעם אָ נ ש ט ע ל פון קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדנונג צו פאַרוואַלטען דאָס לאַנד אבסאָלוטיסטיש און ווערט אויף אַזאַ אופן אַ שותף צו דער פאַרלעצונג פון דער קאָנסטיטוציע פון לאַנד...

וואַנדלען די איצטיגע רעכט־ און מאַכטלאָזיגקייט פון פּאַרלאַמענט אין אַזוי גערופענע קאָנסטיטוציאָנעלע פּראַקטיק און ווערט אויף אַזאַ אופן אַ שותף צו דער פאַרלעצונג פון דער קאָנסטיטוציע פון לאַנד...

נאַטירליך, דאָס וואָס איין איינציגער דעפּוטאַט האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין פּאָלמאַכט, האָט העכסטענס געקענט האָבען אַ מאָראַלישע ווירקונג, אָבער בשום אופן ניט קיין פּאָליטישע. וואָלט עס געבראַכט וועלכען עס איז נוצען דייטשלאַנד, ווען מאַרטיני'ס קאָלעגען וואָלטען נאָכגעטאָן זייןביישפּיעל — איז אויך צווייפעלהאַפט. וויל ביסמאַרק, אום דורכצופיהרען זיינע גראַנדיעזע פּלענער, האָט זיך גענויטיגט אין אַ גרויסער אַרמעע, און איבער די מיליטערישע קרעדיטען איז אין פּאַרלאַמענט אָנגעגאַנגען אַ ביטערער קאַמף. אַ מוטיגערער אַרויסטריט פון פּאַרלאַמענט וואָלט אפשר געקענט צווינגען ביסמאַרק'ען צו פאַרטרויען די פּאַרטייפיהרער זיינע פּלענער, און אפשר וואָלט עס אויך אַרויסגערופען ביי ביסמאַרק'ען רעספּעקט צו דער פּרייזישער פּאַרטיי, וואָס ביז אַהער — און גאָר קיין וואונדער ניט — האָט ער געהאַט פאַר איהר בלויז פאַראַכטונג.

אָבער איצט אינטערעסירט אונז בלויז איין פראַגע: וואָלט אין יענעם פאַל געקענט זיין ווירקזאַם דער מיטעל, וואָס לאַסאַל האָט רעקאָמענדירט, און צי איז ער איבערהויפּט ווירקזאַם? איך, פון מיין זייט, זייט איך האָב אָנגעהויבען צו דענקען, האָב איינפאַך פאַרגעטערט דעם מיטעל. איך האָב אַלעמאָל געדענקט, אַז דער איינפאַכער ראַט: זאָגען דעם אמת וועגען דער פאַקטישער לאַגע — איז דער איינציגער וועג, אויף וועלכען דאָס רעכט אָהן מאַכט קען ווערען אַ מאַכט. אומעטום, וואו די הערשאַפט איז ניט קיין גייסטיגע, קיין אינטעליגענטע קראַפט, און וואו גייסטיגע,

אינטעליגענטע קראַפט ווערט דאָך געשעצט, — דאָס מיינט, אין אַלע ציוויליזירטע לענדער, — שטיצט זי זיך אונבאדינגט אויף אָנשטעל און ליגען, און דער זיכערסטער, ווען אפילו א לאַנגזאַמער וועג בייצוקומען די רויהע מאַכט, איז אויפקלעהרען, באווייזען, אַז זי, די מאַכט, אַנערקענט פאַרמעל דאָס, וואָס אין אמת'ען און אין עצם פאַרהאַסט זי און פאַרפאָלגט. ווענען וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ, הויפּטזעכליך איז — אונטערצוגראָבען זי אין אַלע פונק־טען, וואו זי שיינט צו זיין א גייסטיגע מאַכט.

אָבער דער עיקר איז, אַז דאָס איז געווען לאַסאַל'ס מיטעל, און אַז דער שטאַנדפּונקט — ארונטער מיט דעם אָנשטעל! — איז געווען דער לאָגיש־רעאַלער גרונד פון אַלע זיינע רעדען, פון זיין גאַנצער אַגיטאַציע. עס מאַכט ניט, וואָס אין יעדען באזונ־דערען פאַל איז דער אָנשטעל אַן אַנדערער (דער אָנשטעל, אַז עס הערשט רעכט, ניט מאַכט; אַז די דייטשע בורזשואַזיע קען ערנסט געהאַלטען ווערען פאַר א דעמאָקראַטיע; אַז די לאַגע פון א גע־ווייסען קלאַס האָט זיך פאַרבעסערט אין פאַרגלייך מיט אַנדערע קלאַסען, ווען אין דער אמת'ען האָט זי זיך בלויז פאַרבעסערט אין פאַרגלייך מיט דער לאַגע פון זעלבען קלאַס אין די פאָריגע יאָהרהונדערטע א. ז. וו.). עס מאַכט אויך ניט, וואָס יעדעס מאָל האָט דער אָנשטעל אַן אַנדער נאָמען, — פאַלשע, איינגערעדטע פרייהייט, איינגערעדטער פרידען, איינגערעדטער וואָהלשטאַנד, און דאָס גלייכען. וויכטיג איז נאָר איינס: דער אויסגאַנגס־פּונקט פון לאַסאַל'ען, אַלס קעמפער און אָראַטאָר, איז ארויסצוגעפינען דעם אָנשטעל, דעם ליגען אין יעדער לאַגע.

איך האַלט דעם אויסגאַנגס־פּונקט פאַר זעהר א געלונגענעם. איך געפין, אַזוי ווי ער, אַז איינגערעדטע פרייהייט איז דער ערג־סטער, טויטליכסטער גיפט פאַר פרייהייט, און דאָס קיין זאַך קען ניט אַזוי אָפּשוואַכען און איינשלעפערען ווי זי, און צוליעב א גאַנץ איינפאַכען גרונד: דאָס גוטס, וואָס מיר ווילען און מוזען דער־גרייכען, דוכט זיך, איז שוין דערגרייכט געוואָרען און דערפאַר זיינען אַלע די יעניגע, וואָס דאַרפען קעמפען עס צו דערגרייכען, גאַנץ צופרידען פון זיך און לעגען זיך „שלאָפינקען".

ווען מיר אָבער, פאַרקעהרט, ווערען צווינגען די פאַלשע פרייה־

הייט אַראָפּצואוואַרפען פון זיך דעם שיין און דעם אָנשטעל און וועלען ארויסברענגען פאַר דער וועלט איהר אמת'ע נאַטור, וועלכע איז אין פיינדליכען ווידערשפּרוך צו דער פרייהייט, עפענט זיך ווידער די מעגליכקייט צו דערגרייכען דעם ציעל, וואָס מיר שטעלען זיך אין יעדען גייסטיגען קאַמף: צוציהען אויף אונזער זייט די גלייכגילטיגע, צוויי־געגן וואָס מעהר מענשען פיהלען דעם יאָך, וואָס דריקט זיי.

אָבער דאָס קען נאָר יענער, וועלכער, ווי לאַסאַל, אין געגענ־זאַץ צו דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי, שרעקט זיך קיינמאָל ניט פאַר די סטראַשונקעס פון געגנער, טרעט אַלעמאָל דרייסט ארויס געגען איהם און דעם לעצטען בלייבט די ברירה: אָדער אויספיהרען זיינע סטראַשונקעס, וואָס וועט ארויסרופען נאָך מעהר כעס און צאָרן און ארונטערדרייסען די קרוין פון פּרייזען, מיט וועלכער דער פאַרפאַלגער האָט באַפּוצט זיין שטערן, אָדער נאָכגעבען, ווי דאָס זאָל איהם זיך ניט ווילען, נאָכגעבען אום איינצוהאַלטען די קרוין.*)

זעלבסטפאַרשטענדליך, דער מיטעל פיהרט צום ענדליכען טריאומף בלויז אין יענעם פאַל, ווען דער אמת איז ביי דעם, וואָס באַנוצט איהם, ווייל ווען מיר, האָבענדיג אין אונזער פאַרמעגען בלויז די טעות'ן פון די יאהרהונדערטע, וועלען נעהמען זוכען מאַר־טירערשאַפט, אום ארויסצורופען די סימפּאַטיע פון אונוויסענדען המון, ווי אין אונזער צייט האָבען עס געטאָן מיט אַזויפיעל מומ און קונסט די קאַטוילישע גייסטליכע אין פּרייסען און דער שווייץ, דאַמאָלס, נאַטירליך, ווערען אונזערע האָפנונגען אויף אַן ענדליכען טריאומף אויף אַ האָר ניט גרעסער, יעדער שקר האָט זיינע מאַר־טירער, ווי אויך זיינע נביאים. ערפאָלג איז בלויז פאַר די נביאים פון „דעם, וואָס איז". אָבער ווי מוטיג און אונערשראָקען מען זאָל ניט „פּרעדיגען דאָס, וואָס איז ניט" — איז דאָס אין תוך די סאַמע האָפנונגסלאָזע פּאָליטיק, וואָס קען נאָר געבען.

מיר האָבען שוין אויבען געזעהן, אַז דאָס, וואָס ציצעראָ רופט אָן דעם הויפּט תנאי פאַר אָראַטאָרישער קונסט: פעסטשטעלען

*) „און וואָס איצט?", „די פּיערונגען" א. ז. וו.

די פאקטען און געבען זיי די ריכטיגע נעמען — איז אויך די הויפט כאראקטעריסטיק פון לאסאל'ס רעדע־קונסט. דאס איז דער פונדאמענט, אויף וועלכען ער שטעלט אויף דעם לאגישען געבוי פון זיין רעדע. דאס ווארפט זיך אויך אונז אין די אויגען, ווען מיר שטודירען זיין באוויז־מעטאדע. אום עס צו באשטעטיגען, וועל איך ברענגען איין ביישפיעל. איך נעהם זיין רעדע: „אינדירעקטע שטייערען".

מען האט איהם באשולדיגט, אז מיט דעם, וואס ער האט געזאגט אין זיין לעקציע „דאס ארבייטער פראגראם" וועגען אינדירעקטע שטייערען, דהיינו, אז זיי ווערען הויפטזעכליך געצאהלט פון די ארימע, האט ער געזוכט אויפצואוועקען האס און פאראכטונג ביי די נידריגערע קלאסען געגען די באזיצענדע. פארטיילענדיג מיט א זיכערער האנד א גאנץ היבשען וויסענשאפטליכען מאטעריאל, גיט לאסאל אפ 50 זייטען פון זיינע „אינדירעקטע שטייערען" אויף די מיינונגען פון די גרויסע עקאנאמיסטען און אויף סטאטיסטישע ציפערען וועגען דער פראגע; אום צו באווייזען, אז ניט נאר איז ער גערעכט געווען מיט זיינע באהויפטונגען, נאר אז ער האט נאך צו שוואך זיך אויסגעדריקט. ער פיהרט אויס, אז ארימקייט איז ווייט מעהר פארשפרייט, ווי מען מיינט עס געוועהנליך:

„אלזא, 11,400 פערזאנען איבער'ן גאנצען שטאאט ציהען אן איינקונפט איבער 2,000 דאלאר, און בלויז 44,400 פערזאן, שוין די ערשטע 11,400 אריינגערעכענט, ציהען אן איינקונפט איבער 1,000 דאלאר. אט דאס איז דער באלאנס פון אונזער געזעלשאפט!

ניט אמת, מיינע הערען, איהר וואלט עס קיינמאל ניט געגלויבט, איהר וואלט עס ניט געהאלטען פאר מעגליך, ווען די פאקטען וואלטען ניט געשטאנען פארשריבען שווארץ אויף ווייס אין די רעגיערונגס אויסגאבען, וואס ליגען דא פאר אונז?

און אט דאס לעבערליך קליינע ביסעלע מענשען, מיט זייערע פאמיליען, פילען דאס אן אין די שטעדט אלע טעאטערע, קאנצערטען, פארזאמלונגען, בעלער, אוועגדען, רעסטאראנען און ראטסקעלערס, טומעלט און מאכט דעם איינדרוק פון גאט ווייס וואס פאר א גרויסער מאסע מענשען, און טראכט נאר וועגען זיך,

און רעדט נאָר וועגען זיך און בילדעט זיך איין, אז זי איז די גאַנצע וועלט און הערשט מיט מאַכט איבער די צייטונגען און אַלע אינסטיטוטען, וואָס פאַבריצירען די עפענטליכע מיינונג און מאַכט די גאַנצע וועלט גלויבען און אויף אַן אמת מיינען, אז אָט די 11,000 אָדער 49,400 זיינען די גאַנצע וועלט.

און אונטער דעם נישטיגען הייפעלע מענשען, וואָס זיי אליין טומלען זיך, זיי אליין רודערען זיך, זיי אליין רעדען, שרייבען, דרש'ענען, וועלכע ווייסען און פאַרטיידיגען בלויז זייערע אינטע־רעסען, וועלכע האָבען אַזוי וויט זיך איינגערעדט, אז זיי זיינען אַלץ, אז זיי האָבען געגומען גלויבען גאַנץ אויפריכטיג, אַז ז י י זיינען דאָס, וואָס צאָהלען די שטייערען — אונטער דעם הייפעלע מענשען וואַרפט זיך אין קרעמפען, קאָרטשעט זיך אין שטומע, אונבאַשרייבליכע יסורים אַ ריעזיגע מאַסע קבצנים, די 17 מיליאָן, וועלכע פּראָדוצירען אַלץ, וואָס באַפּוצט אונזער לעבען, וועלכע פאַרזאָרגען אונז מיט דער הויפּט־באַדינגונג פאַר אונזער הויכער מאָראַל, פאַר דער עקזיסטענץ פון אונזער רעגיערונג, וועלכע טראָגען אויס אויף זייערע פּלייצעס אַלע איהרע שלאַכטען, ברענגען איהר אריין די שטייערען — און האָבען קיינעם ניט, וועלכער זאָל וועגען זיי אַ טראַכט טאָן, וועלכער זאָל זיך פאַר זיי איינשטעלען!

זאָל זשע גערעכטיגקייט געטאָן ווערען אָט דעם קלאַס, מיינע הערען, פאַרמאַכט זשע ניט דאָס מויל די יעניגע, וועלכע זיינען אַזוי אויך ווענים אין צאָהל און וועלכע טרעטען ארויס מיט אַ וואָרט פון פאַרטיידיגונג פאַר איהם!"*)

נאָכדעם, ווי לאַסאַל האָט אויף אַזאַ אופן באַוויזען, אַז דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט וועגען אינדירעקטע שטייערען, איז באַגרינ־דעט אויף פאַקטען, וואָס קענען ניט אָפּגעשטריטען ווערען, באַרופט

*) פאַרגלייך אום צו באַשטעטיגען לאַסאַל'ס באַהויפּטונג וועגען דער אונבאַדייטענדער צאָהל באַמיטעלטע בירגער לאַנגעס אויסרעכענונגען איבער דער פאַרטיילונג פון פלייש־פּראָדוקטען. פ. א. לאַנגע, „די אַר־בייטער־פראַגע", 183. די אינדירעקטע שטייערן, וואָס האָבען אין דייטש־לאַנד, אין דער צווישען־צייט נאָך לאַסאַל'ס טויט ביז'ן יאָהר 1877, זיך געהאַלטען אין פאַרקלענערען, זיינען נאָך דעם געענדערטען קורס אין דער דייטשער עקאָנאָמישער פּאָליטיק אָנגעשוואָלען געוואָרען ביז צו אַן אונ־ערטרעגליכער הויך.

ער זיך ווייטער אויף דעם, אז אפילו די רעגיערונג, וועלכע טרעט איצט ארויס מיט א באשולדיגונג געגען איהם, האָט אונטער מאַנ־טייפעל׳ס מיניסטעריום באהויפּטעט דאַסזעלביגע, וואָס ער, לאַסאַל, און נאָך אין א פיעל שאַרפערער פאָרם. מאַנטייפעל׳ס מיניס־טעריום האָט געמאַכט א פארזוך אויף׳ן געזעצגעבערישען וועג אָפּ־צושוואַכען דעם יאָך פון שטייערען, וואָס האָט געדריקט אויף די אונטערשטע קלאַסען. אָבער זיין פּראָיעקט איז דורכגעפאַלען. די העכערע קלאַסען האָבען אויף אַלערליי אופנים געהעצט די עפענט־ליכע מיינונג געגען פּראָיעקט, וואָס דאָס איז ניט שווער געווען פאַר די, וואָס האָבען געהאַט אין זייערע הענד אַלע מיטלען צו פאַלסיפיצירען די עפענטליכע מיינונג, און ווען דער פּראָיעקט איז אריינגעבראַכט געוואָרען אין די ערשטע קאַמער, איז ער דאָרט פארוואָרפען געוואָרען, דאַן האָט די רעגיערונג מיט א טיעפען זיפץ ערקלעהרט, אז זי מוז זיך אָפּזאָגען פון דער רעפאָרם, ווייל די עפענטליכע מיינונג איז נאָך ניט צוגעגרייט זי אָנצונעהמען.

לאַסאַל באווייזט ווייטער, אז דער דירעקטאָר פון סטאַטיס־טישען ביוראָ, געהיימראַט ענגעל, אין א רעפעראַט, וואָס ער האָט אריינגעבראַכט מיט אייניגע חדשים צוריק געזאָגט בוכשטעבליך דאַסזעלביגע פאַר וואָס לאַסאַל ווערט איצט פארפאָלגט. מיט דער ערלויבנים פון ענגעל׳ן האָט ער פאַרגעלייענט א בריעף, אין וועלכען ענגעל ערקלעהרט זיך פאָלשטענדיג איינפארשטאַנען מיט איהם.

„איך ערקלעהר, מיינע הערען, אז דאָס איז א ריינע רעגיע־רונגס־לעהרע!״

ווייטער פיהרט ער אויס, אז דער הויפּט־ארגומענט, וואָס מען שטעלט ארויס פאַר אינדירעקטע שטייערען, באשטעהט אין דעם, וואָס ווען דאָס פּראָסטע פאָלק צאָהלט דירעקטע שטייערען ווייס ער, אז ער צאָהלט שטייערען, אָבער צאָהלענדיג אינדירעקטע שטייערען, מיינט ער, אז ער צאָהלט דעם הענדלער, בעת אין דער אמת׳ען צאָהלט ער דער רעגיערונג. איז וואָס דערפון געדרונגען? אז עס איז א העכסט ניצליכע פּאָליטישע ארבייט צו ערקלעהרען דעם קליינעם מענשעל די שעדליכקייט פון אַזעלכע שטייערען. אָבער, זאָגט מען, שטראָף קומט ניט פאַר מאַכען אַזעלכע באהויפּ־טונגען, נאָר פאַר ווענדען זיך מיט אַזעלכע רייד צו ארבייטער,

צו אונגעבילדעטע מענשען. פרעגט לאסאל: באטייליגען זיך ניט אָט די „אונגעבילדעטע" אין דער געזעצגעבונג? דארפען זיי געהן צום שטים־קאסטען בלינד, ניט וויסענדיג, וואָס און ווי זיי באַשליסען מיט זייערע שטימען? *)

אלע געבראכטע טעמים פיהרען לאסאל'ען סוף כל סוף צו דער פראגע: צו איז ניט דער פראצעס גופא, וואָס מען מאכט נעגען איהם אָן אָפענע פארלעצונג פון דער קאָנסטיטוציע? ער האָט געוואָלט נאָר איינס: ער האָט געוואָלט געבען א טעאָרעטישע באגרינדונג פאר א געזעצליכען און פריעדליכער אגיטאציע צו גונסטען פון אלגעמיינעם דירעקטען וואהלרעכט: ווייל ווען „יעדער פליכט מוז אנטשפרעכען א געוויסע רעכט" — ווי מען ווידערהאָלט עס כסדר — טו ווארום זאָלען די אונטערשטע קלאַסען באזיצען בלויז א דריט־חלק פון וואהלרעכט, ווען צאָהלען צאָהלען זיי דער רעגיערונג 5, 6, 10 און 20 מאָל אזויפיעל שטייערען, ווי די פארמעגליכע קלאַסען?

און דאָ גיט ער איבער זיין פאָליטישען גרונד־געדאנק אין א פאָר פיעל־זאָגענדע פאראגראפען:

„איינס פון דיביידע, מיינע הערען! אָדער ריינע זעלבסט־הערשאפט, אָדער אלגעמיינע וואהלרעכט! מען קען זיך האַמפערען, וואָס איז בעסער, אָבער דאָס, וואָס ליעגט צווישען זיי, איז אונטער אלע אומשטענדען אונמעגליך, אונפארנינפטיג, אונלאָגיש.

דער זעלבסטהערשער, וועלכער איז דורך זיין פאָזיציע אָפּגעריסען פון די שקלאפען־ווידערשפרוכען און וועלכער שטעהט הויך איבער דער געזעלשאפט און איהרע אינטערעסען, וואָלט נאָך געקענט זיך אָפּגעבען צום אלגעמיינעם אינטערעס, צום אינטערעס פון דער אונגעהייער גרויסער מאַיאָריטעט. ווי און וויפיעל דאָס וועט איהם געלינגען, דאָס הענגט אָפּ פון צופאל: פון זיין שארפזין, פון זיינע פעהיגקייטען, פון זיין כאראקטער. ווענינסטענס, וואָלט ער עס געקענט טאָן און זיין פאָזיציע וואָלט איהם שטענדיג דער־

*) זעה באווייזע ביי אָרלא לעמאַן:
Mit Forsvar in den Falsterske Sag, 19 Jan., 1842
eftrladte scriften, III. 444.

מאָנט, אַז ער מוז עס טאָן. און ווירקליך, דער לאָזונג פון אַלטען אבסאָלוטיזם איז זיינע בעסטע ציימען איז געווען: קיין זאַך דורכ׳ן פאָלק, אַלץ פאַר׳ן פאָלק.

די צייט איז אַוועק. עס איז געקומען די צייט פון קאָנסטיטוציאָנאַליזם, ד. ה. ווען די געזעלשאַפט האַלט זיך געגוג רייף איבערצונעהמען אין איהרע אייגענע הענד די פאַרטיידיגונג פון איהרע אינטערעסען. פון דעם מאָמענט אָן איז אַ לאָגישע אונמעגליכקייט, אַן אָפענער ווידערשפּרוך, אַ שרייענדע אונגערעכטיגקייט איבערצוגעבען דעם באַשלוס אין די הענד פון דער מינאָריטעט, אין די הענד פון די פאַרמעגליכע קלאַסען. אַט די קלאַסען, וועלכע שטעהען ניט איבער די געזעלשאַפטליכע אינטערעסען, נאָר וועלכע זיינען גיכער אַוועקגעשטעלט אונטער דעם סאַמע קרייץ־פייער פון די דאָזיגע אינטערעסען, קענען ניט ניט געברויכען זייער באַשלוס־רעכט פאַר זייער אייגענער טובה, און זיי אָפּפערען דארום די אינטערעסען פון דער אונגעהייער גרויסער מאַיאָריטעט, פון די נידריגערע קלאַסען, פאַר זייער פּערזענליכען אינטערעס.״

לאַמיר ביי דער געלעגענהייט זיך באַקענען מיט לאַסאַל׳ס סטראַטעגיע: ער באַנוצט זיך מיט יעדען אָנפאַל אויף זיינע פריהעריגע באַהויפּטונגען, אום אַ רוק צו טאָן אַ שריט פאָרווערטס זיינע אייגענע טראַנשעען.

עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם צו באַווייזען די ריכטיגקייט פון דער באַהויפּטונג, אַז די אינדירעקטע שטייערען ווערען הויפּטזעכליך געצאָהלט פון די אָרימע לייט. באַווייזט ער צוערשט מיט אַ רייהע ציטאַטען, אַז אונפּאַרטייאישע עקאָנאָמיסטען האַלטען זיך אַלע ביי דעם שטאַנדפּונקט; דערנאָך באַווייזט ער, אַז פאַרקעהרט, אַז ער האָט נאָך געברויכט צו ווייכע אויסדרוקען; ווייטער, אַז די רעגיערונג, וואָס באַשולדיגט איהם, האָט אַליין געזאָגט דאָס זעלבע וואָס ער, און צולעצט, אַז זי האָט אויך פּרובירט ווי ער צו העלפען אין דער צרה, זי איז אָבער אין דעם דורכגעפאַלען צוליעב פאַראורטייל.

עס האָט זיך געהאַנדעלט באַזונדערס וועגען דעם צו באַווייזען, אַז עס איז ערלויבט אַרויסצוזאָגען אַזעלכע געדאַנקען פאַר דער בויטלײדענדער מאַסע. באַווייזט ער, אַז דער פאַראורטייל, אויף

וועלכען די רעגיערונג האָט זיך אָנגעשטויסען, איז דער פאַר־אורטייל פון המון און אז ער, לאַסאַל, קעמפפענדיג געגען דעם, ארבייט אין די הענד פון דער רעגירונג און פארדיענט גיכער א באַלוינונג פאר בירגערליכען מוט אַנשטאָט געפענגנים. און לאַ־סאַל, געגען וועלכען מען האָט ארויסגעשטעלט די טענה, אז גרע־סערע פליכטען ציהען נאָך זיך גרעסערע רעכט, פיהרט סוף כל סוף אויס, אז גראַד די אידעע דארף ברענגען צום אַלגעמיינעם וואהל־רעכט, פאר וועלכען ער קעמפט.

דאָס, וואָס צייכענט אויס לאַסאַל׳ס אַלע פאַרטיידיגונגס־רעדען, איז — דאָס אָנזאַמלען פון באַווייזע וואָס דרעהען זיך אַלע ארום איין שטרייט־פונקט, וועלכער ווערט פון איהם פאַר־טיידיגט מיט דער גרעסטער ענערגיע; דער אָנקלאַגענדער טאָן; די טאַקטיק, וואָס געהט שנעל איבער פון פארטיידיגונג צו אָנ־פאַל, און אן אויספיהרליכער, גרינדליכער אנאַליז פון באַשולדי־גונג אַקט, וואָס באַצוועקט צו ערקלעהרען, ווי שלעכט ער איז צו־זאַמענגעשטעלט. אין זיין קריטיק פון די פּראָקוראָרען, אדוואָ־קאַטען און ריכטער פון די פריהעריגע אינסטאַנציעס באהאנדעלט ער זיי ווי פאַלשטענדיגע גייסטיגע גאָרנישטען; ער שלאָגט מיט איינעם דעם אַנדערען. און דער פאָרזיצענדער, פאַר וועמען דער פּראָצעס קומט פאָר, שפּיעלט דערביי די זעלבע ראָלע, וואָס די ריכטער אין שעקספּיער׳ס „פיעל טומעל צוליעב גאָרנישט“. די באַשולדיגונג אליין מאַכט ער פאר אן איבערטרעטונג פון געזעץ און ער שרייט אויס, ווי ער וואָלט געוועזן דער ריכטער: „אָבער לאָמיר אויסהערען דעם אנדער צד!“ אָדער: „די באַשולדיגונג, אַזוי באַגרינדעט, איז זינלאָז; איך וועל זי באַגרינדען פיעל שטאַר־קער, ווי דער פּראָקוראָר האָט דאָס געטאָן“, אָדער ער געהט איבער די פּערזענליכע אָנפאַלען אויף׳ן פּראָקוראָר.

אין זיין „רעדע פאר די געשוואָרענע“ ברענגט ער אַן אָריגי־נעלען בריעף, וואָס ער האָט געשיקט צו זיין ערשטען באַשולדיגער און אין וועלכען ער פאַרלאַנגט פון איהם אויף דעם דרינגליכסטען אופן, ער זאָל אליין קומען פיהרען געגען איהם די אַנקלאַגע, וואָרום ער, לאַסאַל, וויל פאָדערען פון איהם דין וחשבון, און ווענדענדיג זיך צו די ריכטער, גיט לאַסאַל צו: „איהר זעהט, מיינע הערען, איך האָב פּרובירט מיט שמיץ אונטערצוטרייבען זיין עהרענגעפיהל,

אום צו צווינגען איהם היינט צו קומען און אפגעבען מיר חשבון פאר זיינע האנדלונגען.״

אין זיין רעדע: „די וויסענשאפט און די ארבייטער״ ערלויבט ער זיך אזא טריאומף: ער ווארפט דעם פראקוראר, דעם זוהן פון באריהמטען פילאזאף שעלינג, אין פנים אריין די פייערליגסטע ליעבע־ראלע פראזען פון זיין פאטער, און ער צווינגט זיי ביידען צו פארפיהרען א דעבאטע, און די צוהערער האבען דעם פארגעניגען בייצוואוויינען א העכסט קאמישען ווערטער־דועל צווישען „שעלינג־פאטער״ און „שעלינג־זוהן״, מיט איין ווארט, ער פיהלט זיך לאסאל אזוי אין זיין עלעמענט, ווי אויף דער אנקלאגע־באנק. דאס איז די בימה, וואס רעגט אם שטארקסטען זיין וויץ און שארפזין: דא ווייזען זיך ארויס אין זייער פולען גלאנץ אלע זיינע פעהיגקייטען. ווייל די פעהיגקייטען זיינען אין עצם געוועזן מלחמה־פעהיגקייטען, און ערשט אין מאמענט פון קאמף, אין „פולען וואפען״, באוויזען זיי זייער פולע מאכט.

אין פארלויף פון די צוויי יאהר איז לאסאל, אזוי צו זאגען, די גאנצע צייט געזעסען אויף דער אנקלאגע־באנק. אטאקירט פון אלע זייטען, פארשריען מיט טויזענדער קולות פון טויזענדער צייטונגען, שמידט לאסאל פון יערען געזאגטען אדער געשריבענעם ווארט זיינעם א וואפען. אפילו אזא אויספיהרליכע, געבונדענע בעארבייטונג פון זיינע אידעען, וואס ער גיט אין אזא גרויס ווערק ווי „קאפיטאל און ארבייט״, איז ווי געשריבען אין א צושטאנד פון אמת׳ען קאמף־משוגעת. ער שרייבט מיט אזא ווילדקייט און צוקאכטקייט געגען שולצע־דעליטש׳ען און די מיטעלמעסיגקייטען, וועלכע ער פארטרעט, אז דאס בוך איז מעהר ענליך צו א גיפטיגען זידעל־פאמפלעט. אבער דער ליידענשאפטליכער ברען פון זיין פאלעמיק האט א מעלה, פון וועלכער לאסאל איז העכסט וואהרשיינליך אליין באוואוסט געוועזן און וועלכע בייסט טיילווייז אויס דעם ניט שעהנעם, שרייענדען טאן, די אונגעהובעלטקייט און גראבקייט, און די מעלה איז: דאס בוך וועט געלעזען ווערען, ווי לאסאל אליין זאגט עס, פון הונדערטער און טויזענדער, וועלכע וואלטען קאלט און גלייכגילטיג פארבייגעגאנגען פארביי א פיעלבענדיגען ווערק, וואס זאל געבען א סיסטעמאטישע ענטוויקלונג פון זיינע אידעען.

4.

אָפּקלאַנגען פון דער יולי׳ער רעוואָלוציע.

וואָס זיינען דאָס געווען פאַר אידעען? פון וואַנען שטאַמען זיי און וואו ליגט זייער באַהאַלטענער קוואַל? און וואָס פאַר אַ פאַרוואַנדלונג האָבען זיי דורכגעמאַכט ביי לאַסאַל׳ען?

זיינע אידעען — דאָס זיינען געווען די טראַדיציעס פון רע־וואָלוציאָנערען דייטשלאַנד פון יאָהר 1848, ווי זיי זיינען אויסגע־דריקט געוואָרען אין „מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", פאַרעפענטליכט אין לאָנדאָן אין פעברואַר 1848, און איבערהויפּט אין די סאָציאַליסטישע שריפטען פון מאַרקס און ענגעלס. און זייער היסטאָרישער קוואַל איז דער פאַרזוך צו אַ סאָציאַלער רע־וואָלוציע, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין דער צייט פון רעפאָר־מאַציע.

אין זיין ראָמאַן „אין רייה און גליעד" האָט שפּיעלהאַגען געגעבען אַלס הינטערגרונד פאַר דער אַגיטאַציע פון זיין העלד לעאָ די טראַדיציעס פון דער צייט פון פּויערים קריעג (דער „בונד שוה"). לעאָ וואַקסט אויס צווישען ערצעהלונגען וועגען יענעם היסטאָרישען קאַמף. דאָס איז פון פאַרפאַסער ריכטיג באַטראַכט, וואונדערבאַר דורכגעפיהלט. וואָרום ווי נאָר אין דייטשלאַנד ארום יאָהר 1848 זיינען אויסגעקומען די סאָציאַליסטישע רעפאָרם־פּראָ־יעקטען, זיינען גלייך לעבעדיג געוואָרען די ערינערונגען וועגען יענע בלוטיגע קלאַסען־מלחמות, וואָס די רעפאָרמאַציע האָט ארויס־גערופען און וועלכע זי האָט נאָכדעם אומזיסט געזוכט צו באַהער־שען. עס איז דאַרום נויטיג צו וואַרפען אַ בליק אויף יענעם אינער־ליכען קאַמף, ווי די דייטשע רעוואָלוציאָנערען פון 1848—1856 האָבען איהם פאַרשטאַנען, כדי אויסצוגעפינען די שייכות צווי־שען דער היינטיגער דייטשער אַרבייטער־באַוועגונג און איהר פאָר־גענגערין, איהר וויטער קרובה, דער פּויערים־באַוועגונג; די שייכות צווישען דער מאָדערנער ערשיינונג און איהר היסטאָרישען הינטערגרונד.

די ראַדיקאַלע פּאַרטיי פון 1848 האָט אַזוי זיך פאָרגעשטעלט די רעפאָרמאַציאָנס צייט: אין יענער פּעריאָדע האָבען עקזיס־

מירט דריי גרויסע לאַגערן: דער קאָנסערוואַטיווקאַטוילישער לאַגער; די בירגערליך־מעסיגע לוטעראַנישע רעפאָרם און די רע־וואָלוציאָנערע פּאַרטיי (פון פּויערים און קבצנים), וואָס איהרע פאָדערונגען זיינען אם שארפסטען אויסגעדריקט געוואָרען פון טאָ־מאַס מינדער. לוטער און מינדער, סיי לויט דעם כאַראַקטער פון זייערע לעהרען און סיי לויט דעם כאַראַקטער פון זייער האַנדלען, האָבען פאָלשטענדיג רעפּרעזענטירט יעדער זיין פּאַרטיי. ווען לוטער איז צוערשט, אין 1512, אַרויסגעטראָטען געגען דער קאַ־טוילישער קירך, האָט זיין אָפּאָזיציע נאָך ניט געהאַט קיין פעסט באַשטימטע פאָרם. פון איין זייט איז זיין אָפּאָזיציע ניט אַרויס־געגאַנגען פון די פאָרמען פון דער עלטערער בירגערליכער אפּיקורסות, פון דער אַנדער זייט אָבער האָט זי אויך ניט אויס־געשלאָסען די מעגליכקייט פון ווייטערער ענטוויקלונג אין די פאַר־שיעדענסטע ריכטונגען, און זי האָט עס אויך ניט געקענט טאָן. פאַר'ן ערשטען מאָמענט איז נויטיג געווען, אַז אַלע אָפּאָזיציאָ־נעלע קרעפטען זאָלען געהן פאַראייניגט, אום אַרויסצוברענגען די שטאַרקסטע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע; די גאַנצע מאַסע אונצו־פריעדענע מיט דעם אַלטען גלויבען האָט געמוזט פאַרטראָטען זיין אין דער אָפּאָזיציע צו דער קאַטוילישער אָרטאָדאָקסיע. פונקט אַזוי זיינען די ליבעראַלע בורזשואַ נאָך אין 1847 געווען רעוואָ־לוציאָנער, האָבען זיך גערופען סאָציאַליסטען און געטרוימט וועגען דער באַפרייאונג פון דער פּויערים און אַרבייטער־מאַסע. לו־טער'ס קרעפטיגע פּויערשע נאַטור האָט ביי זיינע ערשטע אַרויס־טרעטונגען זיך אַרויסגעריסען מיט איהר גאַנצער שטורם:

„ווען זייער (פון די רוימישע גלחים) משוגע'נער דאָרן זאָל ברענגען פּרוכט, איז, נאָך מיין מיינונג, קיין בעסערע עצה און רפואה, ווי זיי צו האַמעווען, גאָר ניטאָ, ווי אַז די קעניגע און די פירסטען זאָלען זיך נעהמען מיט געוואַלט מאַכען אַ סוף צו דעם שפּיעל, ניט מיט ווערטער, נאָר מיט וואַפען. ווען מיר באַשטראָ־פען גנבים מיט'ן שווערט, און מערדער מיט שטריק און אַפּיקורסים מיט פייער, ווארום זאָלען מיר זיך ניט בעסער אַ נעהם טאָן מיט אַלערליי וואַפען צו אָט די שעדליכע לעהרער פון הפקרות, צו די אַלע פּאַפּסטער, קאַרדינאַלען, בישאָפען, אָט דער גאַנצער מחנה פון רוימישען סדום און אָפּוואַשען אונזערע הענד אין זייער בלוט?

אָבער אָט דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער כרען האָט אָנגעהאַלטען ניט לאַנג. ווען דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק האָט זיך גענומען ריהרען, ווען די פויערים און דער המון האָבען אין לוטער׳ס אויפרופען געגען די פאַפּסטען און אין זיין פרעדיגען פון קריסטליכער פרייהייט דערהערט אַ סיגנאַל צו אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד געגען זייערע אונטערדריקער, בעת די מאַכט־האָבער איז נאָר געגאַנגען אין דעם צו צוברעכען די מאַכט פון די גלחים און צו באַרייכערען זיך דורך דער קאָנפיסקאַציע פון די קירכען־אוצרות און לוטער האָט דאָ געדאַרפט אויסקלייבען צווישען איין צד און דעם אַנדערען, אָה, דאַמאָלס האָט ער, וועלכער האָט זיך געטוליעט אונטער דעם שוץ פון זאַקסישען קורפירסט; ער, דער אַנגעזעהענער לעהרער, וועלכער האָט זיך אַרומגערינגעלט מיט חונפים, דאַמאָלס האָט ער אַ מינוט ניט געצווייפעלט — ער האָט זיך אָפּגעטרייסעלט פון די פאָלקס־עלעמענטען פון דער באַוועגונג און איז צוגעשטאַנען צו דער סוויטע פון בורזשואַ, אַדעל־לייט און פירסטען. פאַרשטומט האָבען זיינע אויפרופען צו אַ פאַרטיליגונג מלחמה געגען רוים, און ער האָט גענומען פּרעדיגען (פּונקט ווי די דייטשע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג פון 1848, ווען זי איז געשטעלט געוואָרען פנים אל פנים מיט אַ מלוכה־איבערקעהרעניש) — פריעדליכע ענטוויקלונג און פאַסיווען ווידערשטאַנד.

אויף הוטען׳ס איינלאַדונג צו קומען צו איהם און צו זיקינגען און עבענבורג, וואָס איז דאַמאָלס געווען דער צענטער פון דער פאַרשוועררונג פון די אַדעליגע געגען די גלחים און פירסטען, האָט לוטער געענטפערט: „איך וואָלט ניט געוואָלט, אַז דאָס יעוואַנגעליום זאָל פאַרטיידיגט ווערען מיט געוואַלט און בלוטפאַרגיסונג. די וועלט איז באַזיעגט געוואָרען דורכ׳ן וואָרט, די קירך האַלט זיך דורכ׳ן וואָרט, דורכ׳ן וואָרט וועט זי אויך אויפגעריכט ווערען, און פּונקט ווי דער אַנטי־קריסטוס האָט באַקומען זיינס אָהן געוואַלט, וועט ער אויך פאַלען אָהן געוואַלט.״ אויף די דאָזיגע ווערטער לאָזט לאַסאַל אין זיין „פראַנץ פאָן זיקינגען״ פאָן הוטען ענטפערען מיט אַ גאַנצען לויב־געזאַנג אויפ׳ן שווערט.

זייט דאַן איז אין לוטער׳ס לעבען פאָרגעקומען אַן איבערקעהרעניש. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ האַנדעל און אַ דינגעניש וועגען די קירכליכע אינסטיטוטען און גלויבענס־עיקרים — וועלכע

זאָלען רעפאָרמירט ווערען און וועלכע זאָלען בלייבען; אַן עקעלהאַפטער שפּיעל אין דיפּלאָמאַטיע — מיט הנחות, אינטריגען און קאָמפּראָמיסען, אין רעזולטאַט פון וועלכע עס איז ארויסגעקומען דאָס אויגסבורגער „גלויבענבאַקענטניס". פאַר די ענטוישטע ראַדיקאַלען פון יאָהר 1848 איז דער רעזולטאַט געווען ווי אַ פּראָפעטישע אָנווייזונג אויף די קאָמפּראָמיסען און שאַכער־מאַכעריי פון דער דייטשער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט פאַר זייערע אויגען. אין דעם קליינבירגערליכען כאַראַקטער פון דער אָפיציעלער רעפאָרמאַציע האָבען זיי געזעהן אַן עהנליכקייט צו די פאַרזוכען פון די בורזשואַזע פּאַרטיי פאָרזיכטיג צו רודערען צווישען ראַדיקאַלער פאַרניכטונג פון דער אַלטער אָרדנונג און איהר רעסטאַווירונג.

אויך פאַר דער רעאַקציאָנערער פראָנט־ענדערונג פון דער בורזשואַזיע איז שוין דאָ אַן אָנדייטונג אין דער געשיכטע פון דער רעפאָרמאַציע. ווען דער פּויערים־אויפשטאַנד איז צוערשט אויסגעבראָכען הויפּטזעכליך אין די געגענדען, וואו די פירסטען און דער אַדעל זיינען נאָך דאָס רוב געווען קאַטויליש, האָט לוטער נאָך געפּרואווט שפּיעלען די ראָלע פון אַ פאַרמיטלער. ער האָט געמאַכט אַן ענטשיעדענע אַטאַקע אויף די רעגירונגען: זיי זיינען שולדיג פאַר'ן אויפשטאַנד, צו וועלכען זיי האָבען דאָס פאָלק געבראַכט דורך זייערע אונטערדריקונגען; זיי האָבען אויפגעבראַכט געגען זיך ניט נאָר די פּויערים, נאָר אויך גאָט. אָבער אַן אויפשטאַנד איז אָהן ספק אויך אַן עבירה געגען גאָט און יעוואַנגעליום, און ער ראָט דאַרום ביידע צדדים נאָכצוגעבען און דורכצוקומען מיט גוטען.

ווען אָבער דער אויפשטאַנד, ניט קוקענדיג אויף די פאַרזוכען צו ברענגען צו אַ פאַרשטענדיגונג, האָט זיך גענומען שנעל פאַרשפּרייטען, זיך אַריבערכאַפּענדיג פון די קאַטוילישע אויך אין די פּראָטעסטאַנטישע געגענדען, און האָט ווייט געלאָזען הינטער זיך די בורזשואַזע רעפאָרם; ווען די סאַמע ענטשלאָסענע מחנה פון די צובונטעוועטע פּויערים אונטער דער פיהרערשאַפט פון מינצערן, האָט אויפגעשלאָגען איהר הויפּט־קוואַטיר אין נאָהענטער שכנות מיט לוטער'ן אין טירינגען, און עס האָט זיך געפאָדערט נאָר אַ פּאָר געלונגענע שלאַכטען גאַנץ דייטשלאַנד זאָל אַנגעצונדען

ווערען — דאַמאָלס איז שוין וועגען פאַרשטענדיגונג קיין רייד
ניט געווען. פּנים אל פּנים מיט אַ רעוואָלוציע איז פאַרגעסען
געוואָרען די אַלטע שנאה — פירסטען און בירגער, אַדעל און גלחים,
לוטער און פּאַפּסט — אַלע האָבען זיך פאַרבונדען געגען „די רווי־
בערישע און מערדערישע פויערשע באַנדעס". „מען זאָל זיי צו־
שמייסען און צושינדען, ווערגען און שטעכען, אָפען און געהיים,
ווער עס קען, ווי מען טויטעט משוגע'נע הינד" — האָט לוטער
געשריען. „דאַרום, מיינע ליעבע הערען, לייזט אויס דאָ און רע־
טעט דאָרט; האַקט, שטעכט און ווערגט, יעדער נאָך זיינע כחות.
ווען דו וועסט אליין שטאַרבען דערביי, געבענשט זאָלסטו זיין, ווייל מיט
אַ הייליגערען טויט קענסטו קיינמאָל ניט שטאַרבען." ער האָט
ווייטער פאַרזיכערט, אַז מען טאָר אויף זיי קיין רחמנות ניט האָ־
בען, עס איז אַ פאַלשער רחמנות, גאָט אליין האָט קיין רחמנות
ניט אויף זיי. דערנאָך וועלען די פויערים אליין דאַנקען דעם
אויבערשטען, אַז זיי וועלען דאַרפען איין קוה אַוועקגעבען, אום
צו קענען געניסען רוהיג פון דער אַנדערער. „זאָלען די ביקסען
אַביסעל אַ הוליע טאָן צווישען זיי, אַניט וועלען זיי האַנדלען טוי־
זענד מאָל ערגער."

— איז דען — האָט מען זיך געפרעגט, — אַ גרויסער אונ־
טערשיעד צווישען לוטער'ס שפּראַך און דער שפּראַך, מיט וועל־
כער עס האָט גענומען רעדען די בורזשואַזיע פון דייטשלאַנד און
פראַנקרייך נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע, ווען דער פּראָלעטאַריאַט
האָט אויך גענומען פאָדערען אַ חלק פון די פרוכטען פון זיעג —
דיזעלביגע בורזשואַזיע, וועלכע האָט זיך ביז דאַמאָלס פאַרשטעלט
פאַר אַזוי מענשענליעבענד, פאַר אַזוי סאָציאַליסטיש? די יוני־
טעג אין פּאַריז, ווען אַרבייטער זייגען טויזענדווייז צושאָסען גע־
וואָרען, האָבען ווי געגעבען אַ פּירוש אויף לוטער'ס אַ טעקסט.

לוטער האָט געגעבען דער פאָלקס־באַוועגונג אַ מעכטיגען וואָ־
פען דורך דער איבערזעצונג פון דער ביבעל. אנטקעגען דעם גאוה־
דיגען קריסטענטום פון דער פּעאָדאַלער עפּאָכע האָט ער מיט דער
ביבעל אויפגעמאָלען אַ בילד פון עניות'דיגען קריסטענטום פון
ערשטען יאָהרהונדערט. די פויערים האָבען זיך מיט דעם וואָפען
באַנוצט. איצט האָט לוטער די ביבעל געווענדט געגען זיי; ער
האָט גענומען פון איהר אַרויסלייענען הללויה'ס אויף דער מאַכט,

וואָס איז פון גאָט געזעצט; די פּיוסטען פון גאָט'ס גנאַדען, פּאַסיווע געהאָרכזאמקייט אָהן קשיות, אפּילו לייבאייגענשאפט — אַלץ, אַלץ איז געהייליגט געוואָרען דורך דער ביבעל. דערמיט איז געשטעמפּעלט געוואָרען מיט שאַנד און פּאַרלייקענט געוואָרען דער פּויערשער אויפשטאנד, נאָר אויך לוטער'ס אייגענע דערהויבונג געגען דער קירכליכער און וועלטליכער מאכט. און האָט מען דען ניט פּונקט אַזוי אין 1848 געשאָסען די רעבעלען און געוואָרפען אין געפענגניש אריין אין נאָמען פין קריסטענטום, ד. ה. שטיצענדיג זיך אויף אַ רעליגיאָן, וואָס ביי איהר געבורט איז זי אליין געוועזן אַ מין רויהער קאָמוניזם?

געגען לוטער'ן איז געשטאַנען דער פאָלקס־רעוואָלוציאָנער טאָמאַס מינדער, ווענעס פאָטער איז געשטאָרבען אויף דער תליה, אַ קרבן פון דער ווילדער רציחה פון אַן אדעלמאַן. זיין באַקאַנטשאפט מיט דער דאַמאָלסדיגער טעאָלאָגיע האָט איהם נאָך אין דער פריהער יוגענד פארשאפט דעם דאָקטאָר־טיטעל, פון דעסטוועגן האָט ער זיך מיט דער גרעסטער פאראכטונג זיך פארהאַלטען צו די דאָגמען און צערעמאָניעס פון דער קירך. נאָך איידער לוטער האָט געוואַגט צו געהן אַזוי ווייט, האָט ער פאָלשטענדיג אָפּגעשאפט די לאַטיינישע שפראַך אין גאָטעס־דיענסט. צוערשט האָט ער געציעלט זיינע אַטאַקעס בלויז אין די גלחים, און פונקט ווי לוטער האָט ער געפאָדערט די אריינמישונג פון שווערט, אָבער זיין פרייזיניגע טעאָלאָגיש־פילאָזאָפישע לעהרע האָט געטרייסעלט ניט נאָר די זיילען פון קאַטוילִיציזם, נאָר אויך פון קריסטענטום איבערהויפּט. אונטער אַ מיסטישער פאָרם האָט ער געלערענט כמעט דעם מאָדערנעם פאַנטעאיזם, און ער האָט געלייקענט, אַז די ביבעל זאָל זיין די איינציגע אַנטפּלעקונג וואָס איז פאַך דערצו אַבסאָלוט פריי פון טעות'ן. די אמת'ע, לעבעדיגע אַנטפּלעקונג איז די פאַרנונפט, וואָס האָט עקזיסטירט צו אַלע צייטען און ביי אַלע פעלקער; דער רוח הקודש פון וועלכען די ביבעל רעדט, דאָס איז טאַקע די פארנונפט; דער גלויבען — דאָס איז ניט אַנדערש, ווי דאָס לעבעדיג ווערען פון פארנונפט אין מענשען, און דערפאר קענען אַפילו נעצענדיענער האָבען גלויבען. דורך'ן גלויבען ווערען די מענשען אַלץ מעהר געהייליגט און גאָט־עהנליך, דער הימעל איז ניט אויף יענער וועלט; גאָט'ס קעניגרייך קען מקוים ווערען שוין דאָ אויף

דער וועלט. עס איז אויך גיטאָ קיין שטן, אויסער די בייזע נייגונ־גען און באַקעהרען פון מענשען. קריסטוס איז געוועזען פונקט אזא מענש, ווי מיר, און די היילינע מאַהלצייט איז ניט מעהר ווי א זכר נאָך אמאָל. זיין רעליגיעזע לעהרע האָט איהר אַבשפּיעגלונג אין זיין סאָציאַליסטישער פּראָגראַם; אַ געזעלשאַפט אָהן קלאַסען־אונטער־שיעדען, אָהן גע׳ירשן׳טע פּריווילעגיען, אָהן אַ מלוכה־מאַכט, וואָס זאָל שטעהן איבער דער געזעלשאַפט און איהרע מיטגליעדער.

מינצער האָט פריה צוריסען מיט לוטער׳ן און זיין פּאַרטיי. לוטער אַליין האָט זיך געפיהלט געצוואונגען איינצופיהרען פיעלע קירכען רעפאָרמען, וואָס מינצער האָט שוין פריהער איינגעפיהרט, ניט אָנפרעגענדיג ביי איהם. און שוין אין פריהלינג פון 1524 שרייבט מינצער צו עלאַנסטאָן, אז ער און לוטער הויבען ניט אָן צו פאַרשטעהן די באַוועגונג, אז זיי דערשטיקען זי נאָך מיט זייער בלינדען גלויבען אין ביבלישען אות: „ליעבע ברידער, מאַכט אוועק מיט אייער וואַקלען און פאַרציהען, עס איז שוין צייט, דער זומער איז ביי דער טהיר. מאַכט ניט קיין חברותא מיט די גאָטלאָזע, זיי שטערען, דאָס וואָרט זאָל ווירקען מיט פולער קראַפט. חנפ׳עט ניט אייערע פירסטען, אַניט וועט איהר אַליין אומקומען צוזאַמען מיט זיי. איהר איידעלע געלעהרטע, ביבעל־קענער, ווייזט ניט קיין קשנות, איך קען אנדערש ניט״.

לוטער האָט איהם איינינע מאָל אַרויסגעפאָדערט אויף אַ טעֶ׳ לאָגישער דעבאַטע מיט איהם, וואָס מינצער האָט אָבער ניט אָנגע־נומען, אָבענטפערענדיג, אז ווען לוטער וואָלט געוועזען אויפריכטיג, וואָלט ער אויסגענוצט זיין איינפלוס מען זאָל אויפהערען צו פאַר־פאָלגען מינצער׳ס דרוקערס און אז מען זאָל אָפּשאַפען די צענזור איבער זיינע ביכער, און דערמיט געבעןביידע צדדים די מעגליכ־קייט אויסצוקעמפפען אונגעשטערט דעם קאַמף אין דער פּרעסע. דאָן איז לוטער אַרויסגעטראָטען מיט אָן אָפענע מסירה געגען איהם. אין זיין בריעף צו די פירסטען פון זאַקסען געגען דעם רע־בעלישען גייסט רופט ער אָן מינצער׳ן אַ ווערקצייג פון שטן און פאָ־דערט אויף די פירסטען זיי זאָלען זעהן נעהמען שריט געגען איהם און פאַרטרייבען פון לאַנד. *)

*) פאַרגלייך קאַרל מאַרקס׳ „נייע רהיינישע צייטונג״, העפטען 5 און 6. 1850. פריעדריך ענגעלס׳ „דער דייטשער פויערים־קריעג״.

אויף אן עהנליכען שטייגער האט אויך די אזוי גערופענע לי־בעראלע בורזשואזיע אין דער פראנצויזישער נאציאנאלער פאר־זאמלונג פאר און אונטער לואי נאפאלעאנס פרעזידענטשאפט זיך אבגעווארפען פון איהר פערגאנגענהייט. זי האט כסדר געהאמערט די מינאריטעט מיט דעם איינציגען ווארט „סאציאליזם“. פאר סא־ציאליסטיש איז ערקלעהרט געווארען דער בורזשואזער ליבעראליזם, פאר סאציאליסטיש אויך די בורזשואזע בילדונג, א. ז. וו. סאציא־ליסטיש איז געוועזען בויען אן אייזענבאהן דארט, וואו עס איז שוין געוועזען א קאנאל, און סאציאליסטיש האט אויך געהייסען פארטיי־דיגען זיך מיט א שטעקען, ווען איינער באפאלט דיך מיט א שווערט, זאגט מארקס: *)

„די בורזשואזיע האט ריכטיג פארשטאנען, אז אלע די וואפען, וואס זי האט געשמידט געגען פעאדאליזם, האבען זיך אומגעדרעהט מיט די שפיצען געגען איהר אליין; אז די אלע קולטור־מיטלען, וואס זי האט באשאפען הייבען אויף א בונט געגען איהר אייגענער ציוויליזאציע... וואס זי האט אבער ניט פארשטאנען, איז דער פועל יוצא דערפון, אז איהר אייגענער פארלאמענטארישער רעזשים און איהר פאליטישע הערשאפט בכלל זאלען אויך ארונטער אונטער דעם אלגעמיינעם פארדאמונגס אורטייל געגען סאציאליזם... ווען אין יעדען סמן פון לעבען, וואס די געזעלשאפט ווייזט, זעהט זי א געפאהר פאר דער „רוה“, ווי קען זי אין שפיעל פון דער געזעל־שאפט אוועקשטעלען א רעזשים פון הוילע אונרוה, איהר אייגענעם פארלאמענטארישען רעזשים, וואס לויט דעם אויסדרוק פון איינעם פון איהרע רעדנער, איז א רעזשים וואס לעבט אין קאמף און דורך קאמף? דער פארלאמענטארישער רעזשים לעבט אויף דיסקוסיאן, ווי קען ער פארוועהרען דיסקוסיאן? דער קאמף פון די רעדנער אויף דער טריבונע רופט ארויס א קאמף פון די שרייבונגען אין דער פרעסע; דער דעבאטאנטען־קלוב אין פארלאמענט קריגט זיין פארטזעצונג אין דעבאטאנטען־קלובען, אין די סאלאנען און שענ־קען. ווען איהר שפיעלט פידעל אויפ'ן שפיעל פון שטאאט, קענט איהר דאך אנדערש ניט ערווארטען, ווי אז אונטען זאל מען נעה־

*) קארל מארקס: „דער 18טער קריגער פון לואי נאפאלעאן“, זייט 26.

מען טאַנצען? פאָלגליך, ווען די בורזשואַזיע לעגט איצט אַרויף אַ חרם, אַלס „סאָציאַליסטיש“, אויף דעם, וואָס זי האָט פריהער געהויבען אין הימעל אַריין אַלס ליבעראַל, פאַרלאַנגט דאָך איהר אייגענער אינטערעס, אַז מען זאָל עס אויסלייזען פון דער געפאַהר פון זעלבסט־רעגיערונג, אים צו פאַרזיכערען רוהע און אָרדנונג אין לאַנד.“

דער פאַרגלייך פון די פראַנצויזישע פאַרהעלטניסען מיט די דייטשע בעט זיך פון זיך אַליין. עס וואַרפט זיך אויך אין די אויגען די עהנליכקייט צווישען לוטערס אויפפיהרונג און דער שטעלונג פון דער דייטשער בורזשואַזיע אין יענער קריטישער צייט.

עס האָט זיך געפיהלט, אַז מען לעבט אין אַ צייט, וואָס האָט ווידער אויפגענומען דאָס ווערק פון דער רעפאָרמאַציע. אויפ'ן טעאָלאָגישען געביעט האָבען די רעפאָרמאַציע פאָרטגעזעצט שטרויס און פייערבאַך; אין פאָליטישער און סאָציאַלער באַציהונג האָט די דעמאָקראַטישע פאַרטיי זיך גענומען צו נעהמען אויף זיך די געדאַנקען און פלענער פון דער רעפאָרמאַציע, וואָס זיינען אָבגעשטעלט געוואָרען אין זייער ענטוויקלונג. אָבער די פאַרטיי האָט ווייניג וואָס געלערנט פון דער רעפאָרמאַציע. זי האָט פאַרגעסען, אַז די רעפאָרמאַציע, אויף וויפיעל זי איז געלונגען, איז עס נאָר געווען דערפאַר, וואָס זי האָט זיך אַליין באַגרענעצט און באַשרענקט אין ענגע ראַהמען, סיי אין איהר פאַרוויקלונג און סיי אין איהרע אויספיהרונגען, און אויך דערפאַר, וואָס כאָטש געבאָרען פון אַ שטאַרקען, לעבעדיגען מאָראַלישען געפיהל האָט זי דאָך פאַרשטאַנען, איבערצוגעווינען אויף איהר זייט די פאָליטישע ליידענשאַפטען און כוחות. זי האָט געזיעגט אין דועל, ווייל איהר סעקונדאַנט איז געווען דער פאָליטישער אינטערעס פון די נעבעטיגע. פאַרקעהרט, די רעוואָלוציע פון 1848 איז געווען ריין אידעאַליסטיש און אַבסטראַקט ראַדיקאַל. זי האָט געוואָלט מיט איין קלאַפ אַלץ איבערקעהרען.

דערפאַר ווענדען די „אַלטע סאָציאַליסטען“, מאַרקס און ענגעלס, בסדר זייערע בליקען צו די פריערשע מלחמות און גלאָריפיצירען זיי. לאַסאַל, פונקט אַזוי ווי זיי, האָט אויך געהאַט אַ פאַרליעבטען אינטערעס פאַר יענע מלחמות, ער קוקט אָבער אויף זיי פון אַ פיעל העכערען אינטעלעקטועלען שטאַנדפונקט און ווייזט דערביי

אַרוים א פיעל ברייטערע היסטאָרישע פאַרשטענדניס. ער באַמערקט, אַז די פויערים, איינגעטונקט, ווי זיי זיינען געווען, אין די אידעען פון מיטעל־אַלטער, האָבען געמאַכט דעם לאַנד־באַזיץ, דעם עקאָנאָמישען פּרינציפּ פון מיטעל־אַלטער, פאַר דעם תנאי, וואָס באַרעכטיגט צו באַטייליגען זיך אין דער רעגיערונגס־מאַכט. זיי איז גאָר ניט איינגעפאַלען, אַז אַ מענש, אַלס מענש גופא, מיט אָדער אָהן באַזיץ, האָט אַ שותפות־רעכט צו דער רעגיערונג. און אין נעגענזאַץ צו מאַרקס'ען און ענגעלס'ען, שטעלט זיך לאַסאַל אָב אין זיינע וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען מיט באַזונדערער ליעבע אויף דעם אַריסטאָקראַטישען אויפשטאַנד פון יענער צייט, אויף דעם אויפשטאַנד פון די אַדעליגע אונטער פאָן זיקינגען, און אַלס פּרובעט פון די פאָרשונגען, וואָס ער האָט געמאַכט אין דער ריכטונג, קומט ביי איהם אַרויס די דראַמא „פראַנץ פאָן זיקינגען". לאָמיר נאָך אַמאָל וואַרפען אַ בליק אויף דעם דאָזיגען ווערק, וואָס איז אַ הויפּט וויכטיגער דאָקומענט פאַר דער פאַרשטענדניס פון לאַסאַל'ס פּסיכאָלאָגיע.

אין דער פאָררעדע צו דער דראַמע דערמאָהנט ער פאַרביי־געהענדיג זייער טעות, אַז דער רעפאָרמאַטאָרישער גייסט איז מעהר אָדער ווייניגער געשאַפען געוואָרען פון לוטער'ן, באַווייזט לאַסאַל, אַז ניט נאָר האָט ער עקזיסטירט פאַר לוטער'ס צייט, נאָר אַז ער איז אויך איבערפילט געווען מיט ריינעם מענשליכען ענטוזיאַזם, וואָס די ווידערגעבורט פון די וויסענשאַפטען האָט געבראַכט, און אַז לוטער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דעם ענטוזיאַזם אַריינגעשפּאַרט אין דעם ענגען בעט פון דער איינזייטיגער דאָגמאַטישער טעאָלאָגיע: ווייטער באַווייזט ער, אַז דער רעפאָרמאַטאָרישער גייסט פון פאַר דער רעפאָרמאַציע איז געווען גרעסער, ברייטער, פרייער, הומאַנער, ווי זיין פּראָדוקט — די רעפאָרמאַציע. פאָן הוטען אין זיין בריעף צו גראַף ניענאַר וועגען לוטער'ס ערשטען אַרויס־טריט זאָגט, צוםביישפּיעל, פאָלגענדעס:

„זיי היבען אָן פאַרניכטען איינער דעם אַנדערען. דו האָסט אפשר נאָך ניט געהערט, אַז אין וויטענבערג, זאַקסען, האָט קירצ־ליך איין פּאַרטיי זיך אויפגעהויבען געגען פּאַפּסט'ס הייליגקייט, די אַנדערע פאַרטיידיגט זיין פאַרגעבונגס־מאַכט. פון ביידע זייטען ווענדט מען אָן אַלע מעגליכע מיטלען און מען קעמפט מיט אַלע

כוחות. די אנפיהרער פוןביידע פּאַרטייען זיינען מאַנאַכען און ביידע שרייען, וואָיען, קלאָגען אַזוי הויך ווי זיי קענען נאָר. זיי האָבען שוין אַפילו געצומען שרייבען אויך. איצט דרוקט מען און מען פאַרשפּרייט אַלערליי פּאַראַגראַפען, אַרטיקלען, פּאַמפּלעטען. דאַרום האָף איך, אַז זיי וועלען איינס די אַנדערע אויסראַטען. ווען קירצליך האָט אַ בעטלער־ברודער מיר דערצעהלט די נייעס, האָב איך צו איהם אַזוי געזאָגט: „פרעסט איינע די אַנדערע, ביז עס זאָל פון אייך אַלעמען קיין זכר ניט בלייבען, ווייל איך ווינש, אַז אונזערע שונאים זאָלען פאַרצוקען און פאַרשלינגען איינע די אַנדערע ביז אַ פּיצעלע".

אַלזאָ, ניט פאַר דער טעאָלאָגישער, נאָר פאַר דער מאָראַלי־שער און פּאָליטישער רעפאָרם שטעלען זיך איין ביידע העלדען פון לאַסאַל'ס שטיק — הוטען און זיקינגען, און כדי ווי די פּיעסע זאָל אין יעדער באַציהונג זיין אַ פאָרבילד פון לאַסאַל'ס שפּעטערדי־גען שיקזאַל, ענדיגט אולריך הוטען דערמיט, וואָס ער שליסט זיך אָן אָן די פיהרער פון פּויערים אויפשטאַנד און זוכט איבערצורעדען פראַנץ זיקינגען ער זאָל נעהמען אויף זיך די הויפּט־פיהרערשאַפט.

.5

די געגענווערטיגע היסטאָרישע תקופה און דער ארבייטער צושטאַנד.

אין פריהלינג 1862, אין דעם גיט־באַקאַנטען הויז אויף בעלוויו שטראסע, ווענען וועלכען עס זיינען ארומגעגאנגען אזוי פיעל מעשות, זיינען די טעג זיך געלאָפען רוהיג, אין שווערער ארבייט און פורכטבארען דענקען, אָהן יענער פיבערישער איילעניש און טומעל, וואָס האָבען שפּעטער זיך אריינגעריסען אין לאסאל'ס לעבען. דער קליינער ווינטער־גארטען, פול מיט פּראכטפּאָלע זעלטענע פלאַנצען, האָט אריינגעאַטמעט זיינע כוחות אין די צימערען. שעהנע סאַטוען, פון מירבעל און אַלבאַסטער, זיינען געשטאַנען אין פולען וואוקס אין אַלע צימערן און האָבען אזוי בולט זיך אָבגעשלאָגען מיט זייער ווייסקייט אויף דעם טונקעלען פאָן פון די שווערע סאַמעטענע פּאָרטיערען, און עס האָט זיך געדוכט, אַז אַלע לעבען זיי איין הארמאָנישען לעבען מיט זייער באַזיצער, טיילען זיינע געוואָהנהייטען, זיינע פריידען און ליידען. די שפּיגלען, די בראָנזע, די יאַפּאַנעזישע וואַזען, די מאָדערנע בילדער אויף די ווענד, די אַלטע מאנוסקריפּטען און פּאליאנטען אין דער ביבליאָטעק האָבען קיין חשד ניט געוועקט, אַז באַלד וועט מען זייער באַזיצער פארוואָרפען, ווי ערלויבט ער דאָס זיך צו האַלטען אזאַ לוקסוס ביי זיך, אַז מען וועט איהם הייסען זיך שיידען מיט זיי, און אַז נאָהענט איז די צייט, ווען זיי וועלען זיך טאַקע צושטרייען מיט אַלע ווינטען.

אין אָבענד פלעגען זיך נאָך צונויפקומען די אַלטע פריינד און באַקאַנטע. פראַנץ דונקער, דער פּראָגרעסיסט, וועלכער האָט אין גיכען געזאָלט ווערען לאסאל'ס שונא; דער באָטאַניקער פּריצעל, א יוגענד־פריינד, מיט וועלכען זיך צוגעהן וואָלט לאסאל'ן שוין ניט אזוי לייכט געוועזן; ציגלער, דער געוועזענער אָבער־בירגערמייסטער פון בראַנדענבורג; דער אַלטער, נאַאיוועד, אונערשראָקענער קאמפּס־פּאָעט שערענבערג, מארטיני, לאָטאר, בוכער, גענ, פּאָןפּיהל, און נאָך. אָפט פלעגט דער לעבעדיגער, זיך לייכט אויפרעגענדער האנס פאָן בילאָו זיך זעצען פאר דער פּראכטפּאָלער פּיאנאָ

און ליסט'ס קאָמפּאָזיציעס פלעגן אָנפילען מיט זייערע קלאַנגען די הויכע צימערען.

פיעל איז געלאַכט געוואָרען אין יענע צימערען, באַזונדערס אין קאַבינעט, ווען לאַסאַל פלעגט א וואָרף טאָן די פען, א מיעדער פון שרייבען זיינע וויציגע גייסטרייכע קאָמענטאַרען צו יוליאַן שמידט גייסטלאָזער, עלענדער פּראָזע, אונטער דעם פּסעוודאָנים „זעצער", און וואָס איז איהם ענדליך אַזוי דערעסען געוואָרען, אַז לאָטאַר בוכער האָט געמוזט דערשרייבען דאָס לעצטע דריטעל, ענדערענדיג דעם פּסעוודאָנים אויף „זעצערפריי". מען האָט זיך פאַרגעלעזען אויפ'ן קול אָט די לוסטיגע בליצען, וואָס האָבען געדאַרפט איבערגעבען די דורות אין גאָלדענע ווערטער יוליאַנס אָרימע ערצעהלונגען וועגען גריכענלאַנד'ס זיבען חכמים; מען האָט זיך געקוויקט מיט יוליאַנס טיעפזיניגע באַטראַכטונגען וועגען דעם שוואַנען שפּיגעל, אָט דעם באַריהמטען מיטעל־אַלטערליכען געזעץ־קאָדעקס, וואָס ער האָט פון דעם געמאַכט א מאָדערנע זאַמלונג פון אונשולדיגע ליעדער; מען האָט געלאַכט איבער זיין אָנגעבלאָזענער באַראַקטעריסטיק פון „פּויסטען", אלס „ווירטואָז אָהן אידעאַלען" און איבער זיינע נאַרישע נעבעלהאַפטע פּראָזען וועגען פיכטע און העגעלן. מען האָט אויך געלאַכט אין גאַסט־צימער, זיך געוויצעלט און געשפּאַרט אויפ'ן חשבון פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי, וואָס איז אָקאָרשט געגרינדעט געוואָרען אונטער דער גייסטיגער פאַטערשאַפט פון שולצע ־ דעליטש; ביי די לייט האָט אַפילו אויסגעפּעהלט מוט אָנצורופען זיך „דעמאָקראַטען", און וואָס שטעלען זיי מיט זיך פאָר, וואָס פאַר א ווערטה האָבען זיי, ווען זיי זיינען אַפילו קיין דעמאָקראַטען ניט?

אָבער דער ריס צווישען לאַסאַלען און די ליבעראַלען איז נאָך דאַמאַלס ניט פאָרגעקומען; עס האָט שוין געהאַלטען דערביי, אָבער דער לעצטער שריט, וואָס מען זאָל שוין ניט קענען צוריקכאַפּען, איז נאָך ניט געמאַכט געוואָרען. דאָס דערקלעהרט, וואָרום לאַסאַל האָט גראָדע אין יענע טעג באַקומען א שמייכעלהאַפטע איינלאַדונג פון איינעם פון די געבילדעטסטע אין כמעט אַלע אָפיציעלע קרייזען פון בערלין. די איינציגע אָפיציעלע אויסצייכנונג, וואָס איז איהם באַוויזען געוואָרען פאַר זיין לעבען דורך דער אַזוי־גערופענער הויכער געזעלשאַפט. די „פילאָזאָפישע געזעלשאַפט" פון בערלין האָט איהם

דאַמאַלס אריינגענומען אלס מיטגליעד, ניט שטימענדיג, ווייל אלס פּראָפעסאָר פון „העראַקלים", איז זיין רעכט אויף מיטגלידערשאַפט געוועזן אונבאַשטרייטבאַר. איצט האָט מען איהם פאָרגעשלאָגען צו האַלטען אַ רעדע אויף דער פייערונג וואָס די געזעלשאַפט צוזאַמען מיט דער קינסטלעריש־וויסענשאַפטליכע געזעלשאַפט האָבען אַראַנזשירט צו פיכטע'ס אנדענקען.

מען קען ניט לייקענען, אַז לאַסאַל האָט אין זיין לעקציע „פיכטע'ס פילאָזאָפיע און די באַדייטונג פון דייטשען פאָלקס־גייסט" אויפ'ן גלענצענדסטען אופן זיין אויפגאַבע ערפילט. שטרענג וויסענשאַפטליך אין אינהאַלט און איינרייסענד אַ וועלט מיט אינפאָרמאַציע אין דער קנאַפּסטער צאָהל ווערטער, צייכענט זיך די לעקציע נאָך דערצו אויס מיט מערקווירדיגער קלאָרקייט און איידעלער איינפאַכקייט. ווי וויציג און ריכטיג צוגלייך, צום ביישפּיעל, לאַסאַל כאַראַקטעריזירט מיט אַ ציטאַטע פון געטהע'ס „פויסט", קאַנטס „קריטיק פון ריינער פאַרנונפט", וואָס מיט דעם איבערמאַך פון באַוואוסטזיין צעשמעטערט זי די געוויסהייט פון דער אויסערליכער וועלט און דערזעהט זיך פּלוצלינג אָבגעשפּיגעלט אין די רואינען.

„דער ריזען־גייסט פון קאַנט'ן", — זאָגט לאַסאַל — „איז אין דער אמת'ן דער פויסט, צו וועלכען דער קאָהר פון גייסטער זינגט".

וועה ! וועה !
דו האָסט זי צערשטערט
די שעהנע וועלט
מיט מעכטיגער פויסט,
זי שטירצט, זי צערפעלט !
איין האַלבגאָט האט זי צערשלאַגען,
וויר טראַגען
די טרימער און ניטס היניבער,
אונד קלאַגען
איבער די פערלאָרענע שעהנע.
מעכטיגער
דער ערדענזעהנע,
פּרעכטיגער,

בויע זי ווידער,
אין דיינעם בוזען בויע זי אויף!

און לאַסאַל גיט צו: פּונקט ווי דאָ די ביינקשאַפט פון פּאָעט שרייט צו פּויסטען, אַזוי האָט ער אויך ווידער באַשאַפן די וועלט אין זיין אייגענעם בוזעם. און דער דייטשער גייסט, וואָס בויט די וועלט פון דאָס ניי אין זיין אינערן באוואוסטזיין — דאָס איז פיכטע.

אָבער לאַסאַל אין זיין לעקציע האָט זיך פאַרנומען הויפּטזעכ־ליך ניט מיט פיכטע, דעם פילאָזאָף, נאָר מיט פיכטע דעם פּאַ־טריאָט. ער האָט איהם אַלס דעם ענטוזיאַסטישען אויסלייטערער פון דייטשען גייסט, אַלס דעם נביא, וועלכער האָט פאָראויסגעזאָגט די פאַראייניגונג פון דייטשלאַנד. זיין פאַרליעבטקייט אין דער אידעע, זיין גלויבען אין איהר איז דאַן געווען די איינציגע פאַר־בינדונג צווישען איהם און זיינע מיטבירגער פון זעלבען שטאַנד, וואָס ער, לאַסאַל, האָט זיך אין דעם אבענד אָנגעכאַפּט אָן דער אידעע, ווייל דאָס איז געווען דאָס איינציגע, וואָס ער האָט נאָך פאַרמאָגט געמיינשאַפטליך מיט די דייטשען פון ליבעראַלער ריכ־טונג און וויסענשאַפטליכער קולטור.

אָבער אַלץ איז געווען אומזיסט. זיינע אַנשויאונגען זיינען שוין געווען באַקאַנט, אויף וועלכע דער ענטפער איז געווען אַלגע־מיינער האַס. פאַר דער גאַנצער צייט פון דער לעקציע האָט מען איהם איבערגעריסען, געשטערט, געקלאַפּט מיט דער טיר הינטער איהם, אריינגעהענדיג און אַרויסגעהענדיג און אַרויסגעוויזען אָפּע־נע אונגעדולד צוטרעטען צו דעם מאָהלצייט, און דער סוף פון זיין מייסטערהאַפטער רעדע איז אויסגעהערט געוואָרען נאָר פון אַ קליינער צאָהל פון פּובליקום. אויף אַזאַ אופן האָט מען דאָס איהם פאַרמעל אַרויסגעשטויסען פון קרייז פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע.

דער פאָרטראַג, איבער דעם וועזען פון דער קאָנסטיטוציע, וואָס לאַסאַל האָט געהאַלטען אין בערלין, האָט צוגעשמידט צו איהם די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרבייטער. נאָך מעהר אינטע־רעס האָט אַרויסגערופען זיין לעקציע איבער דעם צוזאַמענהאַנג פון דער איצטיגער געשיכטליכער פעריאָדע מיט דער אידעע פון אַרביי־טער־שטאַנד, וואָס ער האָט געלייענט דעם 12טען אַפּריל 1862 אויף אַ פאַרזאַמלונג פון בערלינער האַנדווערקער פעריין אין

אָראַניענבורגער פאָרשטאָדט. אזוי איז עס געקומען, אַז ווען אין אָנהויב 1863 האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט אַ צענטראל־קאָמיטעט צו פאַררופען אַן אַלגעמיינעם דייטשען ארבייטער־קאָנגרעס אין לייפּציג, האָבען זיינע פיהרער, צו וועלכע די פּראָגרעסיווע פּארטיי האָט זיך שטאַרק גע'חנפ'עט, אָבער וועלכע זיינען נאָך אַלץ געווען אונענטשלאָסען, זיך געווענדעט צו לאַסאַל'ן מיט אַן אויפפאָדערונג, ער זאָל זיך ארוים זאָגען, וועלכער וועג, נאָך זיין מיינונג, איז דער ניצליכסטער און פּאַסיגסטער פאר דער ארבייטער־באַוועגונג.

לאַסאַל האָט אריינגעשיקט צום קאָמיטעט זיין „אָפענעם ענטפער", אין וועלכען ער האָט מיט גרויסער קלאָרקייט און שאַרפקייט ענטוויקעלט זיין פּראָגראַם, וואָס איז פּונקט דער היפּוך געווען פון שולצע־דעליטשע'ס; זיינע ווערטער האָבען געמאַכט דעם שטאַרקסטען איינדרוק, און גלייך נאָכדעם האָט זיך געגרינדעט דער אַלגעמיינער דייטשער ארבייטער פעריין.

עס וואָלט געווען אַן אומזיסטע צייט־פארשווענדונג איבערצוגעבען לאַסאַל'ס פּאָליטיש־עקאָנאָמישע אידעען אין דער כראָנאָלאָגישער אָרדנונג, ווי ער האָט זיי ארויסגעזאָגט אין זיינע אַגיטאַציאָנסרעדען און ביי די פּראָצעס־פּאַרהאַנדלונגען. דאָ וועל איך נאָר דעם לעזער פאָרלייגען אַ צענויפגעפּרעסטען סך הכל פון זיינע גרונדגעדאַנקען, וואָס ליגען צוגרונד איבער אַלע זיינע ווערק.

פאר לאַסאַל'ן אַלס עכטען העגעליאָנער, צעפאַלט דער גאַנצער, ביז איצט דורכגעגאַנגענעם טייל פון דער וועלט־געשיכטע אין דריי עפּאָכען; פון וועלכע די ערשטע צוויי זיינען געגענזאַצען און די לעצטע מאַכט שלום צווישען די שטרייטענדע עלעמענטען, וואָס זיינען פאַרבליבען פון די ערשטע צוויי. דאַן ווייזט ער, אַז די גאַנצע געשיכטליכע ענטוויקלונג געהט ארוים פון געמיינשאַפט און סאָלידאַריטעט, וואָס אָהן דעם וואָלט ציוויליזאַציע גאָר ניט מעגליך געווען. דער גאַנצער פּאַרצייטען און דער גאַנצער מיטעל־אַלטער האָבען געזוכט אוועקצושטעלען די מענשליכע סאָלידאַריטעט און די מענשליכע געמיינשאַפטליכקייט אויף צוואַנג און אונטערוואַרפונג. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1789 און די עפּאָכע, וואָס איז באַהערשט געוואָרען פון איהר האָבען געזוכט צו דערגרייכען די פרייהייט דורך אויפלעזען יעדע סאָלידאַריטעט און יעדע געמיינשאַפטליכקייט, כאָטש פרייהייט אָהן סאָלידאַריטעט איז

הפקרות. ענדליך, די נייע צייט, וואָס נאָך לאַסאַל'ען הייבט זי זיך אָן מיט דעם יאָהר 1848 זוכט צו באַגרינדען די סאָלידאַריטעט אין פרייהייט. אגב איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, ווי דער היסטאָריקער־פילאָזאָף פון העגעלשער שוהלע, איינטיילענדיג די וועלטגעשיכטע אין דריי פעריאָדען פון גלייכער וויכטיגקייט, מאַכט זיך ניט קיין זאָרג פון דעם, וואָס די ערשטע נעהמט אַרום פון 5 ביז 6 טויזענד יאָהר און די אנדערע קוים זעכציג יאָהר, און אַלץ צוליעב דעם, כדי אַרויסצובאַקומען אַ פינטער פון צוויי ענטגעגענגעזעצטע באַגריפען, וואָס מאַכען אַ דריטען גאַנצען. דאַכט זיך, עס וואָלט געווען איינפאַכער און נאַטירליכער צו באַטראַכטען די געשיכטליכע ענטוויקלונג נאָך'ן יאָהר 1846 אַלס די פאָרטזעצונג פון דער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט'ן יאָהר 1789, איידער צו איבערטראָגען די גרענעצען פון די ערשטע צוויי פעריאָדען און איינצוטיילען דער דריטער אַזאַ קורצען טערמין, פאַר דעם טריאומף פון דער העגעלשער דריילינג־אידעע, מיט איהר פאַרוואַנדלונג פון גענענזאַצען. *)

*) מאַרקס, וועלכער איז נאָך אַ שטאַרקערער אָנהענגער פון העגעל'ס ריטם און סימעטריע אין דער געשיכטס־פילאָזאָפיע, איידער לאַסאַל, אונטערשיידעט דריי הויפט פעריאָדען אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. אין דער ערשטער פעריאָדע איז דער ארבייטער דער פריוואַט־באַזיצער פון זיינע אייגענע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, און ער פיהרט אָן זיין ווירטשאַפט אויף אייגענע ריזיקע. די אָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַל אין דער צווייטער פעריאָדע, דאָרט וואו זי קומט ניט דירעקט פון פאַרוואַנדלען די שקלאַפען אין לייבאייגענע און לוין־ארבייטער, קומט זי פון עקספּראָפּריאַציע פון זעלבסטשטענדיגען פּראָדוצירער, ד. ה. פון פאַרניכטונג פון פריוואַט־אייגענטום, וואָס שטיצט זיך אויף אייגענער אַרבייט. דאָס איז דער ערשטער איבערגאַנג פון קליינעם פריוואַט־באַזיץ צו קאַפּיטאַליסטישען פריוואַט־באַזיץ, און דער איבערגאַנג האָט געגען זיך אַ צווייטען איבערגאַנג — אַ פאַרניינונג געגען אַ פאַרניינונג — דער איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליסטישען פריוואַט־אייגענטום צו געזעלשאַפטליכען אייגענטום, וואָס דאָס וועט אָנהויבען די דריטע פעריאָדע. אין ערשטען פאַל האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַן עקספּראָפּריאַציע פון די פאָלקס־מאַסען דורך אַ הייפעלע רויבער. אין צווייטען פאַל וועט זיין פאַרקעהרט. אָבער בעת דער ערשטער איבערגאַנג איז פאָרגעקומען אין פאַרלויף פון אייניגע יאָהרהונדערט, האָט מאַרקס אין זיין אבסטראַקטען ראַדיקאַליזם זיך פאָרגעשטעלט, אַז דער צווייטער איבערגאַנג וועט פאָרקומען מיט דער שנעלקייט פון אַ געדאַנקען־בליץ, מיט איין קלאַפּ, דורך אַ פּלעצליכער איבערקערעניש, וואָס דאָס איז אַ חעכסט ניט היסטאָרישער שטאַנדפּונקט.

פון דעסטוועגען איז לאסאל ניט וועניגער געדעכט, ווען ער געהט אַרויס פון דער מענשליכער סאָלידאַריטעט אַלס פאַקט. ער קומט צום שלוס, אַז די מענשליכע סאָלידאַריטעט קען מען פאַרלייקענען, אָבער ניט פאַרניכטען, און ווען די געזעלשאַפטליכע אייבריכטונגען אַנערקענען זי ניט און רעגולירען זי ניט, בלייבט זי דאָך עקזיסטירען. זי רייסט זיך אָבער דורך אַלס רויהע נאַטור־קראַפט, און טהוט וואָס זי וויל מיט דעם יחיד, וועלכער איז איבערגעלאָזען אויף זיין אייגענעם באַראַט. די געזעלשאַפטליכע כוחות, אין זייער אונרעגולערטער נאַטירליכער פאַרקניפונג, מיט זייער שטייגען און פאַלען, טיילען איין דעם מיט רייכטום, אַנדערע שטירצען זיי אין תהום פון דלות און שפּיעלען אַ בייזען שפּיעל מיט דעם גליים און האָרעוואַניע פון יחיד. פון דאַנען פיהרט לאסאל אויס, אַז די יעניגע, וועלכע זוכען צו באַגרענצען אָדער אָבצושאַפען דעם שפּיעל פון צופאַל, מיינען דערמיט ניט צו פאַרניכטען די פרייהייט און די אחריות פון דעם יחיד, נאָר אדרבא, זיי ווילען שאַפען פאַר דער פרייהייט מעהר רוים, זי זאָל אויף אַ פאַרנינפטיגען אופן זיך קענען באַהויפּטען. דער הויפּט אומגליק איז נאָך לאסאל'ס מיינונג אין דעם, וואָס בעת די גינסטיגע אומשטענדען פון מאָמענט האָבען, אַלס כלל, גאָר אַ קנאַפּען פאַרבייגעהענדען איינפלוס אויף דער לאַגע פון די ארבייטער־מאַסען, לאָזען זיך אָבער אַראָב די אונגינסטיגע אומשטענדען מיט זייער גאַנצער צעדריקענדער לאַסט, אויף די אונבאַמיטעלטע. פּלעצליכע זינקונג פון ארבייטס־לוין, ארבייטס־מאַנגעל און פולע ארבייטסלאָזיגקייט — דאָס זיינען די קלעפּ, וואָס שיטען זיך אויפ'ן ארבייטער'ס רוקען אין די שלעכטע צייטען, אַ דאַנק דער איבער־פּראָדוקציאָן, וואָס ווערט אַרויסגערופען דורך דער ווילדער קאָנקורענץ פון די געלד־גיעריגע ספּעקולאַנטען.

די פּאָליטיש־עקאָנאָמישע ריכטונג, וואָס איז אין פראַנקרייך פאַרטראָטען דורך באַסטיאַ, און אין דייטשלאַנד דורך דעם פיהרער פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי — שולצע־דעליטש, האָט דעם גאַנצען סוד פון דער פאָלקס ווירטשאַפט געזעהן אין דעם אויסטויש פון פּראָדוקטען. אין געגענזאַץ צו דעם פאַרטיידיגט לאסאל ענערגיש דעם שטאַנדפּונקט, אַז די מענשליכע געזעלשאַפט און די מענשליכע ארבייט אין אונזער צייט, באַשטעהט ניט נאָר אין דעם,

וואָס מענשען לעבען זיך איינער נעבען אנדערן, און טוישען זיך בלויז אוים מיט די פּראָדוקטען פון יעדען איינעמס פּערזענליכער ארבייט. ער באַווייזט, פּאַרקעהרט, אַז די פּראָדוקציאָן איז א געמיינשאַפטליכער רעזולטאַט פון יאָאָפּעראַטיווער מיטארבייטערשאַפט, פון א געגענזייטיג געבונדענער טעטיגקייט פון פיעלע, בעת די פּראָדוקטען פון דער ארבייט ווערן ניט פאַרטיילט אלס געמיינשאַפטליכער אייגענטום, נאָר זיי געהען איבער אין נאַטור (אַלס געגענשטאַנדען) און אין פרייז אין פּריוואַטען באזיץ פון אונטערנעהמער. דער גאַנצער פּראָפיט פון דער פּראָדוקציאָן קומט אָן דעם אונטערנעהמער פּערזענליך, בעת די ארבייטער, וועמעס געמיינשאַפטליכע מיה האָט איהם צוגעשטעלט דעם פּראָדוקט, פּאַרמיגט ער אָב לויט דעם געזעץ פון ארבייטס-לוין, וואָס האָט זיך נויטווענדיג געמוזט אויסארבייטען אונטער די באַדינגונגען פון קאַפּיטאַליזם — יענעם געזעץ פון ארבייטס-לוין, וואָס שפּיעלט אַזאַ וויכטיגע ראָלע אין די ווערק פון קאַרל מארקס און אין לאַסאַל׳ס אַגיטאַציע. דאָס איז דער געזעץ וואָס איז אזוי שאַרף אָבגעלייקענט געוואָרען פון לאַסאַל׳ס פּלאַכע געגנער און וואָס ווערט אָבער אנערקענט פון אַלע באַדייטענדע עקאָנאָמיסטען, און איז צוערשט פּאָרמולירט געוואָרען פון ריקאַרדאָ. דער געזעץ לויטעט: דער ארבייטס-לוין ווערט אין דורכשניט באַשטימט דורך דעם, וואָס לויט די לעבענס-געוואָהנהייטען פון דעם באַטרעפענדען פאָלק איז אבסאָלוט נויטיג פּאַר דער אָנהאַלטונג פון עקזיסטענץ און פּאַר דער פּאָרטזעצונג פון מין. ארום דער סומע באַוועגט זיך אין דער פּראַקטיק דער ארבייטס-לוין, ווי א פּערפּענדיקעל, ניט אויפהויבענדיג זיך העכער און ניט אראָבלאָזענדיג זיך נידריגער פון א געוויסען פּונקט. און אָט די דורכדרינגענדע געמיינשאַפטליכקייט אין דער פּראָדוקציאָן, וואָס געהט צוזאמען מיט דעם שאַרפסטען אינדיווידואַליזם אין דער פּאַרטיילונג — דאָס מאַכט לויט לאַסאַל׳ס מיינונג, דעם טיעפען ווידערשפּרוך פון דער היינטיגער געזעלשאַפט.

די אַלטע עקאָנאָמישע שולע, וואָס געהט ניט ווייטער פון דער טויש-ווירטשאַפט, שטעלט פּאַר די זאַך אזוי, ווי יעדער איינער וואָלט צוערשט פּראָדוצירט וואָס ער דאַרף פּאַר זיין אייגענעם געברויך און וואָס עס בלייבט נאָכדעם איבער פּראָדוקטען, וואָס אַליין דאַרף ער ניט, און זיין האַרץ איז גוט, טיילט ער זיך מיט דעם

איבערפלום מיט זיינע שכנים. לאסאל פרעגט מיט שפאט, אויב די מאגאזינען פון טרויער־קליידער ארבייטען צוערשט פאר זייער אייגענעם געברויך, ד. ה., טאמער מאכען זיך טויטענפאלען אין זייער אייגענער פאמיליע, און נאר אויב גאט באשערט זיי וועניג אייגענע מתים, בייטען זיי אויס, וואס בלייבט זיי פון די טרויער־קליידער אויף אנדערע סחורות?

דיזעלביגע עקאנאמישע שולע האט ניט אהן א כונה פארשפרייט די לעהרע, אז די איינציגע קוואל פון רייכטום איז שפארען, זאמלען. לאסאל ווייזט, ווי אונזיניג דאס איז, אז אזא ריין נעגאטיווע טהעטיגקייט, ווי צוריקהאלטען זיך פון געברויך, ניט פארצעהרען, שפארען פון דעם וואס איז שוין נעשאפען געווארען, קען באשאפען דעם קאפיטאל פון דער פאלקס־ווירטשאפט, קען דינען פאר א קוואל פון געזעלשאפטליכען רייכטום. וועלכע ארבייטס־פראדוקטען, פרעגט לאסאל, לאזען זיך איבערהויפט פארצעהרען און ניט שפארען? ברויט, זייף, וויין און אלערליי שפייזען און געטראנקען, און די זאכען וואס מען קען פארצעהרען מ ו ז ע ן אויך פארצעהרט ווערען, מעהר אדער וועניגער שנעל, ווייל אלס כלל קענען זיי ניט פארטראגען א צו לאנגען שפארען. אבער לאמיר ווארפען א בליק אויף אנדערע ארבייטס־פראדוקטען, פון וועלכע עס באשטעהט הויפטזעכליך דאס קאפיטאל־רייכטום פון דער היינטיגער געזעלשאפט, ווי דאמף־מאשינען, אגריקולטור מיטלען, הייזער, אלערליי רויה־מאטעריאל, אייזען־שטאנגען, מעש און קופער, ציגעל און שטיינער, — קען מען זיי פארצעהרען און „ניט שפארען”? איז דען קלוג צו לעגען קראנצען אויף די קעפ פון די קאפיטאליסטען פאר זייער גרויסען פארדיענסט וואס זיי האבען ניט אויפגעפרעסען די אלע דאמף־מאשינען, דאס גאנצע פעלד־מיסט, די אייזערנע קלעצער און די בערג שטיינער? אדער אפשר ריהמען זיי דערפאר, וואס זיי האבען עס ניט פארקויפט? אבער נאר דעם, וועלכער שטעלט זיך אויפ׳ן שטאנד־פונקט פון פאלקס ווירטשאפט, ניט פון פריוואטער באלעבאטישקייט, איז דאך זעלבסטפארשטענדליך אלץ איינס, צו וועמען א געוויסע זאך געהערט, צו פעטערן, צו פוילען. בלויז דאס ניט פארשטעהן פון אדאם סמיט׳ס שוין 100 יאהר אלטער פארמולע פון קאפיטאל, אלס „אנגעזאמעלטע ארבייט” האט געקענט פיהרען צו דער שפארונגס טעאריע.

אנשטאט דעם אונוויסענשאפטליכען פארזוך פארצושטעלען דעם קאפיטאל אלס אייביגע נאטור־נויטווענדיגקייט, גיט לאסאל זיין אונטערזוכונג פון דעם, ווי אזוי דער קאפיטאל איז אין דער ווירקליכקייט אויפגעקומען אין פארלויף פון דער געשיכטליכער ענטוויקלונג.

אין אלטערטום האט יעדער איינער, וועלכער האט פארמאגט הונדערט שקלאפען, זיך געקענט צארברויכען דעם ארבייטס־פראדוקט פון זעכציג שקלאפען, און אבלייגען דעם ארבייטס־פראדוקט פון די איבריגע פערציג. פון דעסטוועגען איז דאס ניט געווען קיין שפארען אין מאדערנעם זין פון ווארט. אין מיטעל־אלטער האט דער פעאדאל געקענט פונקט אויף אזא אופן אבלייגען דעם ארבייטס־פראדוקט פון זיינע לייב־אייגענע. און דאס איז נאך אלץ ניט געווען קיין שפארען. דערנאך איז געקומען די רעוואלוציע פון יאהר 1789 — און די ארבייט איז לויט׳ן געזעץ אנערקענט געווארען אלס פריי. אבער ווי באוואוסט קען קיין ארבייט ניט אנגעהויבען ווערען אהן ארבייטס־געצייג און אהן מיטלען אונטערצוהאלטען די עקזיסטענץ בשעת דער ארבייט, דאס הייסט, אהן פריהער אבגעטונענע ארבייט, — מיט אנדערע ווערטער, אהן קאפיטאל. דער פועלי יוצא דערפון איז, אז דער ארבייטער, פונקט ווי פריהער, מוז אבנעבען זיין בעל הבית דעם גאנצען פראדוקט פון זיין ארבייט, ארונטעררעכענענדיג בלויז די סומע וואס איז נויטיג פאר דער אונטערהאלטונג פון זיין עקזיסטענץ. די פריהער אבגעטונענע טויטע ארבייט, דער קאפיטאל צעדריקט אויף אזא אופן די לעבעדיגע ארבייט אין אזא געזעלשאפט, ווי אונזערע, וואס פראדוצירט דעם סיסטעם פון פרייער קאנקורענץ און „העלף זיך אליין". *)

די פראדוקטען פון זיין אייגענער ארבייט דערווערגען דעם ארבייטער, זיין ארבייט פון נעכטען דערהויבט זיך געגען איהם, ווארפט איהם צו דער ערד און נעהמט ביי איהם אוועק זיין אר־

*) „מען האט אונז פארגעווארפען, אז מיר ווילען אפשאפען דעם פערזענליך פארדיענטען, דורך פערזענליכער ארבייט געשאפענעם אייגענטום — דעם אייגענטום, וואס איז דער פונדאמענט פון יעדער פערזענליכער פרייהייט, טעטיגקייט און זעלבסטשטענדיגקייט. רעדט איהר וועגען אייגענטום פון קליינבירגער, פרייער, וואס איז פאראויסגעגאנגען דעם בורזשואזען אייגענטום? מיר דארפען איהם ניט אפשאפען, ווייל

ביימס-פראָדוקט פון היינט. די ארבייט פון ווילדען אינדיאנער (זיין געיעג) גיט קיין איבערפלוס ניט; בלויז ביי ארביימס-צעטיילונג גיט זי אן איבערפלוס, און ארבייטס-צעטיילונג זעצט שוין פאראויס א קאפּיטאל אנגעזאמעלט פון פריהער. ארבייטס צעטיילונג אין ארביימס פאראייניגונג, וואס געהט מיט איהר — ביידע באַדינגונגען פון קולטור — זיינען פון אנפאנג און פאר א לאנגער צייט נור מעגליך געווען אין דער פאָרם פון שקלאַפישער ארבייט; אונטער געוואלדזאמער אונטערוואַרפונג און געוואלדזאמער פאראייניגונג. אָבער אונזער צייט, וואס האט זיך געשטעלט פאר א ציעל צו מאַכען א סוף צו שקלאַפעריי אין איהרע פארשיעדענע פאָרמען, דארף נאָך לאסאל'ס מיינונג, אויב ניט מאַכען א סוף צו דער לאגע, וועגען וועלכער עס רעדט זיך דא, איז וועניגסטענס צו מאכען דעם אנהויב פון סוף.

ווען די קאפּיטאַלען זיינען, אלזא, ה י ס ט אָ ר י ש ניט געשאפען געוואָרען דורך שפּאָרען, און אויך ניט דורך דער ארבייט פון יחיד, ווערען זיי אויך ה י י נ ט צ ו ט אָ ג אויף דעם אופן געשאפען. זיי שאפען זיך דורך דעם צוזאמענהאנג פון דער געזעלשאפטליכער ארבייט. די הכנסה פון קאפּיטאליסט איז ניט נאָר ניט קיין באַלוינונג פאר א קרבן, וואָס ער ברייגנט, נאָר גאנץ אָפט דארף ער מיט א פינגער ניט א ריהר טון און זיך ניט ענטזאגען אין מינדסטען פארגניגען, ווי צום ביישפּיעל, ביים שטייגען פון רענטע אָדער פון אייזענבאהן-אקציעס.

די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג האָט איהם שוין אָפּגעשאַפט און שאַפט איהם טעגליך אָפּ. און לוין-ארבייט, די ארבייט פון פראָלעטאַריער, שאַפט זי דען פאַר איהם אייגענטום? בשום אופן ניט. זי באַשאַפט קאַפּיטאַל, ד. ה. אייגענטום, וואָס עקספּלואַטירט די לוין-ארבייט. אונטער די איצטיגע בורזשואַזיע פּראָדוקציאָנס-פאַרהעלטניסען פאַרשטעהט מען אונטער פּריוואַט פרייען האַנדעל, פרייען קויף און פאַרקויף. אייך גרוילט ביי דעם געדאַנק, אַז מיר ווילען אָפּשאַפען פּריוואַט-אייגענטום. אָבער אין אייער איצט עקזיסטירענדער געזעלשאַפט איז פּריוואַט-אייגענטום שוין אָפּגעשאַפט פאַר נייִן-צעהנטעל; עס עקזיסטירט נאָר אויף אַזוי פיעל, אייף וויפיעל עס עקזיסטירט ניט פאַר די נייִן-צעהנטעל. איהר וואַרפט אונז פאָר, אַז מיר ווילען אָפּשאַפען אייגענטום, וואָס האָט אַלס זיין אומבאַדינגטען תנאַי, אַז די אומגעהויער גרויסע מאַיאָריטעט פון דער געזעלשאַפט זאָל קיין אייגענטום ניט באַזיצען". —

קאַרל מאַרקס, „קאָמוניסטישער מאַניפעסט", 1848.

אום ניט צוצוגעבען, אז די ארבייט אליין שאפט אלע ווערטען, האט באסטיא אויסגעפונען א נייעם עקאָנאָמישען באגריף — דעם „דיענסט", לויט דער לעהרע איז די קוואל און די מאָס פון ווערטה ניט די ארבייט וואָס איז נויטיג געוועזן און וואָס איז פארברויכט געוואָרען צו שאפען א געוויסען פּראָדוקט, נאָר די ארבייט, וואָס איז „איינגעשפּאָרט" געוואָרען דעם געברויכער דורך דעם, וואָס מען האט איהם צוגעשטעלט א פארטיגען פּראָדוקט. אָט די „איינשפּאָרונג" פון ארבייט איז דאָס דער „דיענסט". פרעגט לאסאל, קען צום ביישפּיעל אַן אייזענבאהן־פארוואלטונג שטעלען א פּרייז פאר א באהן־בילעט וואָס זאָל גלייך זיין אין ווערטה צו דער מיה, צייט־פארלוסט און אונאנגענעמליכקייטען וואָס זיינען איינגעשפּאָרט געוואָרען דעם פּאסאזשיר, ווען עס וואָלט דאָך אנדערש אויסגעקומען צו מאכען דיזעלבע רייזע צופוס אָדער מיט א פוהר ?

אין געגענזאץ צו דעם לערנט לאסאל צוזאמען מיט מארקס'ן: ארבייט דאָס איז טעטיגקייט, און פאָלגליך — באוועגונג. אָבער יעדער סכום באוועגונג איז צייט. און ריקארדא'ס פארדיענסט איז אין דעם, וואָס ער האט אלע ווערטען אריבערגעפיהרט אין די סכום'ען ארבייט, וואָס איז אין זיי אריינגעגעבען געוואָרען, און די ווידער אין די סכום'ען צייט. פאָלגליך יעדער ווערט קען צוגעפיהרט ווערען צו דעם סכום צייט, וואָס איז נויטיג געוועזן צו באשאפען דעם געוויסען פּראָדוקט. אָבער מיינט מען דערמיט דעם סכום צייט פון דעם יחיד ? יאָ, ווען מיר האָבען אין זין די פּערזאָן פון דעם פּראָדוצירער; ווען אָבער מיר האָבען אין זין דעם פּראָדוקט, וואָס ער האט געשאפען, איז עס נאָר ריכטיג אין דעם פאל, ווען איך, דער פּראָדוצירער, שאף זיך פּראָדוקטען פאר מיין אייגענעם געברויך. ווען אָבער איך שאף טויש־ווערטען, דאָס הייסט זאכען, וואָס דיענען צום געברויך פון אנדערע, האָב איך מיט מיין ארבייט אויפגעטון אַן אלגעמיינע אָדער געזעלשאפטליכע ארבייט, דעמאָלט, פאָלגליך איז ניט מיין ארבייטס־צייט, די ארבייטס־צייט פון א יחיד, פארברויכט געוואָרען אויף צו באשאפען דעם געוויסען פּראָדוקט, נאָר די געזעלשאפטליכע ארבייטס־צייט, און זי איז דאָס די מאָס אויף אויסצומעסטען דעם סכום ארבייט, וואָס דער פּראָדוקט האט פארשלונגען.

אָבער די געזעלשאפטליכע ארבייטס־צייט פיהרט זיך א זעלבסט־

שטענדיגע עקזיסטענץ אין דער פאָרם פון געלד. געלד איז די פאַר־קערפּערטע געזעלשאַפטליכע אַרבייטס־צייט, אויסגעלייטערט פון אַלע ספּעציעלע סמנים פון באַזונדערע סאָרטען אַרבייט (אַלץ איינס, צו איז דער פּראָדוקט — נאָדלען, האָלץ, לייוונט, א. ז. וו.) בלויז מיט דעם אַריבערשפּרינגען אין געלד, קריגט די סחורה איהר אמת׳ע נאַטור, ווערט זי די „פאַרקערפּערטע געזעלשאַפטליכע אַר־בייטס־צייט״. דער גרונד־זאַץ פון עקאָנאָמיסט סעי, אַז פּראָדוק־טען קענען נאָר אויסגעביטען ווערען אויף פּראָדוקטען, אַז דער קאַ־פּיטאַל פון לאַנד איז אין די פּראָדוקטען און ניט אין געלד, און אַז געלד איז ניט קאַפּיטאַל — דער גרונדזאַץ איז אמת, אָבער אַן אַב־סטראַקטער אמת, וואָס רעכענט זיך ניט מיט דער פאַקטישער ווירק־ליכקייט פון עקאָנאָמישען פּראָצעס. אין דער ווירקליכקייט ווערען פּראָדוקטען קיין מאָל ניט אויסגעביטען אויף פּראָדוקטען, נאָר אַלע מאָל אויף געלד, און איידער די פּראָדוקטען האָבען נאָך ניט געמאַכט זייער שפּרונג אין געלד, זיינען זיי נאָך ניט געוואָרען קאַפּי־טאַל; זיי קענען ווערען קאַפּיטאַל, אָבער זיי זיינען עס נאָך ניט.

דער פּולס פון קאַפּיטאַל, וואָס שלאָגט דורך דעם גאַנצען בור־זשואַזען פּראָדוקציאָנס פּראָצעס, מאַכט אַ פּויזע, און אין דער פּויזע זיינער הייסט דער קאַפּיטאַל פּראָדוקט. ווען דער פּולס נעהמט ווי־דער שלאָגען, קומט דער פּראָדוקט ווידער אין באַוועגונג און ווערט פאַרשלונגען אין ווייטערען פּראָדוקציאָנס פּראָצעס. די פּראָדוקציאָן שטעלט, אַלזאָ, מיט זיך פאָר אַ שטראָם וואָס ווערט באַוועגט פון קאַפּיטאַל און שטעלט זיך אָב אין פּראָדוקט. אום דער פּראָדוקט זאָל זיך ווידער פאַרוואַנדלען אין קאַפּיטאַל, קען דאָס נאָר פאָרקומען אויף אַזאַ אופן: ער דאַרף אַריינגעפיהרט ווערען פון זיין אונבאַ־וועגליכקייט און ווידער אַריינגעוואָרפען ווערען אין שטראָם פון פּראָדוקציאָן, ד. ה., אויפהערען צו עקזיסטירען אַלס פּראָדוקט (זאָל עס לעבענס־מיטלען אָדער רויה־מאַטעריאַל פאַר ווייטערער פּראָדוק־ציאָן) פאַראַן נאָר איין איינציגער פּראָדוקט, וואָס זיין פּולס שטעלט זיך קיינמאָל ניט אָב, נאָר אַרבייט כסדר מיט דער לעבעדיגקייט פון וואַרימען בלוט — און דאָס איז געלד. געלד, פאָלגליך, איז קאַ־פּיטאַל אין עכטעסטען זין פון וואָרט.

געבאָרגט און געליהען האָט מען אויך אין אַלטערטום און אין מיטעל־אַלטער, פּונקט ווי אין אונזער צייט, אָבער בלויז פאַר

געברויכס־צוועקען, ד. ה., צו פאַרנוצען זי אויף צום לעבען. דערפאַר איז נעהמען הויכע פּראָצענטען, און איבערהויפּט פּראָצענטען, גע־האַלטען געוואָרען פאַר געמיין. מען איז ארויסגעגאַנגען פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז אַזוי ווי די הלואה, וואָס איז גענומען געוואָרען אום גלייך זי צו פאַרברויכען, וועט דאָך בשום אופן ניט באַרייכע־רען דעם באָרגער, דאַרף זי אויך ניט באַרייכערען דעם לייהער. מיט אַנדערע ווערטער, מען האָט געהאַלטען פאַר שענדליך אויסצו־נוצען די נויט און פאַרענגטע לאַגע פון שכן. ביי אונז שפּיעלען די הויפּט ראָלע ניט אַזעלכע הלואות, נאָר הלואות מיט פּראָדוקטיווע צוועקען, ביי וועלכער דער באָרגער האָט נאָר איין באַדערפניס — רייך ווערען, און דער לייהער טיילט מיט איהם דאָסזעלבע באַדערפ־ניס. דאָס געלד און רייכטום פון דער אַלטער וועלט זיינען געווען בלויז די לעבענס שפּראָצען פון קאַפּיטאַל, אָבער נאָך ניט קאַ־פּיטאַל. אין מיטעל אַלטער, ווען ד'ער וועלט־האַנדעל האָט זיך גע־נומען אַנטוויקלען, האָבען די שפּראָצען שוין ארויסגעגעבען פון זיך אַ יונגען אָרגאַניזם, און ערשט נאָך דער פראַנצויזישער רע־וואָלוציע, וואָס האָט אָבגעשאַפט אַלע שטערונגען פאַר דער פרייער קאָנקורענץ, טרעט שוין דער קאַפּיטאַל אויף אַלס דערוואַקסענע באַ־שעפעניש.

און אַט פון יענער צייט האָבען אַלע געזעצליך־פאָרמעלע באַ־דינגונגען, מיט וועלכע די פּראָדוקציאָן איז פריהער ארומגעשטעלט געווען, אָפּגעטראָטען זייער פּלאַץ פאַר איין פּראַקטישער באַדינ־גונג — צו האָבען אויף די הענד דעם נויטיגען אויסלאַג פאַר דער פּראָדוקציאָן — קאַפּיטאַל. בעת אין מיטעלאַלטער איז דער פּרייז פון פּראָדוקט טיילווייז אָפּהענגיג געווען פון דעם באַשלוס פון פּראָדוצירער — ער האָט געקענט, צום ביישפּיעל, אָפּמאַכען צו האַלטען זיך ביי איין באַשטימטען פּרייז — ווערט איצט דער פּרייז פון פּראָדוקט באַשטימט פון די פּראָדוקציאָנס־קאָסטען. די פרייע קאָנקורענץ גלייכט אויס די באַדינגונגען פאַר אַלעמען, און יעדער זעצט אַרונטער דעם פּרייז פון פּראָדוקט, אום גיכער לייז צו ווערען פון איהם. דערפון ציהט דער געברויכער אַ ווירקליכען נוצען — די בילינקייט. אָבער דאָס ווערט ערשט מעגליך ביי אַ פּראָדוק־ציאָן אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב, וואָס דאָס פאָדערט ווידער אַ גרויסען אויסלאַג, גרויסען קאַפּיטאַל, דאַרום, ביי אַזאַ געזעלשאַפט־

ליכער אָרדנונג, וויזט דער גאנצער קאַפּיטאַל אַן אונפאַרמיידליכע טענדענץ צו גרויס־קאַפּיטאַל, וואָס ציהט צו זיך, מיט אייזערנער נויטווענדיגקייט, די קלענערע קאַפּיטאַלען און שלינגט זיי איין.

מען וואָלט געקענט אָנרופען די ווערט־מאָס פון פּראָדוקט, ד. ה. דעם סכום צייט, וואָס פּאָדערט זיך איהם צו באשאַפען, דעם געוויסען פון דער בורזשואזער פּראָדוקציאָן. אָבער דאָס איז אַן אונרוהיג געוויסען, וואָס ווערט אַלע ווײַלע ארויסגעפיהרט פון גלייכגעוויכט דורך דער אונאויפהערליכער באוועגונג פון פּרייז־פּערפּענדיקעל ארויף און אראָפּ — צווישען זיין העכסטען און נידריגסטען פּונקט. אָבער דאָס האָט נאָר אַ באדייטונג פאַר דעם איינצעלנעם קאַפּיטאַליסט, אָבער פאַר דעם קאַפּיטאַל אין גאנצען גלייכען זיך די באוועגונגען פון פּערפּענדיקעל אויס.

ווי דער פּרייז איבערהויפּט פון אַלע סחורות אזוי שטעלט זיך אויך איין דער פּרייז פון ארבייט (דער ארבייטס־לוין) אויפ'ן מאַרק דורך דעם פאַרהעלטניס צווישען נאָכפראַגע און אָנבאָט. אָבער דער גרונד־פּרייז פון יעדער סחורה ווערט באשטימט דורך איהרע נויטווענדיגע פּראָדוקציאָנס־קאָסטען. וואָס זשע קאָסט צו פּראָדוצירען אָדער צו מאַכען פּראָדוצירען אַן ארבייטער? גענוי די סומע, וואָס איז אין דורכשניט נויטיג פאַר דער אונטערהאַל־טונג פון ארבייטער און זיין פאַמיליע, ד. ה. די פּראָדוקציאָנס־קאָסטען פון ארבייט זיינען גלייך צו די פּראָדוקציאָנס־קאָסטען פון ארבייטער. ווי וויט וואָלטען אוועק די פאַרקויפער פון אַנ־דערע סחורות, ווען זיי וואָלטען ניט אימשטאַנד געוועזען צוריקצו־האַלטען זיך פון פאַרקויפען פאַר אייניגע וואָכען, ווען די נאָכ־פראַגע אויף זיינע סחורות איז צו נידריג לויט זייער פּרייז, ד. ה. לויט זייערע פּראָדוקציאָנס־קאָסטען? דאָס איז גערעדט וועגען די פאַרקויפער פון געוועהנליכע סחורות. דער פאַרקויפער פון ארבייט קען זיך אָבער ניט האַלטען. ער איז געצוואונגען צו פאַר־קויפען, געטריבען פון הונגער, און דאָס איז, וואָס גיט צו דער בור־זשואזער פּעריאָדע איהר באזונדערען שטעמפּעל — די קאַלטע, גלייכגילטיגע אונפּערזענליכע באציהונג פון אונטערנעהמער צו דעם ארבייטער, ווי צו אַ זאַך, אַ סחורה, וואָס איהר פּרייז, ווי פון יעדער אנדער סחורה אויפ'ן מאַרק, ווערט באשטימט לויט דעם געזעץ פון די פּראָדוקציאָנס־קאָסטען. דערפון קומט, וואָס דער דורכ־

שניטליכער ארבייטס־לוין לאָזט זיך אונפארמיידליך אראָפּ ביז'ן גרענעץ, וואָס לויט די געוועהנהייטען פון דעם פאָלק ווערט גע־האלטען אלס אונבאדינגט נויטיג פאר זיין לעבענס־אונטערהאל־טונג. יעדער איבערפלוס פון ארבייטס־פּראָדוקט, וואָס איז איבער דעם גרענעץ, קומט אָן דעם קאַפּיטאַל אין זיינע פארשיעדענע פאָרמען — דאָס איז דער פּרעמיום פון קאַפּיטאַל.

דער סעקרעט, אלזאָ, פון דער פּרוכטבארקייט פון קאַפּיטאַל איז אין דער אונפּרוכטבאַרקייט פון דער ארבייט פאר'ן ארבייטער. אין דעם אונטערשיעד צווישען דעם סכום ארבייט, וואָס ווערט באצאָהלט אין דעם פּרייז פון פּראָדוקט, פון איין זייט, און דעם ארבייטס־לוין, פון דער אַנדערער, ליגט דער קוואל פון פּראָפיט, וואָס קומט אָן דעם קאַפּיטאַליסט — דער פּרעמיום פון קאַפּיטאַל, ווי אויך די פּרוכטבארקייט פון קאַפּיטאַל, זיין קראפט צו זעלבסט־פארמעהרונג, וואָס האָט זיך באוויזען צוזאמען מיט דער פרייער קאָנקורענץ. דער פּראָפיט פון קאַפּיטאַל איז ניט, ווי מען האָט עס געזאָגט, אַן איינפאכע באלוינונג פאר דער גייסטיגער אָנפיהר־ערשאפט פון דער ארבייט; דאָס זעהט מען גלייך איין, ווען מען ווארפט א בליק אויף דעם אונטערשיעד צווישען דעם געהאַלט פון די ווירקליכע געשעפטס־פיהרער און דעם פּרעמיום פון קאַ־פּיטאַל. דער ארבייטס־לוין שטייגט ניט מיט דעם שטייגען פון דער יעהרליכער פּראָדוקציאָן; ווייל די גרעסערע סומע ארבייטס־לוין, וואָס ווערט אויסגעצאָהלט, ווערט פארטיילט צווישען א גרע־סערער צאָהל ארבייטער. מיט אַנדערע ווערטער, עס איז ניטאָ, נאָך לאַסאַל'ס מיינונג, קיין איין טאַלער, ד. ה. קיין איין שוויים־טראָפּען פון אַן ארבייטער, וואָס זאָל אויף מאָרגען ניט ארויס־דריקען פון ארבייטער א נייעם אונפּרוכטבארען פאר איהם טראָ־פּען שוויים און א נייעם טאַלער פאר'ן קאַפּיטאַליסט. דער אר־בייטס־אינסטרומענט (דער קאַפּיטאַל) האָט זיך אָפּגעטיילט פון ארבייטער און איז געוואָרען זעלבסטשטענדיג; און האָט גענומען ארויסזויגען פון דער ארבייט איהרע גאַנצע פּרוכטבארקייט, איבער־לאָזענדיג פאר דעם ארבייטער בלויז אזוי פיעל, וויפיעל עס איז נויטיג צוריק אויפצושטעלען די ארבייטס־קראפט, וואָס ער האָט פארברויכט, און דערמיט איז די ארבייט געמאַכט געוואָרען אונ־פּרוכטבאַר.

וואָס איז, אַלזאָ, קאַפּיטאַל? עס איז דער ארבייטס־אינסטרו־ מענט, וואָס איז געוואָרען זעלבסטשטענדיג, וואָס האָט זיך אויס־געביטען מיט דעם ארבייטער די ראָלען; איהם, דעם לעבעדיגען ארבייטער, האָט ער אראָפּגעזעצט ביז צו דער מדרגה פון אַ טויטען ארבייטס־אינסטרומענט, און זיך, דעם טויטען ארבייטס־אינסטרו־מענט, דערהויבען צו דער מדרגה פון לעבעדיגען פּראָדוצירער.

וויל מען אַ שטרענגערע פאָרמולירונג, קען מען זיך אַזוי אויס־דריקען: קאַפּיטאַל — דאָס איז דער אויסלאַג פון פריהער אָפּ־געטאָנענער ארבייט, וואָס ביים איצטיגען סיסטעם פון ארבייטס־צוטיילונג, טויש־ווערטען און פרייער קאָנקורענץ איז נויטיג אום צו שאַפען עקזיסטענץ־מיטלען פאַר דעם פּראָדוצירער ביז דער פּראָדוקט ווערט דערגרייכען דעם געברויכער און וואָס דער פועל יוצא דערפון איז, אַז דער איבערפלוס פון ארבייטס־פּראָדוקט איבער די נויטיגע עקזיסטענץ־מיטלען פון דעם פּראָדוצירער, קומט אָן צו דעם יעניגען, אָדער די יעניגע, וועלכע האָבען דעם אויסלאַג געגעבען. עס איז גאַנץ ריכטיג דאָס, וואָס לאַסאַל'ס געגנער זאָגען, אַז סוף כל סוף באַצאָהלט זיך אין דעם מארק־פּרייז בלויז די מענשליכע ארבייט, אָבער, זאָל מען עס זיך גוט נעהמען אין אַכט, די באַצאָהלונג קריגט ניט דער ארבייטער פאַר זיין ארבייט, נאָר זי ווערט ארייגעזויגען פון שוואַם פון קאַפּיטאַל. „אייגענטום איז פרעמדטום געוואָרען".

די אונזיכערקייט פון היינטיגען געזעלשאַפטליכען צושטאַנד, די אונמעגליכקייט צו בויען אויף איהם וועלכע עס איז אויסרע־כענונגען, ווייזט זיך, נאָך לאַסאַל'ס מיינונג, באַזונדערס בולט ארויס אויף דער בערזע, אין דעם שפּיעל אויפ'ן פאַלען און שטייגען פון פּרייז פון אַקציעס, רעגיערונגס־פּאַפּירען און קרעדיט בכלל. ביי יעדער פּאַסירונג אין פערקיי און מעקסיקאָ, ביים ערקלעהרען קריעג און שליעסען פריעדען, אפילו ביי אַן ענדערונג אין דער געזעלשאַפטליכער מיינונג, ביי יעדער פאַלשער טעלעגראַמע, ביי אַ הלואה אין פאַריז אָדער לאָנדאָן, ביי אַ גערעטעניש אויף מיסי־סיפּי אָדער ענטדעקונג פון גאָלד־מינען אין אויסטראַליען — קורץ, ביי יעדער פּאַסירונג, ארויסגערופען פון גאַנץ זייטיגע, אָביעק־טיווע באַוועגונגען אין דער געזעלשאַפט, אַלס אַזעלכער אויפ'ן פּאָליטישען, פינאַנציעלען אָדער קאָמערציעלען געביעט, קומען פאָר

טעגליך אויף דער בערזע איבערקעהרענישען, וואָס רופען זיך אָפּ אויף דעם וואָהלשטאַנד און שיקזאַל פון איינצעלנע פּערזאָנען, שאַפענדיג פאַר זיי גאַנץ נייע לעבענס־באַדינגונגען. און לאַסאַל פרעגט: ווי דעפינירט מען געוועהנליך דעם סאָציאַליזם? אָט אזוי: פּאַרטיילונג, פּאַרטיילונג פון אייגענטום אין דער געזעל־שאַפט. אָבער גראַד דער צושטאַנד הערשט היינט צו טאָג. אָבער דאָס, וואָס הערשט איצט — איז אַנאַרכישער סאָציאַליזם אונטער דער מאַסקע פון פּריוואַטער פּראָדוקציאָן. וואָס דער אָרדנונג־ברענגענדער סאָציאַליזם וויל — איז ניט אָפּשאַפען אייגענטום, נאָר אַנאַרכיע. ער וויל דוקא איינפיהרען פּערזענליכען אייגענ־טום, וואָס זאָל אָבער זיין געשטיצט אויף אַרבייט.

ווען אפילו מיר זאָלען צורוה לאָזען, זאָגט לאַסאַל, דעם קאַ־פּיטאַליסטישען אייגענטום, וואָס עקזיסטירט איצט, אויף דעם סמך, וואָס ער איז געוועזן דער געזעצליכער אויסדרוק פון באַדינגונגען, וואָס האָבען אמאָל עקזיסטירט, האָבען מיר נאָך אַלץ אַן אונבאַ־שטרייטבאַרען רעכט צו פאַרוואַנדלען אין אייגענטום פון אַרביי־טער דעם נאָך ניט געשאַפענעם אייגענטום פון דער צ ו ק ו נ פ ט, איבערבויענדיג די פּראָדוקציאָן אויף נייע יסודות. עס האַנדעלט זיך ניט בשום אופן וועגען דעם אָפּצוברעכען מיט דער אַרבייטס־צוטיילונג, וואָס איז די קוואַל פון אונזער גאַנצער קולטור, נאָר איינפאַך וועגען דעם אַראָפּצוזעצען דעם קאַפּיטאַל צו דער מדרגה פון א טויטען אַרבייטס־אינסטרומענט וואָס זאָל דיענען דעם מענ־שען. דערצו פאָדערט זיך, אז אין דער גאַנצער פּראָדוקציאָן זאָל אָפּגעשאַפט ווערען פּריוואַטער אויסלאַג פון קאַפּיטאַל פון פּראָ־דוקציאָנס־צוועקען; אַז די פּראָדוקציאָן, וואָס האָט שוין אָהן ספק א געמיינשאַפטליכען געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער, זאָל אָנגע־פיהרט ווערען מיט געזעלשאַפטליכען קאַפּיטאַל־אויסלאַג און דער אַרבייטס־פּראָדוקט זאָל פאַרטיילט ווערען צווישען אַלע באַטיי־ליגטע, יעדערען לויט דער מאָס אַרבייט, וואָס ער האָט אריינגע־טראָגען.

און דער איינפאַכסטער, מילדסטער איבערגאַנגס־מיטעל וואָל־טען נאָך לאַסאַל׳ס מיינונג געווען פּראָדוקטיווע אַרבייטער־אַסאָ־ציאַציעס מיט רעגיערונגס־קרעדיט.

.6
שולצע־דעליטש און זיין פראפאגאנדע

מיר האבען געמאכט אן איבערבליק איבער די טעארעטישע יסודות פון לאסאל'ס פאלעמישע ווערק. איצט לאמיר זעהן, וועלכע פון די מעהר ארויסגערוקטע פונקטען פון זיין טעאריע זיינען געשטאנען אין ערשטען פייער אין לאסאל'ס מלחמה מיט זיינע געגנער, און וועלכע פון זיי האבען גיט אויסגעהאלטען די אטאקעס. מיר האבען געמאכט א האסטיגע רעוויזיע פון לאסאל'ס שטרייט־קרעפטען; איצט לאמיר זיך צוקוקען צו זייער האלטונג אין דער מהומה פון שלאכט, אין שטורם אין פארטיידיגונג.

דער ערשטער שטרייט־פונקט: ד ע ר ג ע ז ע צ פ ו ן א ר ב י י ט ס ־ ל ו י ן.

אין פראנט פון אלע פאליטיש־עקאנאמישע ארגומענטען שטעהט ביי לאסאל'ען דער לוין־געזעץ, וואס ער האט פארגעצויגען צו רופען דער „גרויזאמער אייזערנער געזעץ". ער האט געראטען די ארבייטער, אז ווען איינער קומט צו זיי רעדען וועגען פארבעסערען זייער לאגע, זאלען זיי איהם פריהער פון אלץ שטעלען די פראגע: צו א נ ע ר ק ע נ ט ער דעם געזעץ אדער ניט? אנערקענט ער ניט, לוינט זיך פאר זיי אפילו ניט אנצוהויבען ריידען מיט איהם, ווייל דער געזעץ איז אנערקענט פון אלעווארט־פיהרער פון דער עקאנאמישער וויסענשאפט. אנערקענט ער יא דעם געזעץ, קומט דאן א צווייטע פראגע: ווי דענקט ער איהם א פ צ ו ש א פ ע ן?

אבער די דאמאלסדיגע פראגרעסיווע פארטיי מיט איהר פאליטיש־עקאנאמישען רעפרעזענטאנט שולצע־דעליטש אין שפיץ, איז גאנץ ווייט געווען דערפון צו אנערקענען די עקזיסטענץ פון דעם געזעץ. אפענע אפלייקענונג, צווייד־טיגע באשטרייטונג, אוועקפשט'לונג, ארייגטייטשונג פון נידריגע פערזענליכע מאטיווען, אום אויסצומיידען צו רעדען צום ענין — אלץ איז פון איהר אויסגעפראוווט געווארען.

אזעלכע מעטאדען זיינען געווען נאר טיילווייז צו ענטשולדיגען מיט די אומגעלומפערט־איבערטריבענע שלוסען, וואס לא־

סאַל האָט געצויגען פון זיין געזעץ. ער האָט פאַרגעשטעלט אַלס א ספּעציעלען אומגליק פון ארבייטער־שטאַנד, כאַראַקטעריסטיש בלויז פאַר איהם, וואָס זיין הכנסה האַלט זיך צו אַלע צייטען פּונקט אויף דער הויך פון זיינע נויטווענדיגסטע באדערפנישען. אָבער אזוי ווי די באדערפנישען שטייגען אַלעמאַל מיט דעם וואוקס פון דער הכנסה און אזוי ווי פון דער אַנדער זייט זיינען דאָ ווענינ מענשען, וואָס זייער הכנסה זאָל שטאַרק איבערשטייגען זיינע באדערפנישען, האָט דער געזעץ גאַרנישט אזוינס אין זיך, וואָס זאָל זיין ספּעציעל־כאַראַקטעריסטיש פאַר די ארבייטער, אויך גאַרנישט אזוינס, וואָס זאָל וועקען א גרויל. אָבער אַנשטאָט צו קלאַפּען אויף דעם פּונקט, זיינען לאַסאַל'ס נעגנער אַנגעפאַלען אויפ'ן געזעץ גופא, ערקלעהרענדיג איהם אַלס א ריינע ערפינדונג.

לאַסאַל זאָגט מיט רעכט, אז דער ווילדער צאָרן פון זיינע שונאים איז געווען „איבער אַלע גרענעצען", נאָכדעם ווי ער האָט דעם געזעץ ארויסגעבראכט צום שיין אין זיין „אָפענעם ענטפער". געגען איהם האָט זיך אויפגעהויבען אזא שטורם, ווי אין פאַר־צייטיגען רוים געגען א פּריעסטער, וואָס האָט ארויסגעגעבען די סודות פון דער געטין צערים. „וואָלטען מיינע שונאים געווען רוימער" — זאָגט לאַסאַל — „וואָלטען זיי מיך דער'הרג'עט אין מיטען גאַס, ווי אמאָל די פּאַטריציער גראַקכען; אָבער מיינע שונאים זיינען ניט קיין רוימער, און דערפאַר זוכען זיי מיך צו טויטען ניט מיט'ן שווערד, נאָר מיט בלבול". *)

גראָד דאמאָלס איז לאַסאַל פאַר'משפט געוואָרען צו פיער חדשים געפענגניס פאַר זיין רוהיגע, ריין היסטאָרישע צוגליעדע־רונג פון זיינע אידעען אין „פּאָגראַם פון די ארבייטער". און גלייך האָבען די צייטונגען ענטרעקט, אז מיט זיין ארויסטריט געגען דער בורזשואַזיע האָפט לאַסאַל אויסצונעהמען ביי דער רע־גיערונג אום צו קריגען א בעסערע באהאַנדלונג אין געפענגניס, און אז ער איז א רענעגאַט, א ווערקצייג פון דער רעאַקציע אָדער גאָר אַן אונגוויסענדער דילעטאַנט אין עקאָנאָמישער וויסענשאַפט. דאָך אוועקצומאכען מיט דעם געזעץ איז זיי ניט געלונגען. איז געבליבען נאָר איין אויסוועג: צו ערקלעהרען איהם פאַר אַן עקאָ־

---

*) „צו דער ארבייטער פראַגע" ז. 2.

נאַמישען נאַטור־געזעצע, וואָס אַלס אַזעלכער לאָזט ער זיך ניט אומוואַרפען. און דער פּאַרזוך איז געמאַכט געוואָרען.

לאַסאַל באַהויפּטעט, אַז אַלע באַמיהונגען צו העלפען דעם אַרבייטער־שטאַנד, דורך שפּאָר־און לייה־קאַסען, אינוואַלידען־און קראַנקען־קאַסען, ווערען פון דעם געזעץ צו גאָרנישט געמאַכט. דורך זייער עצם נאַטור קענען זיי אַבסאָלוט גאָרניט אויפטאָן און טוען טאַקע ניט אויף. ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דעם, צו געבען אַ דערלייכטערונג אין פאַרשיעדענערליי אומגליקען, וואָס קומט דורך אַ סבה, אָדער לייכטזין, אָדער קראַנקהייט, עלטער־שוואַכקייט א. ז. וו. און דורך וועלכע איינצעלנע אַרבייטער זינקען צופעליג אָדער נויטווענדיג אַראָפּ אונטער דעם נאָרמאַלען לעבענס־גראַד פון אַרבייטער־שטאַנד, האָבען נאָך די דאָזיגע אַנשטאַלטען אַ געוויסע, ווען אפילו ניט קיין גאַנץ גרויסע ניצליכקייט. אָבער פאַר'ן גאַנצען אַרבייטער־קלאַס אַלס אַזעלכען האָבען זיי קיין באַדייטונג ניט. און לאַסאַל באַטראַכט דאָ די קאָנסום־פאַראיינען, וואָס שולצע־דעליטש האָט געגרינדעט מיט אַזאַ פילאַנטראָפּישער כונה, און ער זוכט צו באַווייזען, אַז דער אַרבייטער נויטיגט זיך אין הילף ניט אַלס קאָנסומענט, נאָר אַלס פּראָדוצירער; ווייל אַלס קאָנסומענטען געפינען זיך איצט כמעט אַלע אין דערזעלבער לאַגע; פאָלגליך, דאַרף הילף געגעבען ווערען דאָרט, וואו דער שוך קוועטשט. און ער ווענדט זיך צו די קרעדיט־חברות, צו די חברות פאַר איינקויפען רויה־מאַטעריאַל און ער פיהרט אוים: אַזוי ווי דער אונפאַרמיידליכער גאַנג פון דער אינדוסטריע פאַר־בייט טאָג־טעגליך די קליינע מלאָכה מיט דער גרויסער פאַבריק, קענען די אַלע חברות העכסטענס אויפטאָן נאָר איין זאַך — געבען דעם אונבאַמיטעלטען בעל־מלאָכה די מעגליכקייט צו קאָנקורירען מיט דעם באַמיטעלטען בעל־מלאָכה, אָבער דערמיט פאַרלענגערען זיי נאָר אומזיסט דעם טויט־קאַמף צווישען דער מלאכה און דער גרויס־אינדוסטריע.

צולעצט מאַכט לאַסאַל אויפמערקזאַם אויף דעם שטאַנדפּונקט, אויף וועלכען מען שטעלט זיך, ווען מען פאַרגלייכט כסדר די לאַגע פון די אַרבייטער איצט מיט זייער לאַגע אין די פאָריגע יאָהרהונדערטע. דערמיט ווערט די עצם־פראַגע אויסגעמידען, אָבער ניט פאַרענטפערט. עס האַנדעלט זיך דאָך ניט וועגען אַ

פאַרגלייך צווישען דעם אַרבייטער׳ס לאַגע איצט און מיט דריי הונדערט יאָהר צוריק, נאָר אויף וויפיעל זיין לאַגע קומט נאָך דעם נאָרמאַלען גראַד פון לעבענס־באַדערפנישען פון אונזער צייט, פונקט ווי דער מענשענפרעסער האָט ניט געליטען דערפון, וואָס איהם פעהלט אַן אַנשטענדיגער ראָק, אַזוי האָט אויך דער אַרביי־טער, איידער בוך־דרוקעריי איז ענטדעקט געוואָרען, ניט געליטען דערפון וואָס ער קען ניט קויפען אַ ניצליכען בוך. דער עיקר איז דאָ אין פיהלען דעם מאַנגעל. לאַסאַל ווייזט, צום שלוס, פון וואָס פאַר אַ צווייפעלהאַפטען ווערט עס זיינען איבערהויפט די אַלע צוריקבליקען אין דער קולטור־געשיכטע, ווען מיר האָבען דעם פאַקט פאַר די אויגען: אַז די אינדוסטריע־פּראָדוקטען, וואָס ווערען אַלץ ביליגער און ביליגער, ווערען אַם וועניגסטען פאַרברויכט פון די אַרבייטער, בעת די לעבענס־מיטלען, אָהן וועלכע ער קען ניט אויס־קומען, ווייזען ניט קיין נייגונג ניט אַלץ ביליגער צו ווערען.

אַזוי ווי אַלע ערקלעהרונגען, וואָס מען גיט געוועהנליך, אין די הילפס־מיטלען, וואָס מען רעקאָמענדירט, ריהרען ניט אָן דעם געזעץ פון אַרבייטס־לוין, האָבען זיי, נאָך לאַסאַל׳ס מיינונג, קיין שום ווערט ניט פאַר׳ן אַרבייטער־שטאַנד אַלס אַזעלכען. בלייבט נאָר איינס, לויט זיין אויפפאַסונג — און דאָס איז: דער שטאַאַט זאָל זיך אריינמישען. דערויף פלעגען זיינע געגנער, ענדערענדיג די טאַקטיק, זיך אָפּרופען מיט דער טענה, אַז דער געזעץ פון אַרבייטס־לוין איז אַ נאַטור־געזעץ, געגען וועלכען אפילו דער שטאַאַט קען ניט העלפען. לאַסאַל׳ס ענטפער, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, איז געווען: עקאָנאָמישע געזעצען זיינען ניט קיין נאַטור־געזעצען, נאָר היסטאָרישע.

לאָמיר זיך אויף אַ ווײַלע אָפּשטעלען אויף דעם דאָזיגען שטרייט־פונקט.

ריקאַרדאָ׳ס לעהרע וועגען אַרבייטס־לוין איז ווי פאָלגט: יעדע סחורה האָט איהר נאַטירליכען פּרייז און איהר ווירקליכען פּרייז (מאַרק־פּרייז); די אַרבייט איז אויך קיין אויסנאַהם ניט. דער „נאַטירליכער“ פּרייז ווערט באַשטימט פון דעם סכום אַרבייט, וואָס פאָדערט זיך אום די סחורה צו פּראָדוצירען. ווען די סחורה איז אַרבייט, ווערט איהר נאַטירליכער פּרייז באַשטימט דורך די נויטיגע הוצאות אויף צו פּראָדוצירען דעם אַרבייטער, ד. ה. דורך

דער סומע, וואס דארף קאסטען איהם גופא אויסצוהאלטען און זיין פאמיליע.

דער „ווירקליכער" פרייז פון יעדער סחורה איז אפהענגיג פון דער נאכפראגע און אנבאט, אבער אלס כלל וויכט ער ניט פיעל אפ פון דעם נאטירליכען פרייז און דאס אויך ניט אויף לאנג. אנווענדענדיג דעם געזעץ פון נאכפראגע און אנבאט אויף ארבייט, וועט עס הייסען, אז ווען עס שטייגט די נאכפראגע אויף איהר, שטייגט אפילו צייטוויליג דער ארבייטס-לוין, אבער דאס רופט באלד ארויס א פארשטארקטען אנבאט פון ארבייט, א צופלוס פון ארבייטס-הענד; ווידער ווען עס זינקט די נאכפראגע אויף ארבייט, פאלען די ארבייטער אריין אין ארימקייט, וואס דאס פארקלענערט זייער צאהל; און דער ארבייטס-לוין שטייגט צוליעב דעם פון דאס ניי.

וואס שייך דעם פונקט, אונטער וועלכען דער ארבייטס-לוין לאזט זיך מעהר ניט אראפדריקען, פאלט ער פאלשטענדיג צונויף מיט דעם „סטענדארד אוו לייף", — דעם גראד באדערפנישען, וואס דער ארבייטער לויט די געוועהנהייטען פון דעם און דעם פאלק און דער און דער צייט מוז אונבאדינגט האבען באפרידיגט, אום צו דערהאלטען זיין אייגענע עקזיסטענץ און די עקזיסטענץ פון זיין פאמיליע, פון קינפטיגען דור. די אורזאכען ווארום דער ארבייטס-לוין קען ניט אויף לאנג אראפזינקען אונטער דעם אנ-געגעבענעם פונקט, רעכענט לאסאל אויס אין זיין „אפענעם ענט-פער" צום ארבייטער-קאמיטעט: דאס זיינען עמיגראציע, דאס צוריקהאלטען זיך פון חתונה האבען און פון ברענגען קינדער און די פארקלענערונג פון דער צאהל ארבייטער, וואס קומט דירעקט פון נויט און ארימקייט.

פון די אלע אורזאכען האט די לעצטע די גרעסטע באדייטונג. וועיל דער אלגעמיין באקאנטער פאקט, אז די צאהל חתונות און געבורטען הענגט אפ פון אלגעמיינעם וואהלשטאנד, באזונדערס פון די פרייזען אויף תבואה, קען ניט ערקלעהרען דאס פאלען און שטייגען פון ארבייטס-לוין, וואס קומט פאר אין משך פון א צו קורצער צייט, אום דאס זאל קענען ארויסגערופען דורך א גרעסע-רער אדער קלענערער צאהל פון אונטערוואקסענדע קינדער. די אויסוואנדערונג קיין אויסלאנד און די איבערוואנדערונגען פון ארט

צו אָרט אין לאַנד גופא זיינען בלויז די אויסערע סמנים, דורך וועלכע די אָרימקייט דריקט זיך אויס. די לעצטע, ד. ה. די אָרימקייט בלייבט אַלזאָ די איינציג וויכטיגע אורזאכע, וואָס רע־גולירט דעם ארבייטס־לוין.

אז אָט דער געזעץ פון ארבייטס־לוין איז ווירקליך גרויזאם — אַן „אייזערנער” געזעץ, ווי לאַסאַל האָט איהם אָנגערופען — וועט קיינער ניט לייקענען, ווער עס וויים דעם גרויסען אונטער־שיעד צווישען דעם לעבענס־דויער פון אַן אָרימאַן און פארמעג־ליכען מענשען און וועלכער פאר'שטעהט נאָך דערצו, אַז ווען אפילו די נויט הרג'עט זעלטען מיט אמאָל, גראָבט זי אָבער אונטער בים־לעכווייז און אָהן אויפהער די לעבענס־קראַפט פון אָרימאַן. די נויט דריקט פונקט אזוי שווער סיי ווען דער דורכשניטליכער וואָהל־שטאַנד פון דער באפעלקערונג איז העכער און סיי ווען ער איז נידריגער. ווען דער דורכשניט איז העכער, וועט דער ארבייטער אויפאָפפערען מיט דעם נויט־ווענדיגסטען, אַבי צו האלטען „שטאַט”: ער וועט זיך קלאַמערען אזוי לאַנג ווי מעגליך אָן די אויסערליכע סמנים פון זיין שטאַנד — וואָס זעהען זיך אָן פון דרויסען און סימבאָליזירען דעם ארבייטער'ס מענשליכע ווירדע פאר דער וועלט.

געוויס איז געווען אַ גראָבער פעהלער פון לאַסאַל'ס געגנער, ווען זיי האָבען גענומען באַשטרייטען אַ באהויפטונג, וואָס לאַסאַל האָט אזוי לייכט געקענט באווייזען, בארופענדיג זיך אויף אַלע וויסענשאפטליכע אויטאָריטעטען, וועלכע זיינען אייניג אין דעם, אַז דער לוין־געזעץ עקזיסטירט אויף צו אמת'ן. אויך איז לאַסאַל גערעכט געווען, ווען ער האָט אָנגעוויזען, ווי פאַלש, שווינדלעריש עס איז, ווען מען זוכט כסדר צו פארגלייכען דעם ארבייטער'ס איצטיגער לאַגע מיט זיין לאַגע אמאָל. פון דעסטוועגען לאָזט זיך ניט אוועקמאַכען דעם פאַקט, וואָס לייקענט אפילו ניט אָפּ לאַ־סאַל'ס געזעץ, אָבער ווייזט, אַז לאַסאַל האָט אַ טעות געמאַכט מיט זיינע אויספיהרונגען פון געזעץ — און דאָס איז, אַז דער ארבייטס־לוין איז די לעצטע צייט פ א ק ט י ש ג ע ש ט י ג ע ן.

דער געזעץ שליעסט בשום אופן ניט אוים די מעגליכקייט, אַז דער ארבייטער זאָל קענען פארבעסערען זיין לאַגע, אַ דאנק דער פארגרעסערטער פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט, וואָס דער

פראַגרעס פון דער ציוויליזאַציע ברענגט מיט זיך. און פאַלגליך, ווען אפילו דער געזעץ קען אונטער די איצטיגע סאָציאַלע אומ־שטענדען ניט אָפּגעשאַפט ווערען, הייסט עס נאָך ניט, אז דער ארבייטער קען זיין לאַגע ניט פארבעסערען אין דער היינטיגער געזעלשאַפט. אזא פארבעסערונג אויף צו להכעיס דעם געזעץ, איז פאַקטיש פאָרגעקומען, און לאַסאַל'ס אייגענע טעטיגקייט האָט ניט ווייניג בייגעטראָגען דערצו. געשעהן איז דאָס טיילווייז אַ דאַנק דער אריינמישונג פון שטאַאט געגען די צו אויגענשטוינענדע עולות געגען ארבייטער, טיילווייז אַ דאַנק דער מורא פאַר דער דראָהענדער סאָציאַלער רעוואָלוציע און טיילווייז אַ דאַנק דער סימפּאַטיע צום ארבייטער, וואָס אייניגע פּראָמינענטע מענער איז געלונגען אויפצוואַוועקען און צולעצט אויך אַ דאַנק דער פאַר־אייניגען זיך פון די ארבייטער צו פארטיידיגען זייערע אינטע־רעסען — דאָס זיינען אַלץ אַזעלכע אומשטענדען, וואָס לאַסאַל האָט אפילו ניט ארויסגערופען מיט זיין אַגיטאַציע, אָבער ער האָט פיעל געהאָלפען אין זייער ענטוויקלונג. *)

דער צווייטער שטרייט־פּונקט איז געווען: זעלבסט־הילף אָדער שטאַאטס־הילף?

ווענען דער שעדליכקייט פון יעדען אונטערשטיצונגס־סיס־טעם און ווענען דער גרויסער ברכה, וואָס שטעקט אין זעלבסט־הילף, האָט אין דייטשלאַנד געהערשט פולע איינשטימיגקייט זייט דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע פון 1848 און אויף ענגלאַנד האָט מען געוואָנט קוקען ווי אויף אַ מוסטער; דערפאַר דאַרף מען זיך ניט וואונדערען אויף דעם געשריי פון ענטריסטונג, וואָס דאָס וואָרט שטאַאטס־הילף האָט ארויסגערופען. לאַסאַל ענטפערט אויף דעם, ערשטענס, מיט דעם וואָס ער ווייזט אָן, ווי אונזיניג עס איז כסדר צו מוסר'ן דעם ארבייטער, אז ער דאַרף זיך אליין העלפען: אָהן קאַפּיטאַל איז דער איינצעלנער אין דער היינטיגער געזעלשאַפט הילפלאָז און הייסען איהם זיך אליין העלפען איז פּונקט ווי צו געבען אַ ראַט אַ מענשען, וואָס איז אריינגעפאַלען

*) פ. א. לאַנגע. די ארבייטער פראַגע, זייטען 161—172. לואי ברענטאַנאָ „דאָס ארבייטער־פארהעלטניס לויט דעם היינטיגען רעכט", ז. 179 און ווייטער.

אין וואַסער מיט אַ טויזענד־פודיגער משא אויף זיך, ער זאָל זיך אָנטאָן אַ כח און אַליין ארויסשווימען. צווייטענס, ערקלעהרט לאַסאַל, אַז די אריינמישונג פון שטאַאַט שליעסט בשום אופן נים אויס גענזלשאַפטליכע זעלבסט־הילף, פונקט ווי איך שטער ניט אַ מענשען ארויפצוקלעטערען מיט אייגענע כחות אויף אַ טורם, ווען איך באַט איהם אָן אַ לייטער. דער שטאַאַט שטעלט זיך דאָך ניט אין וועג דער זעלבסט־בילדונג פון דער יוגענד, צום ביי־שפיעל, דערמיט וואָס ער האַלט אויס לעהרער, שולען און ביב־ליאָטעקען א. ז. וו. דריטענס, טענה'ט לאַסאַל, זיינען די אָנהענ־גער פון דער מאַנטשעסטער שולע, מיט זייער פּרינציפּ: העלף זיך אַליין! — אַזוי פּרינציפּלאָז געוועזען, אַז זיי האָבען אַליין פאַר־לאַנגט הילף פון שטאַאַט, אַזוי גיך ווי זיי האָבען איינגעזעהן, אַז זיי קענען אָהן איהר ניט אויסקומען, ווי אָט אין דעם פאַל, ווען זיי האָבען געזוכט צו פאַרוועהרען די ארבייטער אויסצוואַנדערען, בשעת דעם דוחק אין באַוועל צוליעב דעם אַמעריקאַנער בירגער־קריעג.

וועגען די אַלגעמיינע פונקטען איז לאַסאַל גערעכט. אָבער ער לאָזט זיך שוין אריין אין פּלפּול, ווען מיט זיין פערטען ארגו־מענט זוכט ער פאַרצושטעלען די אונטערנעהמונג פון זיין הויפּט־געגנער שולצע־דעליטש — די גרינדונג פון אַ באַנק אויף געלד, אָנגעזאַמעלט ביי קאַפּיטאַליסטען, צו קרעדיטירען קרעדיט־פעהיגע ארבייטער־אַסאָציאַציעס, אַן אונטערנעהמונג, וואָס בליהט נאָך ביז היינטיגען טאָג, — ווען ער זוכט די זאַך פאַרצושטעלען אַזוי, ווי שולצע וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין אייגענעם פּרינציפּ און אָנ־גענומען זיין, לאַסאַל'ס, פּרינציפּ.

שולצע האָט אַלעמאָל פאָרמולירט זיין פּרינציפּ אַזוי: ווען די קליינע בעלי־מלאָכות און די ארבייטער וועלען אויפ'ן וועג פון זעלבסט־הילף פאַראייניגען זייערע שוואַכע קרעפטען פאַר אַ גע־מיינשאַפטליכער אונטערנעהמונג, וועלען זיי קיינמאָל ניט ליידען קיין מאַנגעל אין קרעדיט. און שולצע האָט איבער גאַנץ דייטש־לאַנד פאַרוואָרפען אַ ריעזיגען נעץ פון פאַראיינען, מיט אַן אומזאַץ־קאַפּיטאַל פון איינינע מיליאָן, און ער האָט געקרוינט דאָס סיס־טעם מיט דער גרינדונג פון יענער באַנק און ער האָט אויף אַזאַ אופן דורכגעלאָזען אַ שטראָם פון גרויס־קאַפּיטאַל דורך די שמאָל־

סטע קאַנאַלבעלעך פון זיין שטאַרק פאַרצווייגטען סיסטעם פון פאַר־איינען. און אַלץ איז אוועקגעשטעלט געוואָרען אַזוי טיכטיג און געשעפטסמעסיג, אַז היינט צו טאָג געהערען די אַקציעס פון זיין באַנק צו די זיכערסטע און גאַנגבאַרסטע אויף דער בערלינער בערזע, בעת די אַקציעס פון דער אינדוסטריעלער באַנק, וואָס שולצע'ס קאָנסערוואַטיווער געגנער, געהיימראַט וואַגנער, ביסמאַרק'ס משרת, האָט געגרינדעט, זיינען שוין לאַנג פאַרשוואונדען פון דער בערזע. לאַסאַל איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז עס איז געמיין פון שולצע'ס זייט צו ווענדען זיך צו די אַרבייטער מיט אַזעלכע רייד: „ווען אייך וועט אויסקומען אויסצוקלייבען צווישען אונז און הערין לאַסאַל, איז גענוג פאַר אונז מיר זאָלען זאָגען: דאָרט זיינען פראַזען און דאָ קאַפּיטאַל.“ ווען אָבער ער פרעגט: איז דען ניט בעסער אָנצונעהמען הילף פון שטאַאַט, איידער נדבות פון פּריוואַטע פערזאָנען? — מוז מען אויף דעם ענטפערען, אַז דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען נדבות, נאָר וועגען אַ שטרענג געשעפטס־מעסיגער אונטערנעהמונג.

דער הויפט־פונקט פון זיין אַרגומענטאַציע איז, אַז די נע־וואַלדיגע מעהרהייט פון דער באַפעלקערונג איז אָהן מיטלען און אַז דער שטאַאַט איז אין דער אמת'ען נאָר די אַסאָציאַציע פון דער באַפעלקערונג: „טו וואָרום — רופט אויס לאַסאַל צו די אַרבייטער — זאָל אייער גרויסע אַסאָציאַציע, דער שטאַאַט, ניט קענען באַפרוכטיגען און מאַכען וואַקסען און געדייהען אייערע קלענערע אַסאָציאַציעס?“ דער שטאַאַט ניט נאָר וואָס ער קען עס, נאָר ער מוז עס אויך טאָן. זיין אויפגאַבע און זיין בארוף איז דאָך אין דעם צו פאַרלייכטערען דעם קולטורעלען פּראָגרעס פון דער מענשהייט. פאַר דעם צוועק עקזיסטירט דער שטאַאַט און האָט אַלעמאָל עקזיסטירט. אָהן דער אריינמישונג פון שטאַאַט וואָלטען ניט אויפגעבויט געוואָרען די אַלע קאַנאַלען, אייזענבאַה־נען, שאָסעען און טעלעגראַפען. ענגלאַנד האָט זיך געלאָזט קאָס־טען 20 מיליאָן פונט סטערלינג אום אָפּצושאַפען שקלאַפעריי אין איהרע קאָלאָניעס. און אויב דער פאַקט איז איצט פעסטגעשטעלט און אַלגעמיין אַנערקענט, אַז די פרייע קאָנקורענץ אין איהר איצ־טיגער פאָרם מיינט פאַר דעם אָרימאַן אַ קאַמף מיט די צייהן און

בענעל געגען קאַנאַנען און ביקסען, — טו וואָרום זאָל דער שטאַאט זיך ניט טאָרען אריינמישען אין דעם דאָזיגען קאַמף? *)

ווען מיר וועלען באטראַכטען ביידע לאָזונגען — זעלבסט־הילף און שטאַאטס־הילף היסטאָריש, ווי זיי זיינען פארשטאַנען געוואָרען אין דייטשלאַנד אין די יאָהרען 1863 און 1864, וועלען מיר אויסגעפינען, אַז ביידע האָבען זיי געליטען פון אַ שטאַרקער אונקלאָרקייט. ווי מיר האָבען שוין פריהער דערמאָנט, איז שולצע־דעליטש'ען, מיט איינינע יאָהר פאַר דעם, געלונגען, אָנהויבענדיג פון אַ קליינער אונטערנעהמונג אין זיין אייגענעם שטעדטעל, ארומ־צופלעכטען גאַנץ דייטשלאַנד מיט אַ נעץ פון קרעדיט און רויה־שטאָף־פאַראיינען, געשטיצט אויף דעם פרינציפּ פון זעלבסט־הילף. אין פאַרבינדונג מיט דעם איז געגרינדעט געוואָרען אַ רייה אַרבייטער זעלבסט־בילדונגס פאַראייגען, וואָס זיינען געפיהרט געוואָרען אין זעלבען גייסט. דער דאָזיגער גייסט אָבער האָט זיך זעהר טיעף אָפּגעשיידט פון דעם גייסט, וואָס הערשט אין די ענג־לישע אַרבייטער־פאַראיינען, וואָס זיינען אויך געשטיצט אויף זעלבסט־הילף, אָבער אמת'ע זעלבסט־הילף. אין דייטשלאַנד האָט דער אַרבייטער ניט געהאַט קיין איניציאַטיווע. זיין לאַגע איז איינגעאָרדנעט געוואָרען און זיין בילדונג איז פּאַטערליך באַזאָרגט געוואָרען פון פערזאָנען, וואָס זיינען געשטאַנען אויף אַ העכערער געזעלשאַפטליכער שטופע, אין וועמעס אינטערעס עס איז געוועזען ניט צו דערלאָזען, אַז דער ווירקליך עקזיסטירענדער אונטערשיעד צווישען די אינטערעסען פון אַרבייטער און פאַברי־קאַנט זאָל ניט איבערגעהן אין אָפענעם קאַמף, און פאַרקעהרט זעהן, אַז דער ווידערשפּרוך זאָל אויסגעגליכען ווערען אויף'ן פריעד־ליכען וועג. אגב פלעגט מען די אַרבייטער אַנטקעגענקומען מיט אַלערליי בעפעליגקייטען, ווי ספּעציעלע לייה־קאַסעס פאַר די יע־ניגע פון זיי, וואָס האָבען אביסעל קאַפּיטאַל און ווילען זיך ארויפ־אַרבייטען און אַזוי ארום ביסלעכווייז ארויסצוהויבען זיך פון זייער שטאַנד, ווי אויך פאָפּולערע לעקציעס וועגען אַסטראָנאָמיע, געאָ־גראַפיע, נאַטור־וויסענשאַפט, געשיכטע, לעקציעס וועגען וואַל־

*) פאַרגלייך לאַסאַל'ס: „די אַרבייטער פראַגע", „אָפענער ענטפער", „דעם אַרבייטער'ס לעזע־בוך", „די אינדירעקטע שטייערן".

פישען און עלעקטרישע מאַשינען, — אָבער אויף פּאָליטיק איז געלעגט געוואָרען א חרם. דורך דעם, האָט מען געהאָפּט, וועלען די ארבייטער פון זיך אליין זיך אָנשליסען אָן דער ליבעראַלער פּארטיי. דאָס האָט מען גערופען זעלבסט־הילף, ווייל אַלע זיינען געווען אייניג אין דעם וואונש, אז דער ארבייטער זאָל אָפּגעהיט ווערען פון שטאַאַטס־הילף. „מען דאַרף ניט קיין שטאַאַטס־הילף פאַר ארבייטער, געשאָנקען פון אויבען, ווייל דאָס וואָלט באַפּעס־טיגט די קאָנסערוואַטיווע פּארטיי, און אויך קיין שטאַאַטס־הילף, אויסגעקעמפּט און ארויסגעריסען מיט געוואַלט פון אונטען, ווייל דאָס מיינט דאָך שוין אז די ארבייטער באַזיצען א געוויסע מאָס דעמאָקראַטישען זעלבסט־געפיהל, וואָס צו דעם האָט מען זיך פאַר־האַלטען מיט גרויל".*)

אָט געגען דעם האָט לאַסאַל דאָס געציעלט זיין לאָזונג: שטאַאַטס־הילף. אייגענטליך האָט ער אויך פאַרלאַנגט פון די ארבייטער, זיי זאָלען זעהן אויף אָן ערנסטען אופן זיך אליין צו העלפען, אָבער צוגלייך אויך זאָלען זיי רופען די הילף פון שטאַאַט, אלס רעגולירענדע מאַכט. מיר האָבען שוין געזעהן, וואָס לאַסאַל האָט איבערהויפּט געהאַט צו זאָגען לטובת דער אריינ־מישונג פון שטאַאַט און ווי שטאַרק ער באַטאָנט, אז דער שטאַאַט האָט אויף זיך אָן אויפגאַבע און א פליכט ענערגיש מיטצוהעלפען דעם קולטורעלען פּראָגרעס. דאָס איז א פּונקט, אין וועלכען מיט לאַסאַל'ען שטימען איצט איין די דענקענדע מענער פון די פאַר־שיעדענסטע ריכטונגען, אָבער מען קען ניט לייקענען, אז נאָך פאַר לאַסאַל'ען איז עס געווען כמעט אָן אָנגענומענער שטאַנדפּונקט אין די ברייטע געזעלשאַפטליכע קרייזען. אָפט פלעגט, צום ביישפּיעל, אפילו שולצע דעליטש ארויסרוקען די דאָזיגע פליכט פון שטאַאַט, נאָר וועגען די גרענעצען, ווי ווייט דער שטאַאַט איז בארעכטיגט אריינצומישען זיך, איז דאַמאָלס אָנגעגאַנגען א שטרייט, וועלכער האַלט נאָך אָן ביז היינטיגען טאָג. איינס איז אָבער זיכער, אז דער פרוכטבאַרסטער צווייג פון לאַסאַל'ס טעטיגקייט איז געווען, וואָס ער האָט אזוי ענערגיש אַנטקעגענגעשטעלט די רעכטען און פליכטען פון שטאַאַט געגען דעם איינזייטיגען שטאַנדפּונקט פון

*) פ. א. לאַנגע, „די ארבייטער־פראַגע".

דער מאַנטשעסטער שולע — דעם שטאַנדפּונקט פון „העלף זיך אַליין".

לאָמיר איצט אַ קוק טאָן, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט די פאַרווירקליכונג פון זיין ליעבלינגס־אידעע אין דער פּראַקטיק. און דאָ קומען מיר צום דריטען שטרייט־פּונקט: פּ ר אָ ד ו ק ט י ו ו ע אַ ס אָ צ י אַ צ י ע ס מ י ט ש ט א א ט ס ־ ק ר ע ד י ט.

ביי לאַסאַל'ען איז גאָר קיין רייד ניט די רעגיערונג זאָל נעה־מען אויף זיך צו שאַפען ארבייטער־אַסאָציאַציעס, אָדער וועגען וועלכען עס איז פּלאַן, וואָס זאָל אפילו אין וויטסטען זין דער־מאָנען די נאַציאָנאַלע ווארשטאטען, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען אין 1898 אין פּאַריז פון די שונאים פון די סאָציאַליסטען) און וועלכע האָבען זיך געענדיגט און געמוזט זיך ענדיגען מיט אַ דורכפאַל. לאַסאַל פאָדערט פּריוויליגע אַסאָציאַציעס פון יחידים. ער וויל נאָר, אַז דער שטאַאַט, דורך אַ קרעדיט־אַנשטאַלט, זאָל די אַסאָציאַציעס באַזאָרגען מיט דעם נויטיגען קאַפּיטאַל, אום זיי זאָלען איבערהויפּט קענען אָנהויבען זייער עקזיסטענץ. דער שטאַאַט זאָל זיי קומען צו הילף מיט קרעדיט, אָבער ער זאָל זיי ניט „אָרגאַניזירען" אָדער אַלס אונטערנעהמער זיי לאָזען ארביי־טען אויף זיין רעכנונג. פאַרקעהרט, די ארבייטער זאָלען דורך דעם קרעדיט פון שטאַאַט געשטעלט ווערען אין דער לאַגע אַ ל י י ן זיך צו קענען אָרגאַניזירען און צו ארבייטען אויף זייער אייגענער רעכנונג.

לויט לאַסאַל'ס פּלאַן זאָל ניט נאָר איין קרעדיט־פאַרבאַנד אַרומנעהמען אַלע אַסאָסיאַציעס נאָר אויסער דעם זאָל פאַר יעדען אינדוסטריע־צווייג נאָך געשאַפען ווערען אַ פאַרזיכערונגס־פאַר־באַנד, וואָס זאָל איינשליסען אַלע אַסאָציאַציעס פון דעם צווייג. דערמיט וועלען די פאַרלוסטען אַראָפּגעגלעט ווערען ביז צו אַן אונמערקבארען מינימום. די ריזיקע פון קאַפּיטאַל וואָלט אויף אַזאַ אופן ניט עקזיסטירט פאַר די אַסאָציאַציעס, ווייל קאָנקורענץ וואָלט געווען אויסגעשלאָסען. די סאָלידאַריטעט פון אַלע אַסאָ־ציאַציעס איבער'ן לאַנד וואָלט וועניגסטענס געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי זאָלען צושטעלען איינע דער אַנדערער אינפאָרמאַציע וועגען דעם צושטאַנד און די באַדינגונגען אין דער גאַנצער פּראָדוקציאָן. די געשעפטס־ביכער פון אַלע אַסאָציאַציעס, געשטעלט אונטער דער

אויפזיכט פון ספּעציעל אויסגעקליבענע צענטראַלע קאָמיסיעס, וואָלטען געגעבען אַ גרונדלאַגע פאַר אַ וויסענשאַפטליכער סטאַטיסטיק איבער דעם גאַנצען פּראָדוקציאָנס־באַדאַרף. און דערמיט וואָלט אויסגעמידען געוואָרען יעדע מעגליכקייט פון איבער־פּראָדוקציאָן, און אפילו איידער דער פּלאַן וואָלט דורכגעפיהרט געוואָרען אין גאַנצען, וואָלטען די אַסאָציאַציעס, ביי זייערע געוואַלטיגע מיטלען ניט געצוואונגען געווען ניט אַנדערש גלייך אָפּצושטעלען זייערע פּראָדוקטען אויפ׳ן מאַרק. איבער־פּראָדוקציאָן וואָלט איינפאַך געמיינט פּראָדוקציאָן אין פאָראויס. די געזעלשאַפט וואָלט אַ דאַנק דעם געזיכערט געווען געגען די קריזיסען פון איבער־פּראָדוקציאָן.

און דערצו נאָך, מיינט לאַסאַל, וואָלט די געזעלשאַפט אויף דעם וועג באַרייכערט געוואָרען מיט אַ ריעזיגען געווינס. יעדער ווייס דאָך, וויפיעל קאָסטען עס ווערט איינגעשפּאָרט דורך גרויס־פּראָדוקציאָן. עס איז צום ביישפּיעל אויסגערעכענט געוואָרען, אַז קעניגרייך זאַקסען וואָלט זיך איינגעשפּאָרט ווענינגסטענס אַ מיליאָן טאַלער יעהרליך, בלויז אויף הויף־מאַטעריאַלען, ווען אַלע בעקערייען זאָלען קאָנצענטרירט ווערען אין פאַבריקען, וואָס זאָלען אַרבייטען אָהן אָפּשטעל. און לאַסאַל פיהרט ווייטער אויס, אַז דאָס סיסטעם פון גרויסע אַסאָסיאַציעס וואָלט ניט נאָר רעפאָרמירט צום גוטען די פאַרטיילונג, נאָר אָפּשאַפענדיג די צוברעקעלטקייט און צופעליגקייט אין דער פּראָדוקציאָן, וואָלט עס די פּראָדוקציאָן גופא אויפגעהויבען ביז צו אַן אונערהערטען גראַד, און ער שליסט דערפון, אַז דער וועלט־מאַרק וועט געהערען צו יענע נאַציאָן, וועלכע וועט פועל׳ען ביי זיך די ערשטע דורכצופיהרען אָט די סאָציאַלע איבערקעהרעניש.

וועגען לאַסאַל׳ס צוקונפט־פּראָיעקט דאַרף מען פריהער פון אַלץ באַמערקען, אַז ער האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעגעבען איהם פאַר די *לייזונג* פון דער סאָציאַלער פראַגע און אַז איבערהויפּט האָט ער קיינמאָל פאַר קיינעם אפילו קיין שיין ניט געוויזען, אַז ער קען לייזען די פראַגע. אדרבא, ער פלעגט כסדר באַטאָנען, אַז די לייזונג פון דער סאָציאַלער פראַגע איז אַן אויפגאַבע פאַר דורות און אפשר פאַר גאַנצע יאָהרהונדערטער. אין זיין „אָפענעם ענטפער" באַנעגענט איהר אפילו ניט די פראַזע: „די סאָציאַלע

פראַגע". נאָך וועניגער האָט ער גערעדט וועגען איהר לייזונג. זיין „געוויסען פון א טעאָרעטיקער", ווי ער דריקט זיך אליין אויס אין א בריעף, האָט איהם ניט געלאָזט צו ווארפען זיך מיט די ווערטער. זיין געוועהנליכער אויסדרוק איז כסדר געווען: „די פארבעסערונג פון דער לאַגע פון די ארבייטער־קלאַסען". פּראָ־דוקטיווע אסאָציאַציעס מיט שטאַאַטס־קרעדיט זיינען פאַר איהם געווען דער ערשטער נויטיגער שריט אויף דעם וועג, מיט וועלכען די קינפטיגע דורות — דאָס איז פאַר איהם קיין צווייפעל ניט געווען — וועלען מוזען און וועלען געהן.

צווישען פיעלע לאַסאַל'ס גרונד־געדאַנקען, וואָס שטאַמען פון העגעל'ן און וואָס האָבען זיך דערשלאָגען צו הערשאַפט צוזאַמען מיט ביסמאַרק'ען, איז אויך די איבערטריבענע אָפּשעצונג פון שטאַאַט, אלס די העכסטע מאָראַלישע איינהייט, געגען וועלכער דער יחיד דאַרף בטל ווערען. פאַר לאַסאַל'ען מיט זיין ליעבע צו מאַכט איז געווען אלץ איינס, צי די אומוואַנדלונג פון דער געזעלשאַפט וועט פאָרקומען פּלוצלונג, אויף דעם באפעהל פון אויבען, אלס אן ארויפגעצוואונגענער אקט, צי זי וועט פאָרקומען ביסלעכווייז דורך דער ענטוויקלונג צו דער מעגליך ברייטסטער פּאָליטישער פרייהייט. זיין ליידענשאַפט צו פרייהייט האָט זיך ביי איהם געפּאָרט מיט א הערשערישער נאַטור, וואָס האָט ליעב געהאַט צו באפעהלען און צו פאָרזאָרגען. די אונאָפּהענגיגקייט פון דער מאַסע האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט אלס ווייטער, ווייטער ציעל: איך גלויב ניט אין דער לעבענס־קראַפט פון אסאָציאַציעס אָהן זעלבסטשטענדיגער ענטוויקלונג און אָהן זעלבסטשטענדיגער פיהרונג. א ביוראָקראַטישע געזעלשאַפט, וואָס ווירקט פון אויבען אראָפּ, וועט גיכער דערשטיקען, איידער אויפוועקען דעם געפיהל פון אונאָפּהענגיגקייט ביי די ארבייטער, און דאָס איז דאָך דער עיקר.

די הויפּט־פּראַגע איז אָט די: וועט דורך די פּראָדוקטיווע אסאָציאַציעס מעהר פּראָדוצירט ווערען, ווי איצט? וואָרים ניט אזוי די ניט גענוגענדע פּאַרטיילונג, ווי די אונפאַרמיידליך באַ־גרענצטע פּראָדוקציאָן איז שולדיג אין די שווערע ליידען, וואָס די אונבאַמיטעלטע האָבען אויסצושטעהן, און ווען איצט, אונטער דעם בייטש פון קאָנקורענץ, מיט די לאַנגע ארבייטס־שטונדען און

מיט דער געצוואונגענער דיסציפּלין, אונטער וועלכער די ארבייטער זיינען אונטערוואָרפען, קען ניט פּראָדוצירט ווערען מעהר, וויפיעל עס ווערט פּראָדוצירט ווי קען מען ערוואַרטען, אז די פּראָדוקציאָן זאָל זיך פיעלפאַך פארגרעסערען ביי א נייער, וועניגער שטרענגער אָרדנונג? איז דען זיכער, אז קאָאָפּעראַציע אליין, בלויז דער פאַקט, אז עס האָט זיך געגרינדעט אַן אַסאָציאַציע און מענשען ארבייטען אין שותפות, וועט אזוי גרינדליך ענדערען דעם כאַראַקטער פון דער פּראָדוקציאָן? און טאָמער ניט, איז דאָך קלאָר, אז די פּראָדוקטיווע אַסאָציאַציע בלויז דערמיט, וואָס זי האָט אָפּגעשאַפט דעם קאַפּיטאַליסט, ד. ה. די פּרעמיע אויף קאַפּיטאַל, וועט ניט אימשטאַנד זיין צוצושטעלען איהרע מיטגליעדער א פיעל גרעסערען פאַרדיענסט געגען זייער איצטיגען ארבייטס-לוין. אָנגענומען, אז א גרויסער פאַבריקאַנט באשעפטיגט 4,000 ארבייטער און אָנגענומען ווייטער, אז ביי איהם שטעלט זיך אָפּ יעהרליך די ריעזיגע סומע פון 80 טויזענד טאלער. ווען מיר וועלען די גאַנצע סומע אָנרופען אַן אומזיסטע פּרעמיע אויפ'ן קאַפּיטאַל און מיר וועלען זי צוטיילען צווישען די ארבייטער, וועט אויף יעדען פון זיי אויסקומען פאַר'ן יאָהר מיט 20 טאלער מעהר, וויפיעל ער פאַרדיענט איצט, — לאָסאַל האָט קענטיג פאַרזעהן, אז דער מעהרווערטה, וואָס ווערט געשאַפען דורך ארבייט, געהט פריהער פון אַלץ און גאָר אָהן שום מיה צו גונסטען פון פּריוואַטען ל אַ נ ד - ב אַ ז י ץ, וואָס שלינגט דאָס הויפּטזעכליך איין די פּרוכט פון דער ארבייט.

ווייטער, דערמאָנענדיג כסדר, אז אַלע געווינסען קומען אַן דעם קאַפּיטאַל, פאַרגעסט אָבער לאָסאַל צו אָפּט דעם פאַקט, אז קאַפּיטאַל האָט אויך אויסצושטעהן ריזיקע און היזק. גאַנץ ריכטיג, אז די ריזיקע און דער היזק וועלען אויף אַן אומוועג אַראָפּגעקייקעלט ווערען אויפ'ן ארבייטער'ס קאָפּ, אָבער דירעקט ווערט ער פון זיי ניט געטראָפען. עס איז קלאָר פון אויבען אויך, אז די פּראָדוקטיווע אַסאָציאַציעס, וואָס וועלען דאָך זיך לאָזען אָרגאַניזירען נאָר לאַנגזאַם, שטופּענווייז, וועלען ניט קענען טראָגען דעם היזק, סיידען דער שטאַאַט זאָל זיי שטיצען מיט קרעדיט. די מעלה מיט דעם קאַפּיטאַליסט איז, וואָס ער קען באשטעהן צו פאַרלירען 50,000 טאלער פון 100,000 און ניט ווערען קיין בעט-

לער צוליעב דעם. אָבער שטעלט אייך פאָר, אַז 2,000 אַסאָציִ־ירטע ארבייטער, וועלכע דארפען לעבען פון דער איינקונפט פון זייער ארבייט, זאָלען ליידען אַזאַ שאדען, וואָס פאר אַן אויסוועג בלייבט פאר זיי, ווען ניט אָנצוקומען כסדר און אָהן אויפהער צום קרעדיט פון שטאאט? אום צו פארזיכערען די עקזיסטענץ פון זיינע אסאָציאציעס, וואָלט לאסאַל געדארפט מיט איין קלאפ גרינ־דען אַלע אסאָציאציעס, וואָס געהערען צו איין אינדוסטריע־צווייג.

און אפילו שטאאטס־הילף אין דער פאָרם וואָלט ניט פיעל געהאָלפען, אַזוי לאַנג עס איז ניט פאראן אַן אוניווערסאלער, אַל־וועלטליכער שטאאט. דען דער שטאאט ווי ער עקזיסטירט איצט, קען בשום אופן ניט זיך פארזיכערען געגען היזק. עס איז אָהן ספק אַ טעות זיך איינצורעדען, אַז מען קען איבעררייסען דעם צו־זאַמענהאַנג צווישען די פרייזען פון סחורות און די הערשענדע באדינגונגען אויפ'ן מארק. פונקט פארקעהרט ווי לאסאַל מיינט עס, וועט דער שטאאט, וואָס וועט דער ערשטער איינפיהרען ביי זיך די נייע אָרדנונג, אַם ערגסטען אוועקגעשטעלט ווערען אויפ'ן וועלט־מארק, ווייל איהם וועט זיין שווערער ווי אַלע איבעריגע שטאאטען צו ליידען היזק.

צולעצט, וועט די פראָדוקטיווע אסאָציאציע מיט שטאאטס־קרעדיט, וועלכע דאַרף דאָס אָפּשאפען די קלאסען־אונטערשיעדען, ניט איינפיהרען נייע קלאסען־אונטערשיעדען, איינפיהרענדיג נייע פריווילעגיעס? לאסאַל'ס היסטאָרישער ציעל, קורץ גערעדט, איז דער: פארבייטען די הערשאפט פון דריטען שטאַנד מיט דער הער־שאפט פון פערטען שטאַנד, וועלכער פארטרעט פאר איהם די גאַנצע מענשהייט. ער גיט גערן צו, אַז ווען דער דריטער שטאַנד, אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט זיך אויפגעהויבען געגען די פריווילעגירטע, דורכ'ן געזעץ באַשיצטע קלאסען, האָט ער אין ערשטען מאָמענט פון באגייסטערונג אויך געקוקט אויף זיך ווי אויף דעם פארטרעטער פון גאַנצען פאָלק און פון דער גאַנ־צער מענשהייט (דערמאָנען מיר זיך „די דעקלאראַציע פון מענשען־רעכטען"). אָבער לאסאַל געפינט פאר נויטיג גלייך צו אונטער־שטרייכען, אַז דער דאָזיגער דריטער שטאַנד, ווי עס האָט זיך באַלד ארויסגעשטעלט, האָט מיטגעבראכט מיט זיך אַ נייע פריווילעגיע — די פריווילעגיע פון קאפּיטאַל, — און אונפארמיידליך האָט צווי־

שען די פּאָלדען פון זיין היסטאָרישען מאַנטעל געמוזט זיין באַהאַלטען א נייער אונפּריווילעגירטער, אונבאַשיצטער קלאַס — דער פערטער שטאַנד. ערשט דער פערטער שטאַנד, ברענגט לאַסאַל אויס, וועלכער שטעלט ניט ארויס און קען ניט ארויסשטעלען קיין שום יחוס פאר זיין פאָדערונג צו ווערען א שותף צו דער רעגיערונגס מאַכט — ניט דעם יחוס צעטעל פון אדעל, ניט דעם יחוס פון לאַנד־באַזיץ און ניט דעם יחוס פון קאַפּיטאַל — ערשט דער פערטער שטאַנד פאַרטרעט אין דער אמת'ען די גאַנצע מענשהייט, און זיין באַפרייאונג איז די באַפרייאונג פון דער גאַנצער מענשהייט, ווייל „אַלע זיינען מיר ארבייטער".

איך וועל נאָר דאָ אָנווייזען, אז לאַסאַל באַשרייבט ניט דעם אמת'ען, נאָר אַן אידעאַלען פערטען שטאַנד, ווי ער מאָלט זיך איהם אין זיין פאַנטאַזיע. אפילו ווען דער פערטער שטאַנד פּרעטענדירט ניט אויף קיין נייע פּריווילעגיעם — ניט פון אדעל, ניט פון לאַנד־באַזיץ, ניט פון קאַפּיטאַל און ניט פון בילדונג, — וועט ער אָבער גענייגט זיין צום פאָלגענדען געדאַנקען־גאַנג: אזוי ווי מיר זיינען ניט רייך, און ניט געבילדעט און ניט קיין אדעללייט, זיינען מיר באַרעכטיגט צו דער שטיצע און צו א חלק אין דער רעגיערונג. אָבער עס איז דאָ נאָך א נעהנטערע געפאַהר. אַט די פּראָדוקטיווע אסאָציאַציעס, אין זייער גראַדענווייזען וואוקס מיט דער שטיצע פון שטאַאַט, וועלען בלייבען אויסער זייערע רייהען. און אז די אסאָציאַציעס וועלען זיך האָבען פאַרשפּרייט איבער'ן לאַנד, וועלען זיי צווינגען די ארבייטער, וואָס לויט דער נאַטור פון זייער באַשעפטיגונג קענען זיך ניט אָנשליסען אָן זיי, ווי טרעגער, טאָג־ארבייטער און אלערליי צופעליגע ארבייטער, אראָפּצולאָזען זיך מיט א שטופע נידריגער. דערמיט וועט געלעגט ווערען דער גרונד פון א פינפטען שטאַנד. עס וועט זיך איבער'חזר'ען פּונקט דאָסזעלבע, וואָס נאָך דער דעקלאַראַציע פון מענשען־רעכטען. דערפון איז צו זעהן, אז אויך דאָס נייע פּראָגראַם וועט ארומנעהמען ניט מעהר ווי איין באַשטימטען קלאַס און וועט נאָר פיהרען צו דער באַשאַפונג פון א נייער אריסטאָקראַטיע. *)

---

*) פ. א. לאַנגע, „די ארבייטער־פראַגע", ז. 361 און ווייטער.

דאָך, די אַלע טענות, ווי באַגרינדעט אָדער וויכטיג זיי זאָלען ניט זיין, פאַרפעהלען אָבער כמעט זייער ציעל, צוליעב דעם איינ־פאַכען גרונד, וואָס די פּראָדוקטיווע אַסאָציאַציעס מיט שטאַאַטס־קרעדיט האָבען פאַר לאַסאַל׳ען גופא געהאַט אַ צווייט־גראַדיגע באַדייטונג.

אמת, ער האָט געהאַלטען, אַז די דאָזיגע אַסאָציאַציעס, ווען זיי זאָלען אויפגעבויט ווערען אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב, וועלען דיענען אַלס מיטעל צוצופּאַסען דעם אָנבאָט צו דער נאָכפראַגע, די פּראָדוקציאָן צום געברויך, ווייל דער ריעזיגער קרעדיט, וואָס וועט זיין אָפען פאַר זיי, וועט זיי שטעלען אין דער לאַגע ניט צו דאַרפען פאַרקויפען זייערע פּראָדוקטען אום יעדען פּרייז, ווי שלעכט די צייטען זאָלען ניט זיין. אָבער מעהר ווי אַ מיטעל צום צוועק זיינען זיי פאַר לאַסאַל׳ען ניט געווען.

„ווען איהר קענט — האָט לאַסאַל געשריבען דעם 22טען אַפּריל, 1863, צו ראָדבערטוס׳ען, וועלכער האָט ניט געגלויבט אין דעם ווערט פון די פּראָדוקטיווע אַסאָציאַציעס — ווען איהר קענט מיר אָנווייזען אויף אַן אַנדער פּונקט אַזאַ ווירקזאַמען מיטעל, וועל איך איהם גערן אָננעהמען און זיך אונטערשרייבען אונטער איהם. איך האָב פאָרלויפיג פאָרגעשלאָגען אַסאָציאַציע, ווייל דערווייל זעה איך ניט קיין אַנדער מיטעל, וואָס זאָל זיין פאַרהעלטנים־מעסיג אַזוי לייכט און ווירקזאַם, און ווייל דעם ארבייטער מוז מען פאָרשלאָגען עטוואָס גאַנץ באַשטימטעס, ממשות־דיגעס (ניט קיין געזעץ), אום איהם צו פאַראינטערעסירען.”

מיט אַ מאָנאַט שפּעטער שרייבט ער ווידער:

„דאָ האַנדעלט זיך בלויז וועגען אַ פּראַקטישען איבערגאַנגס־מיטעל און ניט וועגען אַ טעאָרעטישער, ענדגילטיגער און פּרינ־ציפּיעלער לאַזונג, וואָס ווי איהר אַליין ערוואַרט קען קומען ערשט אין אַ 500 יאָהר אַרום, און אַז די לאַזונג וועט געגעבען ווערען ביסלעכווייז דורך דער אַסאָציאַציע און וועט פון דער אַסאָסיאַציע אויף אַ וואונדערליכען אופן פאַרלייכטערט ווערען—האָט קומט מיר פאַר אויסער יעדען צווייפעל, און איך נעהם זיך אונטער אויך אייך צו איבערצייגען אין דעם. נאָך מעהר, איך זעה קיין אַנדער איבערגאַנגסמיטעל, וואָס זאָל זיין פּונקט אַזוי פּראַקטיש. איהר אַליין אַנערקענט דאָך און

איהר האָט עס אַם שטאַרקסטען אונטערגעשטראָכען, אַז יענער ענד־ליכער צושטאַנד, וואָס איהר ערוואַרט ניט פריהער פון 500 יאָהר, קען בלויז דערגרייכט ווערען דורך אַ רייהע איבערגאַנגען, און קען העכסט וואַרשיינליך ניט איינגעפיהרט ווערען מיט איין קלאַפּ. כאָטש דערפון איז גאָר ניט געדרונגען, אַז איהר וואָלט ניט גע־קענט געפינען אַן אַנדערן, אַ בעסערן איבערגאַנגס־מיטעל פון מיי־נעם. אין אַזאַ פאַל, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, בין איך גרייט צו שטיצען אייך מיט אַלע מיינע כוחות".

משמעות, האָט ראָזבענטוס, וועלכער האָט געוואָלט איינהאַלטען דעם פּרינציפּ פון לוין־אַרבייט מיט געוויסע פאַרבעסערונגען, ניט געקענט צוטראַכטען עפּעס אַן אַנדער מיטעל. אַזוי צו אַנדערש, העכסט אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס ביסמאַרק האָט נאָך אין סעפּטעמבער 1878 זיך אָפּגערופען סימפּאַטיש וועגען לאַסאַל'ס פּראָיעקט. לויט זיינע אייגענע ווערטער, איז ער נאָך דאַמאָלס בשום אופן ניט איבערצייגט אין דער אונצוועקמעסיגקייט פון פּראָ־דוקטיווע יוניאָנס.

„איך קען ניט זאָגען, — ערקלערט ער — צי לאַסאַל'ס אַר־גומענטען האָבען אויף מיר געמאַכט אַזאַ שטאַרקען איינדרוק, צי בין איך נאָך אונטער דעם איינפלוס פון יענע איבערצייגונגען, וואָס האָבען זיך ביי מיר אויסגעאַרבייט אין ענגלאַנד, ווען איך בין דאָרט געוועזען אין 1862; אָבער עס קומט מיר פאָר, אַז אין דער גרינדונג פון פּראָדוקטיווע אַסאָסיאַציעס, ווי זיי עקזיסטירען און בליהען אין ענגלאַנד, ליגט אַ מעגליכקייט צו פאַרבעסערן די לאַגע פון אַרבייטער, דורך איבערגעבען איהם אַ היבשען טייל פון אונטערנעמער'ס פּראָפיט". ער פאַרזיכערט ווייטער, אַז די פאַרזוכען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין דייטשלאַנד, באַווייזען גאָרנישט, ווייל זיי זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב. די אידעע פון אַסאָציאַציעס האָט ער צוגערעכענט צו יענע „געזונטע שטרעבונגען", וואָס זיינען צו יענער צייט לויט זיין מיינונג, געווען די טרייב־רעדער פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער באַוועגונג, און ער האָט פאַרענדיגט זיינע באַטראַכטונגען וועגען דער פראַגע מיט פאָלגענדע באַמערקונג: „וואָס לאַסאַל האָט מיר מיטגעטיילט איבער דעם ענין, איז געווען זעהר באַלעהרענד און

האָט ארויסגערופען אין מיר א טיעפען אינטערעס, ווייל ער האָט א סך געוואוסט און א סך געלערענט.״

די אויבען־געבראכטע ציטאַטען פון לאַסאַל׳ס בריעף, ווייזען, ערשטענס, אז דאָס סיסטעם פון פּראָדוקטיווע אַסאָסיִאַציעס מיט שטאַאַטס הילף, וואָס לאַסאַל האָט זיך געשטעלט אלס דעם נאָהענט־סטען ציעל אין זיין אגיטאַציע, איז פאר א׳הם אייגענטליך געווען א מיטעל צו דערגרייכען דעם וויטערן הויפּט — און ענד ציעל — די אָבשאַפונג פון פּריוואט אייגענטום אויף לאַנד און קאַפּיטאַל, — וואָס לאַסאַל רופט אָן אין א בריעף צו ראדבערטוס — „דער עיקר פון זיינע אנשויאונגען, זייט ער האָט זיך איבערהויפּט פּארטראכט וועגען פּאָליטיש־עקאָנאָמישע פראגען״. ער גיט נאָך צו, אז אויף דעם ענד־ציעל וועט ער זיכער זיך ניט דערוועגען אָנצואווייזען דעם המון און ער האָט זיך ביז איצט אויסגעהיט ניט צו דערמאָנען וועגען דעם.

אָבער דיזעלבע שטעלען פון לאַסאַל׳ס בריעף ווייזען, פון דער אנדער זייט אָהן שום ספק, אז ער איז געווען פאַלשטענדיג איבער־צייגט אין דער ריכטיגקייט, פּראקטישקייט און ווירקזאמקייט פון זיין מיטעל; ער האָט פעסט געגלויבט, אז דער קרעדיט, וואָס דער שטאַאַט וועט עפענען פאר די אַסאָסיאַציעס, וועט אונבאַ־דינגט ברייגנען אין פאַרלויף פון אייניגע יאָהרהונדערטען צו דעם ציעל, וואָס ער האָט אין אויג. ראדבערטוס אין זיינע „לעצטע שריפטען״ זאָגט וועגען דער פראַגע: „עס מוז געזאָגט ווערען און דאָס ווארפט ניט דעם מינדסטען פלעק אויף לאַסאַל׳ס כאַ־ראקטער, אז עס האָבען עקזיסטירט צוויי לאַסאַל׳ען — לאַסאַל פאר דעם ענגען קרייז איינגעפארטרויטע, און לאַסאַל פאר דער דרוי־סענדיגער וועלט, און אויך איך בין איבערצייגט, אז אזא פּראַקטישע וועלט־פראַגע, ווי די סאָציאַלע, מוז אנדעשט דיסקוטירט ווערן מיט ספּעציאַליסטען און אנדערש מיט׳ן געוועהנליכען פּובליקום״.

אָבער ווען אַט די ווערטער זיינען גלייך פון לאַסאַל׳ס שונאים געשטעלט געוואָרען אין פארבינדונג מיט די אויבען־ציטירטע (דער, צום ביישפּיעל, דעם חוצפה׳דיגען און אבסאָלוט ווערטלאָזען פּלאַ־גיאַט, א. קושבאַק׳ס „לאַסאַל׳ס כויט״, צוזאמענגעשטעלט נאָך בעקער׳ן) און זיי ווערען אויסגענוצט אלס באַווייז, אז לאַסאַל אַליין האָט ניט געגלויבט אין דעם מיטעל, וואָס ער האָט רעקאָמענדירט

צו די אַרבייטער, וועלכע ער זאָל האָבען אין גרונד האַרצען גע־האַלטען פאַר אַ המון — איז דאָס־אַ טאָפּעלטער ליגען: עס איז ניט אמת, אַז לאַסאַל זאָל האָבען געזאָגט, אַז ער האָט קיין צוטרויען ניט צו זיין מיטעל און עס איז ניט אמת, אַז ער האָט באַטראַכט די אַרבייטער פאַר אַ המון — מיט דעם נאָמען באַצייכענט ער פּאַרקערט, דעם ברייטען קרייז האַלב־געבילדעטע, איינגעבילדעטע און ענגהאַרציגע קליין־בירגער.

איינס איז זיכער: דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט קען ניט ראַדיקאַל געענדערט ווערן אויפ'ן ריין־עקאָ־נאָמישען וועג. לאַסאַל מיט זיין איבערטריבענעם גלויבען און אויסערליכע געוואַלד־מיטלען האָט פאַרזעהן, אַז די פּאַרגרעסערונג און פאַרבעסערונג פון דער פּראָדוקציאָן קען דערגרייכט ווערן ערשט מיט דער מיטווירקונג פון אינטעלעקטועלער און מאָראַלישער ער־ציהונג. אמת, מען געפינט ביי איהם אַ פּראָטעסט געגען דער צו גרויסער פּראָדוקציאָן פון אונזיניגע נוצלאָזע לוקסוס־אַרטיקלען: מיט פולען רעכט אַטאַקירט ער די בורזשואַזיע פאַר איהר נאַריש־קייט, פאַר צונויפמישען טייערקייט מיט שעהנקייט. מיט אַנ־דערע ווערטער: ער האָט קלאָר איינגעזעהן ווי ווינשענסווערט עס איז, אַז דער אַליין וואַקסענדער מהלך צווישען דעם אַרט לעבען פון די העכערע קלאַסען און פון די נידריגערע קלאַסען זאָל פאַר־קלענערט ווערן, און אַז דער וועג דערצו איז, אַז דער פּלאַץ פון אוננוציגע און איבריגע געברויכס־מיטלען זאָלען אין דער פּראָ־דוקציאָן פאַרנעמען די נויטיגערע לעבענס־מיטלען.

אָבער אָבגעזעהנדיג אַ גערעכטען און פאַרנינפטיגען לויב פאַר דער גלייכהייט, פאַרגעסט ער אָבער צו אונטערשטרייכען די פאַקט־טיש־עקזיסטירענדע אונגלייכהייט, וואָס אַזאַ אונטערשטרייכען איז הויפּט־וויכטיג פאַר די אינטערעסען פון דער גלייכהייט גופא. דער געזעל דאַרף און מוז באַקומען מעהר, ווי דער לעהר־יונג; דער אויפזעהער מעהר ווי דער געזעל, און דער מייסטער מעהר פון אַלע־מען. אַנדער מיט אַנדערע ווערטער, מען געפינט ניט ביי לאַ־סאַל'ן — ביי לאַסאַל דעם דעמאַגאָג — קיין איינציגע פראַגע, וואָס זאָל באַצוועקען אַרויסצורופען רעספּעקט צו גייסטיגער טעטיגקייט אָדער אונטערצוגעבען זיינע צוהערער חשק זיך צו דערשלאָגען צו אַ העכערער קולטור־שטופע. ער נעהמט זיי אַזוי ווי זיי זיינען: שוין

מיט זייער צאָהל, מיט זייער מאַסע זיינען זיי פאַר איהם אַן אימ־פּאָנירענדע מאַכט. דערפון קומט עס, וואָס לאַסאַל האָט געשטרעבט צו פאַרשלונגען מיט איין ציעל: די איבערפּאַרטיילונג פון פּראָ־פיט, האָט אין קיין איינעם פון זיינע פּאַמפּלעטען, קיין איין גוט וואָרט ניט געהאַט פאַר יענע אונטערנעמונגען, וואָס דיענען אויפ־צוהויבען דעם ווערט פון דער פּראָדוקציאָן, ווי צום ביישפּיעל, פאַר אַ ראַדיקאַלער פאַרבעסערונג פון שול־אונטערריכט, וואָס זאָל מאַכען די בילדונג צוגענגליך פאַר אַלעמען.

בלויז אין איין גרויסען אַרטיקעל, וואָס איז ערשיענען אין „קרייץ־צייטונג" פון 19טען יוני 1864, פאָדערט ער „בילדונג פאַר אַרבייטער, אונטער צוואַנגס־אונטערריכט, אויף נאָר אַ נייעם מאַס־שטאַב". אַגב, איז עס אפשר צופיעל פאַרלאַנגט פון אַ מענשען, וועלכער האָט גענומען אויף זיך מיט איין קלאַפּ אַרויסצורופען אַ באַוועגונג פון גאָרנישט, ער זאָל זיך רעכענען מיט די פאַרשיעדענע זייטען פון דער פראַגע און אַליין זיך באַגרענעצען.

און אין דעם פּונקט איז לאַסאַל זיך צוגאַנגען מיט ראָדבערטוס און צוליעב אָט דער ניט איינשטימיגקייט האָט ראָדבערטוס, כאָטש אָנערקענענדיג דעם טעאָרעטישען און פּרינציפּיעלען ווערט פון לאַסאַל'ס אידעען, דאָך זיך אָפּגעזאָגט אָפען צו אונטערשטיצען זיין אַגיטאַציע מיט דעם איינפלוס פון זיין גרויסען נאָמען. לאַסאַל האָט געוואָלט פאַרוואַנדלען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין אַ פּאָ־ליטישע מאַכט; ראָדבערטוס האָט געוואָלט זי זאָל זיך באַנוגע־גען מיט ריין עקאָנאָמישע צוועקען. דער פּאָליטישער כאַראַקטער פון דער פּאַרטיי — דאָס איז דער תנאי וואָס לאַסאַל האָט געשטעלט צו ראָדבערטוס'ען. און זיין פּאָזיציע האָט לאַסאַל באַגרינדעט דער־מיט, וואָס שוין אונטער שולצע־דעליטשען זיינען די אַרבייטער געוואָרען אַ פּאָליטישע מאַכט, זיי זיינען נאָר פאַרפיהרט געוואָ־רען אויף אַ פאַלשען עקאָנאָמישען וועג. און ערשט דורך אַ שטאַר־קערער פּאָליטישער אַגיטאַציע קענען זיי צוריק אַרויפגעפיהרט ווערן אויף'ן ריכטיגען פּאָליטישען וועג. אויף דעם סמך האָט ער גע־שטעלט אַלס ערשטע און הויפּט־פאָדערונג פאַר זיך און פאַר זיינע געגנער — די איינפיהרונג פון אַלגעמיינער וואַהלרעכט, ווייל אַפילו די ליבעראַלען, וועלכע האָבען געקעמפט פאַר פרייהייט פון האַנ־

דעל, האָבען ווייט ניט גינסטיג זיך פאַרהאַלטען צו אָט דער פאָ־
דערונג.

וועגען דעם האָט לאַסאַל געשריבען צו ראָדבערטוסען אין מאַי 1863:

„איך בין ווייט פון דעם געדאַנק צו פאַררוקען די נאַציאָנאַלע פראַגע אין הינטערגרונד און שענקען די הויפּט אויפמערקזאַמקייט, צו אַלגעמיינעם וואַהלרעכט, אין דעם קענט איהר זיך פאַרלאָזען אויף מיר! אָבער מען זוכט מיר און אונזער פּאַרטיי צו שעדיגען דורך כלומרשט דינמאָקראַטישע טענות, (אַז מיר פאַרנאַכלעסיגען די פּאָליטישע פרייהייט, א. ז. וו.) דאַרום דאַרף איך זעהן אַרי־בערצויאָגען מיינע געגנער אין ביידע ריכטונגען; צושמעטערן זיי סיי אויפ'ן סאָציאַלען און סיי אויפ'ן פּאָליטישען געביעט".

לויט מיין בעסטער איבערצייגונג, איז פאַר לאַסאַל'ען, אונ־טער יענע אומשטענדען, קיין אַנדער וועג ניט אָפען געבליבען, ווי דער, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבען. זיין געניאַלער בליק האָט פּאָלשטענדיג אַרומגעכאַפּט די לאַגע און ער האָט זי באַהערשט מיט אַ זיכערער אונפעהלערהאַפטער טאַקטיק.

ער האָט געוואָלט צוערשט און פריהער פון אַלץ די אַרביי־טער דערהויבען און אויסנוצען פּאָליטיש, איידער ער וועט זיך געה־מען סאָציאַל זיי צו דערהויבען און צו פאַרזיכערן.

7.

די גרינדונג פון דעם „אלגעמיינעם דייטשען ארבייטער פאַרבאַנד"

אום ריכטיג צו אורטיילען וועגען דער באוועגונג, וואָס לאַסאַל האָט געשאַפען, דארפען מיר ניט צרויסלאָזען פון אויג די פּאָליטישע אומשטענדען, אונטער וועלכע זי האָט זיך אָנגעהויבען און וועלכע קומען אונז פאַר אזוי אומענדליך ווייט פון אונז, ווייל זייט דאַמאלס האָט דייטשלאַנד דורכגעמאכט פיעל גרעסערע פּאָליטישע איבערקעהרעניש'ען, ווי אין דעם גאנצען האלבען יאָהרהונדערט פאַר דעם. די רעגירונג האָט זיך דאַמאלס געשטיצט אויף דער פארטיי פון דער „קרייץ-צייטונג". די דאַמאלסדיגע פּראָגרעסיווע פארטיי, וועלכע האָט שפּעטער געגעבען די הויפּט-אנהענגערשאַפט פאַר דער איצטיגער נאַציאָנאַל-ליבעראַלער פּארטיי, איז ערשט אין 1861 ארויסגעטראָטען אויף דער פּאָליטישער סצענע און האָט, הייסט עס, סך הכל א יאָהר צייט אָנגעפיהרט איהר קאַמף — אויפ'ן ערשטען בליק אַן אומזיסטער קאַמף — געגען די מאַכטהאָבער. דער קאַמף איז אָנגעגאנגען ביז'ן יאָהר 1866, און האָט דאַן ערשט אָנגעהויבען צו געבען פּרוכט, ווען די רעגירונג האָט איינגעזעהן, אַז יעדע מעגליכקייט צו ענדיגען דעם קאַמף דורך באַקומען די געגנער איז אויסגעשלאָסען און זי האָט געפונען אַן אויסוועג אין א רייהע אויסערע מלחמות און האָט דערמיט טיילווייז דורכגעפיהרט דאָס פּראָגראַם פון דער פארטיי, וואָס איז פון איהר אזוי ביטער באַקעמפט געוואָרען — דאָס פּראָגראַם פון א פאַראייניגטער דייטשלאַנד. די גאנצע אַלטע דייטשע דעמאָקראַטישע פון 1848 האָט אָדער פארלאָזען די סצענע אָדער מיט געבראָכענעם מוט זיך אָנגעשלאָסען אַן דער פּראָגרעסיווער פארטיי. לאַסאַל'ן מיט זיין אונגעדולדיגען גייסט איז מיט יעדען טאָג קלערער געוואָרען, וויפיעל עס פעהלט דער פארטיי אין פּאָליטישער פעהיגקייט און ענערגיע. אין אָנהויב 1862 האָט לאַסאַל קענטיג נאָך געהאט א שוואַכע האָפנונג, אַז די אָפּאָזיציע וועט ענדערן איהר טאַקטיק און וועט מיט מאַכט דורכזעצען איהר ווילען (זיין רעדע: „און וואָס איצט?") און ווען די האָפנונג איז צושטערט געוואָרן, איז ער שוין געווען געצוואונגען צו ווענדען זיין בליק אין אַן אנדער זייט.

זיין „אָפענער ענטפער צום ארבייטער קאָמיטעט פון לייפציג" האָט ארויסגערופען, ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרען, די גרינדונג פון „אלגעמיינעם דייטשען ארבייטער־פעראיין", מיט אלגעמיינעם דירעקטען וואהל־רעכט, אלס הויפט־פאָדערונג; לאסאַל'ן איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען דאָס פּרעזידיום. ער האָט ניט געהאַט קיין באזונדערן חשק אָנצונעמען דעם אמט, ווייל די אויסזיכט באַלד אריינצוקריגען די מאכט, מיט וועלכער עס זאָל זיך לאָזען אויפטאָן עפּעס ערנסטעס, איז געווען זעהר קליין. ווי ער אַליין שרייבט אין אַ בריעף: „פּאָליטיק מיינט אויגענבליקליכער ממשות'דיגער אויפטהו. אַלעם אַנדערע לאָזט זיך דערגרייכען מיט דער הילף פון דער וויסענשאַפט"*). אָבער ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדען פון דער גרעפין האטצפעלד און ער האָט גענומען אויף זיך די שווערע איבער־אנשטרענגענדע אויפגאַבע צו גרינדען און צו אָרגאַניזירען און אָנצופיהרען אַ גרויסען ארבייטער פעראיין, האָבענדיג געגען זיך די פאַרביסענע געגנערשאַפט פון די הערשענדע קלאַסען, וועלכע האָבען ניט בראַקירט מיט קיין מיטעל וואָס האָט זיך געמאַכט אונטער דער האנד.

דער פּאָליטישער צוועק פון לאסאַל'ס אַגיטאַציע קען אויסגעדריקט ווערן אין עטליכע ווערטער: לאסאַל, ווי מארקס, איז ארויסגעגאַנגען פון דעם גרונד־געדאַנק, אַז די געשיכטע פון אַלע געזעלשאַפטען ביז אַהער איז געווען אַ געשיכטע פון קלאַסען־קאַמף. שוין אין זיין בוך: „דער איטאַליענישער קריעג" האָט ער באוויען, וואָס פאַר אַן אונזין עס איז צו דענקען, אַז די פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1789 איז כלומרשט געווען אַ ריין פּאָליטישע רעוואָלוציע. דאָס איז געווען אַ סאָציאַל רעוואָלוציע, וואָס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די אַלטע פעאָדאַלע אָרדנונג איז געשטירצט געוואָרען פון דער מאָדערנער בורזשואַזער אָרדנונג. און אום צו פאַרניכטען די נייע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, האָט די פעאָדאַלע אייראָפּא זיך פאַראייניגט אין אַ בונד געגען פראַנקרייך; און אום

---

*) ב. בעקער, „אויפדעקונגען איבער דעם טראַגישען פאַל פון פערדינאנד לאסאַל", 28. אז די בריעף, וואס דער נידריגער פאַמפלעט ברוינגט, זיינען עכט, קען ניט באַשטריטען ווערען, וואָס דאָס שליסט אָבער ניט אויס אז ביי אַזאַ איבערשרייבען פון גע'גנב'עטע בריעף זאָלען איינצעלנע פונקטען געפעלשט ווערען.

צו פארטיידיגען און פארזיכערן די נייע געזעלשאפטליכע אָרדנונג האָט די רעוואָלוציע אונטער נאפּאָלעאָנען זיך אָפּגעזאָגט פון איהרע פּאָליטישע פאָרמען און זיך פארוואנדעלט אין א מיליטערישע דיקטאטור. די פראנצויזישע בורזשואזיע האט אונטער נאפּאָלעאָנען געקעמפט פאר די לענדער פון 12 מיליארד ווערט, וואָס זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן ביי די עמיגרירטע אריסטאָקראטען, פאר דער אָבשאפונג פון מאָנאָפּאָלען, פאר דער פרייהייט פון קאָנקורענץ. פאר דער פראנצויזישער בורזשואזיע האָט זיך דאמאלס געהאנדעלט אָט וועגען וואָס: צו מאכען א סוף צו די פעאָדאלע מעטאָדען אין פּראָדוקציאָן — סיי אין אינדוסטריע און סיי אין אגריקולטור — און צו עפענען א פרייען פעלד פאר'ן קאפּיטאל. „פאר דעם צוועק האָט די בורזשואזיע געהאט גענוג פייער און ענערגיע”. פארקערט, מיינט לאסאל, פּאָליטישע פרייהייט אליין קען קיינמאָל ניט באגייסטערן די בורזשואזיע אויף אזוי וויט זי זאָל ברייננען קרבנות דערפאר: די בורזשואזיע האלט עס ניט פאר וויכטיג גענוג אום עס זאָל ווערט זיין קרבנות. *)

דערפון נעהמט זיך לאסאל'ס אידעע אונטערצושפּארען די פּאָליטישע פרייהייט מיט א קלאסען - און סאָציאלען אינטערעס, און אלס דעם איינציג פּאסיגען פאר דעם צוועק האָט לאסאל זיך אויסגעקליבען דעם אינטערעס פון די אונבאמיטעלטע קלאסען, וואָס זיינען מעכטיג מיט זייערע צאָהלען. די עראָבערונג פון אלגעמיינעם וואהלרעכט האָט ער ערקלערט פאר א „מאָגען-פראגע” פאר די ארבייטער. בלויז אין די ארבייטענדע מאסען האָט ער געזעהן א גענוג אימפּאָנירענדע מאכט, וואָס קען זיך פארמעסטען מיט דער קלוגער, מיט אלע געוואלד-מיטלען באוואפענטער פּאָליטישער רעאקציע. „גיט מיר 500 דייטשע ארבייטער — רופט ער אוים מיט זיכערקייט — און זאָלען זיי אריינטרעטען אין מיין פאראיין — און עס וועט נעמען א סוף צו אונזער רעאקציע”.

וואָס מעהר מיט שטעלען זיך אין זיין לאגע, אלץ שטארקער מוזען מיר איהם באוואונדערן. שולצע-דעליטש איז יעמאָלט געווען דער העלד פון טאג; מען האָט איהם געהויבען אין הימעל

*) לאסאל, „דער איטאליענישער קריעג”, ז. 54 — „ארבייטער לעזעבוך, ז. 63—65.

אריין, מען האָט איהם פארגעטערט, נאָך איהם זיינען געגאַנגען אַלע וואָס האָבען זיך געהאַלטען פאר ליבעראַלען. זיין „זעלבסטהילף" איז אנערקענט געווען אַלס די איינציגע לייזונג. און פון דער רגע, ווי לאַסאַל איז ארויסגעטראָטען געגען דעליטשען, האָט מען זיך אויף איהם ארויפגעוואָרפען מיט שפאָט און חוזק; יעדער טאָג האָט געבראַכט דעם בעל־חוצפה אַ נייע פּאָרציע האַס און פאַראַכטונג. ביי די „פרייזיניגע" איז פאררעכענט געווען פאר איינעם פון די עיקרים פון זייער אמונה, אַז לאַסאַל דיענט דער רעאַקציע — „אונבאַוואוסטזיניג", פלעגען צוגעבען די קאַלטבלוטיגע; „באַוואוסטזיניג" — האָבען זיך געהיצט די צורייצטע. און אונטער דעם איינפלוס פון די ליבעראַלע פיהרער, האָט אַ באַדייטענד'ער טייל פון די ארבייטער גענומען קוקען אויף לאַסאַל'ען, ווי אויף אַ באַהאַלטענעם רעאַקציאָנער. די מעהר ווייטזיכטיגע האָבען געזעהן אין איהם אַ סאָציאַליסט, אַ מאַן, וואָס איז געפעהרליך פאר דער געזעלשאַפט, און וועלכער מוז דארום באַהאַנדעלט ווערן ווי אַ פארברעכער. און פון דער אנדער זייט האָבען די טעאָרעטיקער פון סאָציאַליזם — ראָדבערטוס, מאַרקס און ענגעלס — ניט געגלאָזט הערען קיין וואָרט פון זיך, וואָס דאָס האָט אַנדערש ניט געקענט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ טאַדעל און האָט אונפארמיידליך געוועקט אַ חשד צו לאַסאַל'ען.

אין אַט דער פון אויבען־אויף פארצווייפעלטער לאַגע האָט לאַסאַל ארויסגעוויזען די גאַנצע גרויסקייט פון זיין גייסט. ער האָט ניט געקענט איינגעהן אויף ראָדבערטוס'עס פאָרשלאָג — אויפצואָפּפערן מיט דעם פּאָליטישען עלעמענט פון דער באַוועגונג און זיך באַנוגענען מיט אַגיטאַציע פאר בלויז סאָציאַלע רעפאָרמען, ווייל דאָס וואָלט פארפיהרט צו אַ ריין טעאָרעטישען פּלפּול. ווען ער שטעלט זיך אויף דעם וועג, וואָלט ער ווייט ניט אַוועק. פונקט אַזוי וועניג האָט ער געקענט פאָלגען מאַרקס'עס ביישפּיעל — רופען צו רעוואָלוציע, צו „שטירצען מיט געוואַלט אַלע ביז איצט באַקאַנטע געזעלשאַפטליכע אָרדנונגען", צו ערקלערען פאר דעם הויפּטציעל פון דיזער באַוועגונג די אבשאַפונג פון פּריוואַט אייגענטום; ער האָט עס ניט געקענט טאָן, ווען ער האָט ניט געוואָלט ענדיגען זיינע יאָהרען אין געפענגניס אָדער אין

לאנדאָן וואוהין מארקס האָט עמיגרירט. לאסאל איז ארויסגעטראָטען מיט אַ טיעפּער קענטניס פון מענשען. ער האָט גוט געוואוסט, ווי שטאַרק די מאָנארכיע איז אין פּרייסען און ווי ווייניג רוקען־ביין די בורזשואזיע האָט און ווי ווייניג באוואוסטזיין דער ארבייטער־קלאַס.

דער לאָזונג פון די בורזשואזיע „פרייהייט" האָט די ארבייטער ניט אָנגערירט. זיי האָבען זיך ערשט אַ כאַפּ געטאָן, ווען גלייכהייט איז פּראָקלאַמירט געוואָרען — גלייכהייט, וואָס איהר ערשטע פאָדערונג איז אַלגעמיינע דירעקטע וואהלרעכט. אָבער עס איז ניט גענוג געווען אויפצואוועקען דעם ארבייטער־שטאנד; מען האָט געדארפט אין איהם שטאַרקען דעם עהרען־געפיהל, זיין זעלבסטווירדע. דאָס האָט לאסאל געזוכט צו דערגרייכען מיט זיין פּאמפלעט. „די וויסענשאַפט און די ארבייטער", וואו ער האָט די ארבייטער אויפגעוויזען, אַז די העכסטע קולטור, דער העכסטער וויסענשאַפטליכער אמת פון זייער צייט זיינען אין בונד מיט זיי. ווייטער האָט מען געדארפט איינפלאנצען אין זיי דעם גלויבען אין זיעג. האָט ער זיי געגעבען אַ רעכענונג וועגען דער צאָהל פארמעגליכע און אונפארמעגליכע, אום עס זאָל זיי קלאָר ווערן, וואָס פאַר אַן אונבאַדייטענדע מינאָריטעט זייערע פּריווילעגירטע געגנער זיינען. און אום צו געווינען אויף זיין זייט אפילו די סאמע גלייכגילטיגע, האָט ער געבראַכט פאַר זיי די אָפיציעלע סטאטיסטיק וועגען דער שטערבליכקייט פון קינדער אין ארבייטער־פאמיליען, אַפּעלירענדיג צו זייערע פאטערליכע געפיהלען און צו זייער מענשען־ליעבע, ווען די ליעבע צו פרייהייט האָט ניט געקענט באַצווינגען זייערע הערצער.*)

און דורך דער גאנצער אגיטאַציע קיין איין העצערישע, קיין איין אונגעזעצליכע פראַזע! אַלע מאָל איין און דערזעלבער קלאָר ארויסגערעדטער ציעל — די פארבעסערונג פון דער לאַגע פון ארבייטער־קלאַס.

ער האָט געוואָלט ווייזען גבורה, ער האָט געוואָלט סטראשען, איהם האָט אפילו ניט געשראָקען די געפאַהר, וואָס קען קומען דורך אויפרייצען די רייהע כוחות געגען דער געזעלשאַפט; אָבער

*) ס. א. שראַם, „ראדבערטוס, מאַרקס, לאַסאַל", ז. 70.

גלייכצייטיג האָט ער אויך געוואָלט — ווי ער האָט עס אויך געטאָן — דיסציפּלינירען און אָרגאַניזירען די מאַסען, לאָזענדיג זיי זיך דורכדרינגען מיט גרויסע אידעען. „פון וואנען נעמט זיך —פרעגט לאַסאַל אין איינער פון זיינע פּאַרטיידיגונגס־רעדעס („די וויסענשאַפט און די אַרבייטער, ז. 24) — די פּאָליטישע מורא פון דער בורזשואזיע פאַר'ן פאָלק?" און ער ענטפערט: „פון די ערינערונגען וועגען דעם פריהלינג פון 1846, ווען די פּאָליציי־מאַכט איז געבראָכען געוואָרען און די פאָלקס מחנות האָבען אָנגעפילט אַלע געגאַסען און עפענטליכע פּלעצער, אונטער דער אויסשליסליכער אַנפיהרערשאַפט פון אַ קאַרבע, אַ לינדענמילער און עהנליכע נאַרישע אַגיטאַטאָרס, מענשען אָהן וויסען, אָהן בילדונג, אָהן פאַרשטענדניס, וועלכע זיינען אַרויפגעטראָגען געוואָרען אויף דער אויבערפלעך דורך דעם שטורם, וואָס האָט אויפגערודערט דאָס פּאָליטישע לעבען ביז זיינע טיעפעניששען". דאַמאָלס איז די בורזשואזיע אין הוילע ציטערניש פאַרקראָכען אין די ווינקלען.

„וואו איז דאַמאָלס געווען — פרעגט לאַסאַל — די אינטעליגענץ פון בערלין, די מענער פון וויסענשאַפט און געדאַנק? זיי זיינען קיין פיינדלינגע ניט געווען — ענטפערט ער — נאָר זיי האָבען צו זיך אַזוי געזאָגט: „דאָס פאָלק פאַרשטעהט ניט אונזערע געדאַנקען און אונזער שפּראַך. די טריבונע געהערט דאַרום דעם סאַמע אומוויסענדסטען."

„זייט איהר, מיינע הערען, — רופט אויס לאַסאַל, — שוין אַזוי זיכער, אַז אַ פּאָליטישע אויפטרייסלונג וועט מעהר ניט קומען? שוין־זשע ווילט איהר, אַז אייער לעבען, אייער פאַרמעגען זאָלען ווידער ליגען אין די הענד פון עפּעס אַ קאַרבע אָדער לינדענמילער? און ווען ניט, דאַנקט־זשע די מענער, וואָס גיבען אַוועק זייער מיה אויף אויסצופילען דעם תהום צווישען וויסענשאַפטליכען געדאַנק און דער וויסענשאַפטליכער שפּראַך אין דעם געדאַנק און שפּראַך פון פאָלק; דאַנקט־זשע די מענער, וואָס מיט דער גרעסטער אַנשטרענגונג פון זייער גייסט טוען זיי אַן אַרבייט, וואָס איהרע רעזולטאַטען וועלען צוניץ קומען אייך אַלעמען און יעדען פון אייך באַזונדער; האַלט אויס די מענער אויף קהל'שע

קעסט אין פריטאנעאום, און זעצט זיי ניט אויף דער באשולדי־גונגס באנק !"

די באוועגונג וואס לאסאל האט ארויסגערופען, האט גאר־נישט געהאט אין זיך, וואס זאל זיין אין דירעקטען ווידערשפרוך מיט דעם מאנארכיסטישען פרינציפ פון פרייסען. אפילו אין זיין פריהער יוגענד, ווען ער האט זיך אפען פאר'ן געריכט ער־קלערט, אלס אן „אנהענגער פון א סאציאל־דעמאקראטישער רע־פובליק", האט ער דאך געפונען אין זיך גענוג זעלבסט־קאנטראל און פארשטענדניס, אום אויף דעם ענטשיעדענסטען אופן אפצוהאל־טען די ארבייטער פון יעדען פארזוך צו מאכען א שטאאטס־אי־בערקערעניש. אין זיין ערשטע רעדע פאר די געשווארענע זאגט ער :

„איך האב זיך געווענדעט צו די ארבייטער און זיי פאר־שווארען ניט איבערצוגעבען זיך דעם געדאנק, אז זיי קענען זיך באנוצען מיט דער געלעגענהייט צו פראקלאמירען א רעפובליק. אזא האנדלונג וואלט געווען פאררAט צו דער אלגעמיינער זאך און וואלט ארייגעווארפען שטרייט אין די רייהען פון די בירגער, וועל־כע דארפען דאך איצט אלע, ווי איין מאן, זיך איינשטעלען פאר דעם באליידיגטען געזעץ".

און ווען ער האט געוועדט אזא שפראך אין יאהר 1848, איז דאך זעלבסטפארשטענדליך, אז אין 1863 איז ער נאך ווייטער געווען פון דעם געדאנק ארויסצוטרעטען אלס רעפובליקאנער.

פארקערט, מיט זיין העכסט פראקטישען גייסט, האט ער ניט נאר ניט געפלאנעוועט צו שטירצען די הערשענדע מאכט, נאר ער האט נאך געוואלט דורכקומען מיט איהר אויף א קאמפראמיס און וואו מעגליך זיך שטיצען אויף איהר ; מיט איין ווארט, ער האט זיך גערעכענט מיט אלע געגעבענע אומשטענדען און ער האט פעסט געהאט באשלאסען ביי זיך צו שאפען זיך אזוי וועניג שונאים, ווי מעגליך.

אין דעם פונקט איז דא א שארפער אונטערשיעד צווישען לאסאל'ן און קארל מארקס. מארקס מיט זיין כאראקטער איז אזוי ווייט פון לאסאל'ען, ווי א שווערער, פארביסענער גייסט איז ווייט פון בויגיגען, שפראך־געלויפיגען גייסט ; מיט זיין וועלט־

אַנשויאונג איז ער געשטאַנען צו לאַסאַל'ען, ווי א כלל צום פוס.*) מארקס האָט אין אייך די גאנצע וועלט, לאסאל — נאָר דייטש־לאַנד; אייגענטליך, נאָר פּרייסען, דער אונטערשיעד צווי־שען זייערע לעהרען איז א קנאַפּער. די מעטאָדען אָבער זיינען אנדערש. מארקס איז אינטערנאַציאָנאַל, לאַסאַל נאַציאָנאַל. מאַרקס האַלט, אז די סאָציאַלע גלייכבארעכטיגונג וועט נאָר מעגליך זיין דורכצופיהרען אין סאָציאַל־דעמאָקראַטישער רעפּובליק, וואו פאַר רעליגיאָן וועט קיין פּלאַץ ניט זיין, און זיין אידעאַל איז געווען א פעדעראַציע פון אייראָפּעאישע רעפּובליקען. לאסאל, וועלכער איז געווען מעהר רעאַליסט און פּראַקטיקער, האָט איינגעזעהן, אז די נאַציאָנען איבער אייראָפּא שטעהן נאָך אייזען־פעסט, אז די נאַציאָנאַלע אידעען באַזיצען נאָך א ריזיגע קראַפט און אז די רעליגיאָנען וועלען נאָך לאַנג האָבען אַן איינפלוס, מיט וועלכען מען וועט זיך מוזען רעכענען, און ער האָט געהאַלטען, אז שוין איצט, אונטער די עקזיסטירענדע פּאָליטישע פאַרהעלטניסען, לאָזט זיך נענען דעם ערשטען שטוים צו דעם איבערבוי פון די געזעל־שאַפטליכע פאַרהעלטניסען. ער האָט פאַרלאַנגט, ווי ער האָט זיך אָפט אויסגעדריקט, אז דער שטאַאַט זאָל צו איהם אויסשטרע־קען נאָר דעם „קליינעם פינגערל". צולעצט, האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז אין דאַמאַלסדיגען ערשטען מיניסטער ביסמארק'ן האָט ער געפונען דעם מאַן, וועלכער איז בכוח צו נעמען אויף זיך די דורכפיהרונג פון דער אויפגאַבע.

ביז א געוויסען גראַד איז, נאָך זיין מיינונג, בארעכטיגט גע־ווען די באַשולדיגונג, וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן געגען לאַ־סאַל'ן אין סאַמע אָנפאַנג פון זיין אגיטאַציע, אַז צייטענווייז טראָגט פון זיינע ווערטער א בייגעשמאַק פון דעמאַגאָגיע, ד. ה., פון אונ־פאַראַנטוואָרטליכקייט. אין זיין „ארבייטער פּראָגראַם" חנפ'עט ער דעם ארבייטער־שטאַנד און ווארפט אין פנים אריין די אויבער־שטע קלאַסען באַשולדיגונגען, וואָס לאָזען זיך בשום אופן ניט ענט־שולדיגען אין דער אַלגעמיינער פאָרם, ווי ער דערלאַנגט זיי. ער מעג אַזוי שטארק, ווי ער קען, באַווייזען, אז דער יורידישער באַ־

*) רודאָלף מייער, „די געפעהרליכע אַנטוויקלונג פון סאָציאַליזם און די לעהרע פון לאַסאַל".

שולדיגונגס־אקט נעגען איהם איז פול נארישקייטען און מיספאר־שטענדניסען, אָבער די מאָראלישע באשולדיגונג בלייבט. ווארים שולדיג איז דער, וועלכער דערצעהלט די ארבייטער, אז די הער־שענדע קלאסען זיינען צוליעב זייערע אייגענע אינטערעסען גע־צוואונגען „טאָג־טעגליך זיך אנטקעגענצושטעלען אלץ, וואָס איז גרויס און שעהן; צו טרויערן, וואָס דאָס גרויסע און שעהנע קריגט די אויבערהאנד און צו פרעהען זיך, ווען עס כאפט א מפלה, א. ז. וו.*) ווארים, ווי אמת דאָס זאָל ניט זיין אין באצוג צו פיעלע איינצעלנע פערזאָנען, אָבער עס דיענט נאָר צו וועקען דעם האס און די ליידענשאפט פון דער בלינדער מאסע, ווען דאָס ווערט איהר צוגעטראָגען אלס באוויזענער פאקט נעגען גאנצע קלאסען בירגער, וואָס גאָר פיעלע פון זיי האָבען אין פארלויף פון דער געשיכטע באוויזען, אז זיי זיינען בכוח זיך אויפצוהויבען איבער זייערע אייגענע קלאסען־אינטערעסען. עס ניצט אויך וועניג, ווען לאסאל, אום צו באשטעטיגען זיין באהויפטונג וועגען דער אונפארמיידליכער אונמאראלימעט פון די פריווילעגירטע קלאסען, בארופט זיך אויף נאך שטארקערע אויסדרוקען אין עוואנ־געליום; דען דאָס עוואנגעליום איז אזוי וועניג אויטאָריטעט פאר איהם, ווי פאר אונז, און די אונגערייזכטע שטעלונג פון עוואנגעליום מאכט ניט גערעכט לאסאל׳ען.

לאסאל איז אויך ניט פריי פון פארוואָרף, אז ער האָט אינ־דירעקט אפעלירט צו דער ברוטאלער מאכט פון די מאסען, וויל ער האָט קיינמאָל א וואָרט ניט פארלאָרען וועגען דעם, אז די דאָ־זיגע מאכט פון פויסט שטעלט זיך ארויס פאר א זעהר נידריגען סאָרט יעדעס מאָל, ווען עס שטויסט זיך אָן אויף א גייסטיגער אויפגאבע. (ער האָט גיכער גיוואָלט זיינע געגנער איינשרע־קען, ווי אויף אן אמת׳ן לוין צו לאָזען אָט די ברוטאלע מאכט. אָבער פארענטפערן איהם אין גאנצען לאָזט זיך דאָ ניט. וואָס פאר א מהלך עס איז צווישען לאסאל׳ס שטעלונג צום המון און דער שטעלונג פון אזא סאָציאליסט, ווי סטוארט מיל, וועלכער איז געווען די ריינקייט און די איידעלקייט אליין! אָט די שטע־לונג זיינע איז דאָס איינציגע, וואָס איך האַלט פאר אומווירדיג

*) „ארבייטער־פראָגראם״, ז. 25.

פאר לאסאל'ען און מיט וואס איך קען בשום אופן ניט שלום מא־בען. *)

אלס געוויסע ענטשולדיגונג פאר לאסאל'ען קען דיענען דער גרונד־געדאנק זיינער, אז קיין זאך איז ניט אזוי נאהענט צו עכ־טער אינטעליגענץ, ווי דער געזונדער פארשטאנד פון די ברייטע מאסען, און אויב דער כלל, וואס די ערפאהרונג האט איהם גע־לערנט, אז קיין קרייז איז ניט אזוי עמפינדליך פאר ארגאניזאציע, ווי דיזעלבע ברייטע מאסען. דערצו קומט נאך, וואס פון סאמע אנפאנג זיינען די טוער פון פראנצויזישען קאנווענט זיינען פאר לאסאל'ען געווארען זיין פאליטישער אידעאל, און מאכט האט געוואונען אין זיינע אויגען אלץ מעהר און מעהר באדייטונג.

לאסאל'ס פארהאלטען זיך צו דער מאכט האט צוערשט אונ־באמערקט, דערנאך אבער אלץ קענטיגער און קענטיגער גענומען ענדערן דעם כאראקטער פון זיין אגיטאציע. אנגעהויבען האט זי זיך אין א ריין־דעמאקראטישער פארם, אבער דער ווילדער, פארביסענער ריין פערזענליכער קאמף, וואס די גאנצע בורזשואזע פרעסע האט גלייך געעפענט געגען לאסאל'ען, האט באלד געגע־בען צו פארשטעהן דער רעאקציאנערער פארטיי, אז אויף דער פאליטישער סצענע האט זיך באוויזען א נייע קראפט, וועלבע עס לוינט זיך צו קריגען פאר א שותפ'טע. לויט דעם אלטען היס־טארישען און פאליטישען געזעץ, פיהלען די עקסטרעמע פאר־טייען א געגענזייטיגע צוציהונג ; און עס האט זיך ארויסגעווי־זען, אז די גאנצע רעאקציאנערע פרעסע (לאסאל האט זי זיית דעם גענומען רופען די קאנסערוואטיווע פרעסע), האט זיך גע־שטעלט אויף זיין זייט. דאן האבען די ליבעראלען, ווי מיר האט־בען שוין פריהער דערמאנט, געזוכט זיך אפצורעכענען מיט לא־סאל'ען דערמיט, וואס זיי האבען אין איין קול גענומען שרייען, אז לאסאל איז א דיענער און א ווערקצייג פון דער רעאקציע. אווי־סען זיינען זיי געוועזן צו דערווייטערן פון איהם די ארבייטער, אבער זיי האבען א גאנץ קנאפען ערפאלג געהאט. גערעד צו יע־נער צייט האט לאסאל זיך פערזענליך באקענט מיט ביסמארק'ן.

---

*) די ארומגערינגעלטע שטעלע געפינט זיך נאר אין די ערשטע דייטשע אויסגאבען פון ביאשעס'עס ווערק איבער לאסאל'ען.—איבערזעצער.

די געלעגענהייט פאַר זיין ערשטען וויזיט צום מיניסטער־פּרעזי־דענט, ווי עס ווערט דערצעהלט, האָט געגעבען זיין טעלעגראַמע צו ביסמארק'ען — זי איז אָבגעדרוקט צום סוף פון לאַסאַל'ס רהייני־שער רעדע („די פייערנוגען, א. ז. וו.") — אין וועלכען לאַסאַל פאָדערט פון ביסמארק'ען פארגיטיגונג געגען די געוואַלטאַטען פון די זשאַנדאַרען געגען איהם. די פאָרם פון דער טעלעגראַמע ווייזט אָבער, נאָר מיין מיינונג, אַז די באַקאַנטשאַפט איז שוין פון פריי־הער געשלאָסען געווען. לאַסאַל האָט געפונען ביסמארק'ס טיש באַדעקט מיט זיינע בראָשורען, און אין ערשטען מיניסטער גופא האָט ער ענטדעקט א מענשען, וועלכער איז גייסטיג זעהר פאַר־וואַנדט צו איהם און אויף וועלכען ער, לאַסאַל, האָט געמאַכט א טיעף סימפּאַטישען איינדרוק. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט די פּראָקוראָרען צו שליידערן אין לאַסאַל'ען איין אנקלאַגע נאָך דער אַנדערער.

צו דערזעלבער צייט, ווען לאַסאַל איז געקומען אין באַריה־רונג מיט ביסמארק'ען, האָט ער אויך באַקומען אַן אנדער סאָרט שטיצע, וואָס ער, אויס פּראַקטישע טעמים, האָט ניט געפונען פאַר מעגליך צוריקצואווייזען, אָבער דער אופן, ווי ער האָט זי אויסגע־ניצט, האָט ניט אָהן גרונד געשעדיגט איהם אין די אויגען פון די עהרליכע פריידענקער. ער האָט אָנגענומען די האַנד, וואָס די קאַטוילישע גייסטליכע האָבען איהם אויסגעשטרעקט. זיכער, האָט ער עס געטאָן ניט גערן. שפּיעלהאַגען האָט אָהן ספק אָפּ־געטראָפען לאַסאַל'ס שטימונג, ווען ער לאָזט זיין העלד לעאָ (לאַ־סאַל) צום סוף פון זיין קאַריערע, מיט אינערליכען פּראָטעסט און מיט קוים אונטערדריקטען עקעל, מאַכען יד אחת מיט דעם „הויך־עהרווירדיגען" געהיימראַט אורבאַן. (דאָך, א פלעק וואָס לאָזט זיך אָפּלעשען, האָט זיך צוגעקלעפּט צו לאַסאַל'ס שילד *) די קאַטוי־לישע גייסטליכע, וועלכע קיינער קען ניט באַשולדיגען אין טעמפּ־קייט און וועלכע האַנדלען תמיד אויסגערעכענט און פאָלגען נאָך מיט א שאַרפען בליק די געשעהעניסען פון דער צייט, האָבען גלייך אריינגעזעהן, אַז זיי קענען געווינען פּאָפּולאַריטעט ביים עולם און

*) די אַרומגערינגעלטע שטעלע איז אַרויסגעפאַלען פון די שפּעטערע אויסגאַבען. — איבערזעצער.

א נוץ פאר זיך, ווען זיי וועלען געבען לאַסאַל'ען דעם כבוד וואָס איהם קומט און וועלען ווייזען, אז זיי שטיצען זיין ארבייט לטובת דעם אָרימען פאָלק.

(דאָס איז ניט געווען קיין צופאַל. דאָס קען דיענען פאַר א בייזע אָנצוהערעניש אויף דער צוקונפט. עס שיינט — דער גע־דאנק בעט זיך פון זיך אליין ארויף — אז דאָס אלגעמיינע וואהל־רעכט וועט אין מעהר אָדער וועניגער נאָהענטער צוקונפט פיהרען צו דער ברייטסטער דעמאָקראַטיע. און דאָ איז די געפאהר, אז די לעצטע ענטשיידענדע ראָלע אין פּאָליטישע ענינים וועט געהערען צו דער גרויסער מעהרהייט פון די אונגעבילדעטע, צו די פויערים גיכער ווי צו די אינדוסטריעלע ארבייטער. און אונטער די קול־טור פארהעלטניסען פון דער געגענוואַרט אין דער נאָהענטער צו־קונפט אין דרום־דייטשלאנד, פראַנקרייך און אנדערע דרום־אייראָ־פּעאישע לענדער מיינט עס די הערשאפט פון רעליגיעזען פאַ־נאַטיזם, דעם האַרדעוואַנעק פון די קאַטוילישע גלחים. בעת דער סאָציאַל־פּאָליטישער אגיטאַטאָר רעדט צום פּראָסטען מענשען נאָר וועגען זיינע רעכטען, רעדט דער גלח צו איהם נאָר וועגען זיינע פליכטען, און ניט די רעכטען, נאָר די פליכטען פון יחיד זיינען דער שטאָף, וואָס וועט נאָך אויף לאַנג פאראייניגען און פארבינ־דען די מאַסע. *)

דער בישאָף פון מאינץ, דער שפּעטער אזוי באוואוסט־געוואָ־רענער פאָן קעטעלער, איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך אָפען ערקלערט פאַר לאַסאַלען. לאַסאַל האָט זיך שטאַרק דער־פרעהט מיט זיין נייעם פארבינדעטען. נאכדעם, ווי ער האָט אין זיין ראַנסדאָרפער רעדע אין זיין געוועהנליכען איבערטריבע־נעם טאָן געלאָזט וויסען זיינע צוהערער, אַז „די גלענצענדסטע פאַרטרעטער פון דער דייטשער זויסענשאַפט, די באַריהמטעסטע נעמען, פאַר וועלכע עם בויגען זייערע קעפּ מיט רעספּעקט אפילו די רעגירונגס פּראָקוראָרען און ריכטער", האָבען איהם שריפט־ליך און מינדליך אויסגעדריקט זייער העכסטע אנערקענונג און באגייסטערונג פאַר זיין בוך „באסטיא־שולצע", נעהט ער ווייטער:

---

*) די אָרומגערינגעלטע שטעלע איז אָרויסגעלאָזען פון די שפּעט־ערדיגע אויסגאַבען. — איבערזעצער.

„און איצט וועל איך אייך ברייננען א באווייז, וואָס וועט איבערשטייגען אַלע פריהעריגע. איך וועל אייך אָנרופען א נאָמען, וואָס ווערט דערמאָנט אין יעדען רהייניש<ע>ן געריכט ניט נאָר מיט רעספּעקט, נאָר אויך מיט טיעפער עהרפורכט. ניט לאנג צוריק האָט קיין אנדערער, ווי דער דיענער און פירסט פון דער קירך, דער בישאָפ פון מאינץ, באראָן פאָן קעטעלער, געהאָרכענדיג דעם קול פון זיין געוויסען, דערפיהלט א באדערפניש ארויסצוזאָגען זיך אין דער ארבייטער־פראגע. דאָס איז א מאַן, וועלכער האָט אויפ'ן רהיין א שם כמעט פון א הייליגען, א מאַן, וועלכער האָט יאָהרענלאנג פארבראכט אין וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען. ער האָט פּאַרעפענטליכט א ווערק אונטער דעם טיטעל „די ארבייטער־פראגע און דאָס קריסטענטום", און דאָ האָט ער פונקט פאַר פונקט זיך אונטערגעשריבען אונטער אַלע מיינע עקאָנאָמישע פּרינציפּען און טעאָריען, אויף צו להכעיס די אזוי־גערופענע פראָגרעסיסטען".

עס איז אָהן ספק עטוואס מאָדנע צו הערען פון לאסאַל'ען אָט דעם שטייגענדען לויב־געזאנג — פון רעספּעקט פאר די מענער פון וויסענשאַפט ביז צו טיעפער עהרפורכט פאר דעם כיטרען גלח אין פירסטליכען מאַנטעל. עס איז אויך קוים ווירדיג געוועזען פאר לאסאַל'ען צו שפּיעלען אויף דעם נאַאיווען גלויבען פון אונוויסענדען המון, וועלכער האָט געהאלטען פאַר א הייליגען דעם גוט־באַצאָהלטען בישאָפ, דעם קינפטיגען פּארטיידיגער פון סילאבוס (די השגחה פון דער קירך איבער דער עלעמענטארער בילדונג) אין דעם גייסטיגען פאטער פון די אבסקוראנטיסטען (פינסטערלינגע). עס העלפט אויך וועניג, וואָס ער פארענטפערט זיך מיט דער פראַזע: „איהר ווייסט דאָך, מיינע פריינד, אז איך געהער ניט צו די פרומע". עס איז קלאָר, אז ער איז אריין אין א בונד, וואָס איז איהם אליין געווען אונגעווינשט. לאסאל האָט אָבער פארשטאנען, אז אין זיין לאגע וואָלט ער געהאנדעלט העכסט ניט אויסגערעכענט, ווען ער זאָל אָבשטויסען פון זיך אזא מעכטיגען שותף, וועלכער האָט איהם פריוויליג אָנגעבאָטען זיין שטיצע. דערצו נאָך, האָט לאסאל שוין געהאט דערגרייכט יענעם העכסטען שטאפּעל פון אויפרעגונג און פּאַרביטערטקייט, וואָס איז דער גורל אפילו פון די גרעסטע און ריינסטע רעפאָרמאטאָרס, ווען זיי געהן געבראָ־

כען און פארלירען זייער מאָראלישען גלייכגעוויכט צוליעב ווידער־שטאַנד און אונערפאָלג. רענאַנס שילדערונג פון דער ענטוויקלונג פון יעזוס'עס כאראקטער מעג זיך זיין היסטאָריש זעהר ניט פאַר־טרויענסווערט, דאָך באַהאַלט זי נאָך אַלץ איהר ווערט אַלס א גייסטרייכע און צוטרעפענדע שילדערונג פון די איבערלעבונגען פון איינעם, וואָס איז ארויסגעטראָטען אין שטרייט פאַר אַן אידעע און וויל זי ברייגגען צו זיעג געגען איבערמעכטיגע כוחות, וואָס שטעלען זיך געגען איהם. „דער משיח פון 19טען יאהרהונדערט", ווי היינע האָט מיט פאַטעטישער געוואַגטקייט אַנגערופען לאַסאַל'ען, האָט געטיילט דעם מזל פון אַלע משיחים. דאָס זיינען שוין גע־וועזען די אָנזאָגער פון זיין נאָהענטען פאַל.

אָבער קורץ פאַר זיין אונטערגאַנג איז לאַסאַלען באַשערט געוועזען איבערצולעבען אַ טריאומף — א טריאומף, ווי ער האָט עס שטענדיג גע'חלום'ט — א שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטען, דער ענטוזיאַזם פון טויזענדער; אויף א מאָמענט האָט ער פאַר־זוכט דעם תענוג פון מאַכט. אַלס אַגיטאַטאָר האָט ער גלייך ארויסגעוויזען א וואונדערבאַרע פעהיגקייט צוצוציהען צו זיך די מאַסען. איבערגעבענהייט, ענטציקונג, בלינדער געהאָרכזאַם ביז צו פאַרגעטערונג — אַזעלכע געפיהלען האָבען די אַרבייטער צו איהם ארויסגעוויזען. און דאָס איז נאָך מערקווירדיגער, וואָס לאַ־סאַל ביז דאַמאַלס האָט ניט אויפגעהאַלטען קיין שטענדיגע פאַר־בינדונגען מיט פאָרשטעהער פון אַרבייטער־קלאַס. אגב, איין באַנאַבטער אַרבייטער, מיט'ן נאָמען קיכניאַווי, האָט שוין אין דיי־סעלדאָרף געוואונען זיין צוטרויען און מיט איהם האָט לאַסאַל אונטערגעהאַלטען אינטימע פריינדשאַפט ביז'ן סאַמע טויט. אָבער איצט האָט דער ענטוזיאַזם פאַר לאַסאַל'ען זיך צופלאַקערט, ווי א פייערווערק. מיר האָבען שוין דערצעהלט, ווי אַזוי אין פראַנקפורט האָט לאַסאַל, גלייך א צווייטער נאַפּאָלעאָן, אריבער־געוואונען אויף זיין זייט דעם חיל, וואָס זיינע געגנער האָבען גע־גען איהם אַרויסגעשטעלט. זיין רייזע איבער דעם רהיינישען פּראָווינץ איז ניט געווען אַזוי אַן אַגיטאַציאָנס־טור, ווי א גראַנ־דיעזע אינספּעקציע, פאָהרענדיג פון שטאָדט צו שטאָדט, האָט לאַ־סאַל מושטירט זיין נאַכפאָלגערשאַפט. אין עלבערפעלד האָט ער געהאַלטען א רעדע פאַר 3000 צוהערער; אין זאָלינגען האָט ער

שוין געריכט פאר 5000 אין א פארמאכטען זאַל, און ווען די פאר־זאַמלונג איז עפּעס אונטער אן אויסרייד אָפּגעבראָכען געוואָרען פון די זשאנדארען, וועלכע האָבען איהם ארומגערינגעלט און ארעס־טירט, איז ער אין באגלייטונג פון 10 טויזענד ארבייטער, אונטער דונערנדע הורא־געשרייען אוועק פון פארזאמלונגס־לאָקאַל צו דער טעלעגראפען־סטאנציע, פון וואנען ער האָט אָפּגעשיקט די אויבען־דערמאָנטע דעפּעשע צו ביסמארק׳ען וועגען דער פּאַסירונג.

אָט דער ארעסט, וואָס האָט זיך פארוואנדעלט אין א טריאומ־פאַלע פּראָצעסיע, איז פון א טייל פון דער ליבעראַלער רהייני־שער פּרעסע בייזוויליג און נאריש פאַרגעשטעלט געוואָרען אזוי, אז די זשאנדארען האָבען כלומרשט באגלייט לאסאַלען צוליעב זיין פערזענליכער זיכערהייט, „ווייל זיי איז אויסגעקומען מיט אויסגעשטרעקטע באיאָנעטען צו באשיצען איהם פון די דראָהונ־גען פון אויפגערעגטען המון". זעלבסטפארשטענדליך, האָט אזא ליגען פארפעהלט צו מאכען דעם מינדסטען איינדרוק אויף די טויזענדער, וואָס זיינען געוועזען עדות צו דער פּאַסירונג. עס האָט נאָך מעהר אָנגעפייערט זייער טרייהייט מיט דעם צאָרן פון ענ־טריסטונג, וואָס דאָס איז אלע מאָל דער לוין און די פארגיטיגונג פון די יעניגע, וועלכע ווערן אטאַקירט מיט אזעלכע וואפען.

אָבער די אַלע אָוואציעס פון לאסאַל׳ס ערשטער טריאומף־רייזע זיינען פארבלייכט געוואָרען נעגען די גרויסארטיגע פּאראַ־דען וואָס זיינען פאר איהם געמאכט ביי זיין צווייטער רייזע אי־בער דער רהיינישער פּראָווינץ, אין פריהלינג פון 1864, ווען ער האָט צום ערשטען און צום לעצטען מאָל מיטגעפייערט דעם יאהר־פעסט פון דער גרינדונג פון „אלגעמיינעם דייטשען ארבייטער־פאראיין". דער יום־טוב איז אויך ניט פארשטערט געוואָרען צו־ליעב דעם, וואָס מען האָט כמעט אומעטום געפונען די פריהער־געדונגענע לאָקאלען פארשלאָסען, ווייל די פּאָליציי האָט מיט פארשיעדענע מיטלען און סטראשונקעס, וואָס זיינען גאָר ניט געמיינט געוועזען אויף צו פליסענס, געצוואונגען די אייגענטימער צו ברעכען זייער וואָרט. וואָרים באלד פלעגען זיך געפינען אנ־דערע לאָקאלען, און אומעטום האָבען זיך איבערגע׳חזר׳ט דיזעל־ביגע סצענעס. הונדערטער ארבייטער פלעגען איהם באגעגנען אויף די וואקזאלען, באגריסען אויף די סטאנציעס און פלעגען

איהם באַגלייטען אין אַ פּראָצעסיע צו זיין קוואַרטיר, וואָס איז שוין פון פריהער באַפּוצט געוועזן מיט בוקעטען און קרענץ, און פלעגען איהם אַנטקעגען טראָגען עהרען־מתנות. אין אַלע שטעדט, אויף אַלע וועגען, סערענאַדעס, טריאומף־טויערן, גירלאַנדעס, אויפשריפטען, אונענדליכע הורא־אויסרופען און אַ יובעל־געשריי פון טויזענדע קולות. וואו ער האָט זיך נאָר באַוויזען האָבען אַלט און יונג זיך געשטופּט צו זיין עקיפּאַזש, אום איהם די האַנד צו דריקען, אָדער אַ וואָרט פון איהם צו הערען, און יעדעס מאָל האָבען פרישע בלומען און בוקעטען און נייע פאָהנען באַדעקט זיין עקיפּאַזש, נאָך וועלכען עס פלעגט זיך אָפט ציהען אַ לאַנגע שורה פון 25 דעקאָרירטע עקיפּאַזשען אַלס עהרען־באַגלייטונג, און דאָס איז נאָך מערקווירדיגער דערפאַר וואָס ראַנסדאָרף און די דערבייאיגע זאַלינגען האָבען געהערט צו יעניגע וועניגע דיסטריקטען פון רהיינישען ראַיאָן, וואָס האָבען פריהער און אויך שפּעטער, געשיקט אַלס פאָרטרעטער קיין רייכסטאַג די מיטגלידער פון דער דאַמאַלסדיגער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי. אום צו געבען נאָך אַ גענויערען באַגריף וועגען דער שטימונג, וואָס האָט באַהערשט די רהיינישע אַרבייטער־מאַסע, וועל איך ברייגגען אַן אויסצוג פון אַ צייטונגס ־ קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איז דאַטירט ראַנסדאָרף, דעם 23טען מאַי:

„ווי נאָר די פּראָצעסיע פון עקיפּאַזשען האָט זיך דערנעהנטערט צום גרענעץ פון ראַנסדאָרף, האָט מען פון דערווייטענס געקענט באַמערקען, ווי אַלט און יונג זיינען געשטאַנען אויף די קעפּ. דער גאַנצער באַרג איז געדיכט באַדעקט געוועזן מיט מענשען. אויפ'ן גרענעץ איז איבער'ן וועג אַריבערגעוואָרפען געוועזן אַ גירלאַנדע, מיט אַ קראַנץ אין מיטען, מיט דער איינגעפלאָכטענער איינשריפט:

וויל קאָמען דעם דר. פערדינאַנד לאַסאַל
פיעל טויזענד מאָל אים ראַנסדאָרפער טהאַל!

מיט אַזעלכע גירלאַנדעס און קרענץ און איינשריפטען איז דער גאַנצער וועג אויסגעפּוצט געוועזן. ביים סאַמע גרענעץ איז דעם פּרעזידענט'ס עקיפּאַזש, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט פון די איבריגע מיט זיינע באַפּוצונגען און פּלאַקאַט: זייט איינינ! — פּלוצלינג אָפּגעשטעלט געוואָרען פון אַ רעגען פון בלומען. דאָס

איז געווען אַ גוט־געצילעוועטער, לוסטיגער קבלת פנים פון אַרבייטער ־ מיידלאך. דאָ זיינען געשטאַנען אין געדיכטע רייהען די אַרבייטער פון זאָלינגען און ווערמעסקירק, וועלכע זיינען געקומען באַגעגנען דעם פּרעזידענט אום אָנצושליסען זיך אָן דער פּראָצעסיע. דער ענטוזיאַזם לאָזט זיך קוים באַשרייבען. די באַגריסונגען און יובעל־געשרייען האָבען ניט אויפגעהערט ביז סאַמע ראָנסדאָרף. און דאָרט, וואו דער שאָסעע פאַרקירעוועט זיך באַרג אַראָפּ, האָט זיך פאַר די אויגען געעפענט אַ מערקווירדיג בילד: די מאַסע, וואָס האָט זיך אַרויסגעשאָטען אַנטקעגען דעם פּרעזידענט, האָט זיך אויסגעדרעהט צוריק און ניט וועלענדיג אָבשטעהן פון עקיפּאַזש, וואָס האָט זיך געטראָגען באַרג אַראָפּ, האָט זי זיך געלאָזען אין גאַלאָפּ — ווער מיט זייטיגע סטעזשקעס און ווער מיט׳ן שאָסעע.

מיר זיינען געוועהנט צו לעזען אַזעלכע באַריכטען וועגען די רייזען פון געקרוינטע פּערזענליכקייטען, אָדער העכערע רעגירונגסבאַמטע, ווען די שטימונג פון פּובליקום ווערט אונטערגעוואַרמט און אונטערגעהיצט פון פאַרשידענע געמישטע מאָטיווען: אונטערטעניגע געטריישאַפט, די האָפנונג אויף באַלוינונג, די מורא פאַר שטראָף, דאָס פלייסען זיך באַמערקט צו ווערן; אָבער אַזאַ ניט געקינצעלטען פרייען אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט און ענטוזיאַזם, ווי עס איז אויבען באַשריבען איז זעלטען צו זעהן ביי די קאַלטבלוטיגע צפון־פעלקער. אגב, דערפון וואָס די סאָציאַל דעמאָקראַטיע האָט לאַנג זיך ניט געקענט באַפעסטיגען אין יענעם ראַיאָן, איז קלאָר, אַז דער ענטוזיאַזם איז פּונקט אַזוי גיך פאַרשוואונדען, ווי ער איז געקומען.

און די רעדע, וואָס לאַסאַל האָט געהאַלטען, אונטער רוישענדע אַפּלאָדיסמענטען, צום אַנדענקען פון דעם גרינדונגס־טאָג פון אַרבייטער־פאַראיין, איז געווען אין טאָן פון דער פרעהליכער שטימונג אַרום איהם. דאָס איז געווען אַן אויספיהרליכער, שטאָלצער איבערבליק איבער די דערגרייכטע רעזולטאַטען, איבער דער שנעלער פאַרשפּרייטונג פון פאַראיין, איבער דער פריינדליכער אויפנאַהמע, וואָס דער אַרבייטער־קלאַס האָט געגעבען דעם פאַראיין אין אַלע דייטשע שטעדט און דיסטריקטען, פון די קלענסטע ביז די גרעסטע, און נאַכדעם ווי לאַסאַל, ווי מיר האָבען שוין דערמאָנט,

האט זיך נאך בארופען אויף די גינסטיגע מיינונגען פון די גרעסטע געלעהרטע און עהרווירדיגען בישאפפ, האט ער מיט באזונדערער באטאנונג מיטגעטיילט, אז דערזעלבער קעניג פריעדריך דער פערטער, וועלכער האט אין 1844 געלאזט שטעכען מיט באיאנעטען די שלעזוויגער וועבער, האט ניט לאנג צוריק גנעדיג אויפגענומען א דעפוטאציע פון שלעזוויג און איהר דירעקט פארשפראכען, אז ער וועט שענקען אויפמערקזאמקייט דער עלענדער לאגע פון די ארבייטער אין די טוך־פאבריקען, און לאסאל האט געגעבען פולען אויסדרוק צו זיינע געפיהלען אין פאלגענדען אויסגעשריי :

„די ארבייטער, דאס פאלק, די געלעהרטע, די בישאפען און דעם קעניג האבען מיר געצוואונגען עדות צו זאגען פאר דער גערעכטיגקייט פון אונזערע פרינציפען”.

אין דעם מאמענט, ווען לאסאל האט ארויסגערעדט די ווערטער, האט ער דערגרייכט דעם העכסטען שטאפעל פון זיין לעבען און איינפלוס. זיינע ווערטער זיינען געוועזען אמת, און דער אמת איז געוועזען זיין מאכט.

„אומעטום, וואו איך בין נאר געקומען, — האב איך פון די ארבייטער געהערט ווערטער, וואס קענען צונויפגענומען ווערן אין דעם פאלגענדען זאץ : „מיר דארפען צונויפשמעלצען אונזערע אלעמענס ווילענס אין איין ריזיגען האמער, און דעם האמער איבערגעבען צו איין מענשען, צו וועמעס אינטעליגענץ, כאראקטער און גוטען ווילען מיר פארהאלטען זיך מיט דעם נויטיגען צוטרויען, אום ער זאל קענען מיט דעם האמער דערלאנגען די ריכטיגע קלעפ”.

און דורך דיקטאטור פון גייסט האט ער איצט געהאלטען דעם האמער אין זיינע הענד ; ער איז געוועזען גליקליך, פיהלענדיג זיין משא, ווי דער גאט טהאר, ווען נאך לאנגע מאטערנישען האט ער ווידער דערפיהלט אין זיינע הענד דעם פארלארענעם „מיאלניר”. ווי יענער גאט האט ער אריינגעגראבען דעם לאנג־געווינשטען וואפען, אהן וועלכען ער איז ניט געוועזען אין גאנצען ער. פאר אן אויגענבליק האט ער, פול פרייד, מיט איהם א פאכע געטאן, ווי ער וואלט שוין אנגעקומען צו זיין ציעל, און אין זיינע געדאנקען איז ער געווים דורכגעלאפען די אלע מאדנע וואנדלונגען פון זיין שטורמדיגען לעבען, א לעבען פון וועלכען צוויי גאנצע יאהר האט ער פארבראכט אין געפענגנים און איבער וועלכען עס זיינען איצט

מיט אמאל געהאנגען פינף נייע קרימינאל־פראצעסען, א לעבען א געמיש פון פייער און שטורם, אבער דאך דורכגעדרונגען מיט אונזיכטבארער הארמאניע, אין וועלכער עס איז צונויפגעגאסען גע־ווען דאס ציטערן פון שטראמען פאלבויגען מיט די טענער פון דער לירע — און זיין הארץ איז אנגעקוואלען מיט ענטציקונג פון די ענטוזיאסטישע געשרייען פון דאנקבארען, אנגעפייערטען המון. אבער אט ענדערט זיך דאס בילד פאר זיינע אויגען; עס וואק־סען און נעמען אן ריזיגע פארמען, די אלע זארגען, וואס ער האט באהאלטען פון זיינע צוהערער, די דראהענדע געפאהרען, די אונ־געלונגענע פארזוכען, די אבגעלאזענקייט, די גלייכגילטיגקייט, די שנאה, די קנאה, די ברוטאליטעט, די געוואלט, מיט וועלכע ער האט צו קעמפען. דאס איז געווען די לינקע זייט׳ פון מעדאל.

מיט א טאג פריהער האט ער געהאט באקומען די ידיעה, אז ער איז ווידער פאראורטיילט געווארען אונטער די אויגען צו פינף חדשים געפענגניש, (ער האט פארפעהלט צו קומען אין צייט צום געריכט), און ער האט געוואוסט אז די ריכטער פון די רהייגישע געריכטען זיינען כמעט אלע מיטגלידער פון דער פראגרעסיווער פארטיי. ווייטער האט ער געוואוסט, אז די לאגע פון „ארבייטער־פאראיין” איז גאר ניט אזוי גלענצענד, ווי ער האט עס געפונען פאר נויטיג צו שילדערן פאר זיינע הייסע אנהענגער און ווי עס האט זיך איהם אליין פארגעשטעלט אין אפטימיסטישע מאמענ־טען. דער פאראיין האט פארצעהרט זיינע כחות און זיין גאנץ היבשען פארמעגען, וואס איז איהם געבליבען נאך׳ן פאטער, און האט דאך ניט געמאכט יענעם פראגרעס, וואס לאסאל האט ער־ווארט. ביטער באקלאגט זיך לאסאל אין זיינע בריעף, ווי אנ־דערש וואלט געקענט זיין, „ווען דער ארבייטער־קלאס וואלט גע־טאן זיין פליכט”; ער האט אויך גוט געוואוסט, אז זיינע פיינד זיינען פיעל ענערגישער פון זיינע פריינד. וואס איז דער וואונ־דער, וואס דער געדאנק פון טויט און אונטערגאנג איז פלוצלינג גע־בארען געווארען אין זיין נשמה אין אט דעם מאמענט פון זיגיגער באגייסטערונג! זיין לעצטע רעדע צו זיינע אנהענגער האט ער פארענדיגט מיט די ווערטער:

„איך האב בייצוקומען די צוויי לעצטע פאראורטיילונגען, ווי פיעל אנדערע. אבער ווי שטארק איינער זאל ניט זיין, מוז ער

אָבער פאַרלאָרען געהן, ווען ער שטויסט זיך אָן אויף אַן ערביטער־רונג פון אַ געוויסען גראַד. אָבער דאָס קימערט מיך ווייניג. ווי איהר קענט זיך פאָרשטעלען, האָב איך ניט אויפגעהויבען די פאָהן, ניט וויסענדיג קלאָר אין פאָראויס, אַז מיר פּערזענליך איז מעגליך באַשערט אומצוקומען אונטער איהר. (שטאַרקע אַלגעמיינע באַ־וועגונג צווישען די פּאַרזאַמעלטע). די געפיהלען, וואָס באַהער־שען מיך ביי דעם געדאַנק, אַז איך פּערזענליך קען אָפּגעוואָרפען ווערען אָן אַ זייט, קענען אַם בעסטען אויסגעדריקט ווערן מיט די ווערטער פון רוימישען פּאָעט:

Exoriare aliqui's nostris ex ossibus ultor!

דאָס הייסט: ווען איך וועל אומקומען, זאָל אַ גואל און אַ יורש אויפשטעהן פון מיינע ביינער!

זאָל די מעכטיגע נאַציאָנאַלע באַוועגונג ניט פאַרלאָרען געהן מיט מיין פּערזאָן, נור זאָל דער פייער, וואָס איך האָב אָנגעצונדען, פאַרכאַפּען אַלץ ווייטערע און ווייטערע שטרעקען, ביז כאָטש איי־נער פון אייך וועט נאָך אָטעמען. זאָגט עס מיר צו און הויבט אויף צום צייכען אייערע רעכטע הענד!"

מען וואָלט געקענט מיינען, אַז לאַסאַל, אַרויסרעדענדיג די ווערטער, האָט שוין געהאַט אַ דייטליכע אהנונג, אַז אין דריי חדשים אַרום וועט ער זיך פאַרוואַנדלען אין אַ בר מנן. מיט אַ וואָך פאַר דעם האָט ער אין דיסעלדאָרף אין ביורא פון פאַראיין געזאָגט צו זיינע מיטגליעדער: „איבער אַ יאָהר וועט איהר דראַפּירען דעם זאָל אין טרויער". אפשר האָט ער פאָראויסגע־זעהן, אַז ווען אַפילו די „נאַציאָנאַלע באַוועגונג" וועט ניט שטאַר־בען צוזאַמען מיט איהם, וועט זי אָבער שטאַרבען אַלס נאַציאָנאַלע און מאָנאַרכיסטישע באַוועגונג, אַז דער אינטערנאַציאָנאַליזם און רעפּובליקאַנישער סאָציאַליזם וועט פאַרשלינגען די באַוועגונג וואָס איז פון איהם געשאַפען געוואָרן, און אַז אַן אינטערנאַציאָנאַלער פאַרבאַנד וועט איינגלידערן דעם פאַראיין, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען פון זיינע אנהענגער און זיין שולע.

נאָך אַ פּאָר מאָל איז לאַסאַל'ען אויסגעקומען מיט אַ געבראָ־כענעם געזונד אַרויסצוטרעטען עפענטליך אויף דעם פּראָצעס, וואָס איז געמאַכט געוואָרען געגען איהם אין דיסעלדאָרף. אומזיסט האָט ער, וועלכער האָט שוין צושמעטערט „ווי גלאָז" אַזוי פיעל

באַשולדיגונגס אַקטען, אָנגעווענדעט זיין גאַנצע מיה אום אויסצו־קעמפפען זיך פרייהייט. דער געריכט אין ערשטער אינסטאַנץ האָט איהם פאַר׳משפט צו 6 חדשים געפענגנים. ער איז אריינגעפאַלען אין א טיעפער מרה שחורה. ווען פּאָול לינדוי, דער יונגער רע־דאַקטאָר פון דער „דיסעלדאָרפער צייטונג", וועלכער האָט איהם געטאָן די געפעליגקייט און אָבגעדרוקט דעם פולען טעקסט פון זיין פארטיידיגונגס־רעדע, האָט ביים געזעגנען זיך מיט איהם, צו איהם אויסגעשריען: „צום ווידערזעהן, הערר לאַסאַל!" — האָט דער לעצטער זיך אָפּגערופען: „ווער וויים?" און ווען לינדוי האָט א פארוואונדערהטער איהם אָנגעקוקט, האָט לאַסאַל צו־געגעבען: „איך קען ניט ערלויבען מיך איינשפּאַרען אויף א יאָהר אָדער אפילו אויף א האַלב יאָהר. איך וועל עס ניט אויסהאַלטען. בעסער וועל איך אין גלות געהן. מיינע נערווען זיינען אין גאַנ־צען צופאַהרען".

מיעד, פיזיש און גייסטיג, איז ער אין יוני אָפּגעפאָהרען אין זיין געוועהנליכען באַד־אָרט — ריגי — קאַלטבאַד. און דאָ, וואו ער האָט געזוכט אויפצוריכטען זיין צובראָכענעם געזונד, אין שוים פון א מאַיעסטעטישער נאַטור, אָבער ווי געוועהנליך פארוואָרפען מיט ארבייט איבער׳ן קאָפּ, איז פּלוצלינג איהם אנטקעגענגעקומען דער שיקזאַל מיט א טויט־אורטייל פאר איהם.

8.

לאסאל'ס באקאנטשאפט מיט העלענא פאָן דעניגעס

מיר האָבען שוין געזעהן, אז לאסאל האָט געפיהלט, אז זיין גאַנ־צע ארבייט איז אומזיסט. גרעפין האטצפעלד האָט צו איהם גע־שריבען: „שוין זשע קענט איהר פאר א צייט זיך ניט צופרידענ־שטעלען מיט וויסענשאפט, פריינדשאפט און שעהנער נאטור?" דארויף האָט לאסאל געענטפערט פון ריגי דעם 28טען יולי:

„איהר מיינט, אז איך קען זיך ניט באגעהן אָהן פּאָליטיק, אך, ווי וועניג איהר קענט מיך! איך וואָלט קיין זאַך אזוי היים ניט געוואונשען, ווי לויז צו ווערן אין גאנצען פון פּאָליטיק, אום צו קענען זיך אָבגעבען מיט וויסענשאפט, פריינדשאפט און נאטור. איך בין שוין מיעד און זאט פון דער פּאָליטיק. פארשטעהט זיך, מיין ליידענשאפט צו פּאָליטיק וואָלט ווידער אויפגעפלאמט אין מיר, ווען עס זאָל קומען צו ערנסטע געשעהעניסען — אָדער ווען איך זאָל האָבען די מאכט, אָדער די מיטעל זי צו ערגאָבערן — אזעלכע מיטעל, וואָס זאָלען זיך פאר מיר פּאַסען; וואָרים אָהן דער העכ־סטער מאכט לאָזט זיך גאָרנישט טאָן. פאר קינדערשפּיעל אָבער בין איך שוין צו אַלט און גרויס. דערפאר האב איך אזוי אונגערן אָנגענומען די פּרעזידענטשאפט. איך האב נאר נאכגעגעבען אייער באשטעהן אויף דעם. דערפאר דריקט זי מיך איצט אזוי שווער. ווען איך זאָל לויז ווערן פון דעם אַמט, וואָלט איך דעמזעלבען מאָ־מענט באשלאָסען צו פּאָהרען מיט אייך קיין נעאפּעל. אָבער ווי ווערט מען לויז?" (ב. בעקער, „אויפדעקונגען", זייט 28).

ניט די שפּראַך האָט מען געדארפט ערווארטען צו הערען פון איהם צוויי חדשים נאָך דער ראנסדארפער רעדע. דאָס איז די שפּראַך פון מיעדקייט און איבעראנשטרענגונג. — מיט אַ פּאָר טעג פאר דעם בריעף (דעם 25טען יולי) האָט לאסאל אין ריגי געהאט דעם באזוך פון אַ יונגער דאמע, וועלכער עס איז באשערט געווען צו ברייגנען די קאטאסטראָפע אין זיין לעבען. אַט די קאטאסטראָפע, וואָס די נידריגע סקאנדאל־זוכער האָבען ברייט אויסגענוצט, זאָל דאָ נאָר געשילדערט ווערן, אויף וויפיעל זי באלייכט און ווערט באַ־לויכטען פון לאסאל'ס כאראקטער.

פריילין העלענא פאָן דעניגעס איז געווען די טאָכטער פון אַן אנגעזעהענעם בייערישען דיפּלאָמאַט. איהר פאָטער, אַן איינפלוסרייכער געהיימראַט ביים הויף פון קעניג מאַקסימיליאַן, האָט אין אָנהויב פון די 60ער יאָהרען צוזאַמענגעצויגען קיין מינכען אַ קרייז פון באַריהמטע נאַטור־פאָרשער, יוריסטען, היסטאָריקער און פּאָעטען (צווישען זיי אַזעלכע פּערזאָנען ווי ליביך, בלונטשלי, זיבעל, גייבעל, הייזע און דינגעלשטעדט) און האָט געהאַט אַ שם אין בייערן אַלס געפעהרליכער שונא פון דער קאַטוילישער קירך. איהר מוטער איז געווען אַ שעהנהייט, פון אידישער אָפּשטאַמונג, וועלכע אום צו קענען הייראַטען מיט איהר פאָטער האָט אָנגענו־מען דעם פּראָטעסטאַנטישען גלויבען. איהרע עלטערן האָבען גע־פיהרט אַ לעבען אויף'ן ברייטען פוס, דעם צעשטרייטען לעבען פון וועלט־מענשען. די' טאָכטער איז זיך געוואַקסען אויף איהר איי־גענעם באַראַט, אונטער דער השגחה פון אַ טרייער דיענסט ; אַ לוסטיגע, געבאַלעוועטע, מיט פריהצייטיגע געפיהלען און אַ פריה־צייטיגען שכל, אָהן אַ שטרענגען אויג אויף זיך, האָט זי שוין אַלס קינד געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קליינער וועלט - דאַמע. צו צוועלף יאָהר איז זי שוין געווען פיזיש ענטוויקעלט פאַר אַ נייני־צעהניעהריגער. זי איז געוואָרען אַן אויסערגעוועהנליכע פּאַרשוין, פון בלענד־אויפרייצענדער שעהנקייט, מיט אַ פּרעכטיגער ראַהם פון גאָלדיג־רויטע האָר — איינע פון יענע פּאַרשוינען וואָס אין יעדער געזעלשאַפט זאַמלען זיי ארום זיך די מאַנסבילען, ווייל זיי מאַכען גאָר קיין סוד ניט דערפון, אַז זייער הויפּט־אינטערעס זיינען מאַנס־בילען. איהר אַמביציע איז געווען צו ווערן די דרייסטעסטע ריי־טערין, די אַם מעהרסטען געגאַרטע קעניגין פון די בעלער ; דאָך האָט אין איהר נשמה געבליהט אַן איינגעבאָרענער ענטוזיאַזם פאַר קונסט און קינסטלער, פאַר גרויסע מענער, פאַר וואַגענדע העלדען. ווען זי איז אין ווינטער 1861 געקומען מיט אַ וויזיט קיין בערלין, האָט זי זיך געוואָרפען אין די אויגען מיט איהר נאַטירליכקייט און פרישקייט, מיט די אויפברויזענדע מאַניערען און האַלטונג, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די דרום דייטשען און איבער־הויפּט פאַר די דרום־ איינוואָהנער ; זי' האָט פאַראייניגט אין זיך די ברייטקייט צו באַפעהלען און צו געפעלען — די אַלע אנגענעהמע קאַפּריזען פון אַ צולאָזענער פּרינצעסין. נאָך פאַר דעם איז איהר

נאָמען אָפּט דערמאָהנט געוואָרן אין פארבינדונג מיט פארשידענע ליעבעס־אפערען. דאָס איז געוועזן א פיעל בארעדטע יונגע דאַמע, צו וועלכער מען האָט זיך פארהאַלטען לויט איהר רעפּוטאַציע.

זי האָט זיך ארומגעדרעהט אין דיזעלבע קרייזען פון דער בערלינער געזעלשאַפט, וואָס לאַסאַל, און האָט דאָ פון דעם און דאָ יענעם זיך אָנגעהערט ערצעהלונגען וועגען לאַסאַל'ען, און אפילו די גרעסטע איבערקלייבער האָבען זיך אָפּגערופען וועגען איהם מיט דער גרעסטער באוואונדערונג. איינמאָל האָט א זעהר וויציגער הערר, מיט וועלכען זי האָט זיך צום ערשטען מאָל באגעגענט, נאָך א קורצען געשפּרעך מיט איהר, צו איהר א זאָג געטאָן: „דער איינציגער וועלכער פּאַסט אייך פאר א מאַן איז לאַסאַל“.*)

און האָט האָבען זיי זיך באקענט ביי געמיינשאַפטליכע באקאַנטע און האָבען זיך גלייך פארליעבט איינס אין אנדערן. אמת, יעדער פון זיי איז דאַמאָלס פארנומען געוועזן מיט זיין א י י ג ע נ ע ר ליעבעס־געשיכטע, וואָס איז אָבער באַלד אָפּגעטראָטען אין הינטער־גרונד: לאַסאַל — מיט אַן עלעגאַנטען ליעבעס־שפּיעל מיט א געוויסער בערלינער דאַמע, און פריילין דעניגעס — מיט די ליעבעס־פארפאָלגונגען פון יונגען וואַלאַכישען באיאר, פירסט יאַנקאָ ראַקאָוויצאַ, מיט וועלכען זי איז שוין כמעט ווי פארלאָבט געוועזן. ביי ביידע אָבער האָבען די נייע ליעבעס אין גיכען פארדרענגט די אַלטע. זיי זיינען ביידע, ווי לאַסאַל האָט זיך אויסגעדריקט — „באַשערטע“.

העלענא'ס ליעבע איז געוועזן יענע ליידענשאַפט, וואָס צווינגט צעבאַלעוועטע פרויען, וועלכע שטעהן העכער פון זייער אַרומיגען קרייז, צו פארגעטערן דעם מאַן, אין וועמעס נאָהענטקייט זיי דערשפּירען צום ערשטען מאָל, אַז זייער ווילען ווערט דערטרונקען אין יענעם פיעל שטאַרקערען ווילען און זייער נשמה גיט זיך אונטער אונטער דער הערשאַפט פון יענעמס העכערער נאַטור, און עס פאר־

---

*) דר. אלדענבערג האָט פאר מיר באשטעטיגט, אַז ער האָט ווירקליך אַרויסגערעדט אָט די פּראָפעטישע פראַזע, וואָס העלענאַ פאָן דעניגעס, אָדער ווי זי האָט זיך גערופען נאָך איהר ערשטען מאַן, פאָן ראַקאָוויצאַ (און שפּעטער פריעדמאַן און צולעצט שעוויטש) גיט איבער כמעט מיט דיזעלבע ווערטער אין איהר אין אַלגעמיין ריכטיג און אויפריכטיג אָנגעשריבענעם ווערק: „מיינע באַציהונגען מיט פערדינאַנד לאַסאַל“, 1879.

כאַפּט זיי דער אָטעם פאַר שרעק און פרייד און דאָס האַרץ געהט אויס נאָך ביינקשאַפט. לאַסאַל'ס געפיהלען צו דער יונגער דאַמע, וועלכע האָט ניט באַהאַלטען, ווי טיעף זי איז פאַראינטערעסירט אין איהם, זיינען געוועזען אפילו פון אַ רוהיגערען, אָבער ווייט ניט קאַלטבלוטיגען כאַראַקטער. זיין יוגענד האָט זיך דערנעהנטערט צום סוף, ער האָט זיך שוין ניט איינמאָל פאַרטראַכט וועגען חתונה האָבען, און אין העלענאַ'ס ווזען איז געוועזען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט איהם אַזוי שטאַרק צוגעצויגען צו זיך, אַז דער געדאַנק וועגען חתונה האָבען איז ביי איהם געבאָרען געוואָרען גלייך ביי דער ערשטער באַגעגניש.

דאָך, דאָס פּאָרל האָט זעלטען געהאַט אַ געלעגענהייט צו זעהן זיך. העלענאַ'ס באָבע, ביי וועלכער זי האָט געלעבט, האָט וועגען לאַסאַל'ען געוואוסט נאָר איינס, אַז ער איז אַ „שרעקליכער דעמאָגאָג, וועלכער איז אַמאָל פאַרמישט געוועזען אין אַ גנבה", און איהר הויז איז פאָלגליך פאַר איהם פאַרשלאָסען געוועזען, און פון דער אַנדער זייט זיינען אויך די איינלאַדונגען פון לאַסאַל'ס באַקאַנטע ניט אָנגענומען געוואָרן. פון דעסטוועגען איז גאָר קיין ספק ניט, אַז די פאַרליעבטע האָבען זיך געזעהן אָפטער, ווי העלענאַ פאָן ראָקאָוויצאַ דערצעהלט עס; איך ווייס עס פון זיכערע קוועלען; אָבער איהר.שווייגען וועגען דעם איז גאַנץ נאַטירליך, און אין יעדען פאַל קיין באַשטימטער אָפּרייד וועגען זייער צוקונפט איז ביי זיי ניט געוועזן.

און אין יענעם יולי אָבענד אויף ריגי קומט זי פּלוצלינג צו לאַסאַל'ן, רייטענדיג אויף אַ פערד, אין אַ גאַנצער קאָמפּאַניע פון דאַמען און קאַוואַלערען. פאַר פרייד, דערזעהענדיג זי אַזאַ שעהנינקע און שיינענדע, באַשליסט גלייך לאַסאַל צו געבען דער זאַך אַ ערנסטע ווענדונג און צו ברייגנען זי צו זיך אַ היים אַלס זיין יונג ווייבעל. האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט, שלאָגט ער איהר פאָר, אום אויסצומיידען אַלע מעגליכע שטערונגען פון דער זייט פון איהרע עלטערן, צו אַנטלויפען מיט איהם גלייך קיין פראַנקרייך און ־אַרט זיך צו פאַרהייראַטען. זי האָט דאַרויף געענטפערט — וואָס איז געוועזן גאַנץ נאַטירליך פון איהר זייט — אַז אין לעצטען פאַל איז זי גרייט אויף דעם אויך, אָבער צוערשט זאָל ער פּראָבירען דעם געוועהנליכען וועג — זיך צו ווענדען צו איהרע עלטערן. לאַסאַל

האָט דאָס איהר פאַרשפּראָכען, און ער האָט גלייך מיטגעטיילט וועגען דעם פּלאַן צו דער גרעפין. אין זיין ענטפער אויף איהר בריעף, וואו זי ראָט איהם אָפּ דערפון, שרייבט ער:

„ווען איהר שרייבט מיר אין בריעף, אַז איך זאָל פריהער גוט באַקלערען די זאַך, ווייל נאָך ניט לאַנג צוריק בין איך נאָך געווען ביז איבער די אויערן פאַרליעבט אין אַן אַנדערע, וועל איך אייך אויף דעם ענטפערן, ערשטענס, אַז „פאַרליעבט איבער די אויערן" קען אויף מיר ניט אַנגעווענדט ווערן, און ווייטער... איז דאָס ווירקליך ניט אַ גרויס גליק, אַז אין עלטער פון ניין־און־דרייסיג מיט אַ האַלב יאָהר, געפין איך אַ פרוי, אַזאַ שעהנע, פרייע, וואַנענדע, אַזוי פאָלשטענדיג צוגעפּאַסט צו מיין כאַראַקטער, און וועלכע ליעבט מיך אַזוי שטאַרק און — וואָס דאָס איז פאַר מיר אַבסאָלוט נויטיג — וועלכע אונטערוואַרפט זיך אין גאַנצען צו מיין ווילען".

דער לעזער זעהט, אַז אין דעם בריעף (פון 2טען אויגוסט) רעדט נאָך לאַסאַל וועגען דער פראַגע (אמת, זיך ווענדענדיג צו דער גרעפין). מיט אַ געוויסער רוהיגקייט און קאַלטבלוטיגקייט. אין דער ווירקליכקייט אָבער איז ער געווען ניט רוהיג און ניט קאַלטבלוטיג. די גאַנצע וואָך פון 25טען יולי אָן האָט ער פאַרבראַכט אין פיבער פון ליעבע און גליק. ער האָט פאַרגעסען פּאָליטיק, אַגיטאַציע מיט אַלע זיינע אויפרעגונגען; ער האָט זיך ווידער פאַרוואַנדעלט אין אַ יונגען מאַן. זיינע באַציהונגען צו העלענאַ'ן האָבען געאָטעמט מיט יוגענד און אונשולד. זי האָט געקענט מיט איהם טאָן, וואָס זי האָט געוואָלט. זי האָט זיך געשפּיעלט מיט איהם, ווי מיט אַ גרויסען הונד. און האָט זי געשריען צו איהם: „קוש", האָט ער זיך געלעגט צו איהרע פיס. ווען זי איז אוועקגעפאָהרען, האָט ער געמאַכט די טעלעגראַפען־סטאַנציע פון ריגי פאַר זיין אַרבייטס־צימער, אום צו האָבען די מעגליכקייט צו קלאַפּען העלענאַ'ן טעלעגראַמען, ווען עס וועט איהם נאָר אַ ציה טאָן ביים האַרצען. דער „טיק־טאַק" פון אינסטרומענט האָט באַרוהיגט זיינע נערוועז. נאָך מעהר: אין דריי טעג שיקט ער איהר זעקס שטורמישע ליעבעס־בריעף — פול ביינקשאַפט און פרייד־געזאַנג. ער פאָהרט איהר נאָך קיין בערן, לייענט איהר פאַר ליעדער, גיט איהר צו לייענען זיינע ביכער, דערצעהלט איהר וועגען זיין לעבען, זיין קאַמף, און אונטער איהרע פראַגען, ענטוויקעלט ער זיינע פּלע־

גער פאַר אַט דער ענטציקטער צוואַנציג יעהריגער פרוי, וועלכע פּנים אל פּנים מיט איהר אידעאַל, איהר צעזאַר, איהר קעניגליכען אדלער, האַט זיך ווידער פאַרוואַנדעלט אין אַ קינד, און פיהלט דער־ביי הימלישען גליק.

לאַסאַל ליעבט, ווי אַ סטודענט, ווי אַ פּאָעט. אין אַ וואונ־דערבאַרער לבנה־נאַכט זעצט ער זיך אויפ׳ן פענסטער פון איהר צימער און לאָזט בלאַנזשענען זיין פאַנטאַזיע אין דער צוקונפט אויף די פליגלען פון די ווילדסטע אינגעלשע חלומות. זי וועט נאָך זוכה זיין צו דעם טאָג, ווען ער וועט אָנטאָן זיין זיעגעס־קרוין אויף איהר קאָפּ. ווי וועט איהר געפעלען אַ פייערליכער אריינפאָהר אין בערלין, אין אַ טריאומפאַלער פראָצעסיע מיט זעקס פערד אין גע־שפּאַן — און שונאים ווי דער זאַמד פון ים, אָבער „מיר פאָהרען איבער זייערע קעפּ“, און דאָס פאָלק, אין התפּעלות, שאַלט אונענד־ליכע „הוראַס“ און „פערדינאַנד, דעם פאָלקס ערוועהלטער!“ (אַ שטאָלצער מיטעל, ניט וואָהר?)—און עס לעבען די רעפּובליק און איהר גאָלדיג־לאָקיגע פּרעזידענטשע!

אָבער זיי קעהרען זיך אום צו דער ווירקליכקייט. זי האָט אליין געהערט פון אַ מענשען, וועלכען מען האַלט פאַר די רעכטע האַנד פון ביסמאַרק׳ן, אַז לאַסאַל איז געוועזען ביי ביסמאַרק׳ן, און דער לעצטער איז „שרעקליך ענטציקט פון איהם“. איז דאָס אמת, איז לאַסאַל טאַקע געוועזען ביי איהם? און ווי שיקט זיך דאָס? ער שווייגט, שפּילענדיג מיט איהר האַנד.

„אַך קינד! דאָס איז דאָך אונערהערט! אַט מיט די קליי־נע פינגערלאַך — דו ווייסט, עס איז דאָך אַן אונזין צו האָבען אַזעלכע קליינע פינגערלאַך — אַט מיט די כאַפּערלאַך פון אַ פּעע גראַבעלט זי ביי מיר ארויס מיינע אינניגסטע סודות. די סודות, וואָס איך באַהאַלט, ווי טייערע עדעלשטיינער, אין די טיעפּסטע קאַמערן פון מיין הארצען... יאַ. אמת. איך בין געוועזען ביי ביס־מאַרק׳ן! דער גרויסער א י י ז ע ר נ ע ר מאַן האָט מיך גע־וואָלט אריינכאַפּען, — און אייזען איז אַזאַ ווערטפאָלער מעטאַל, שטאַרק, פעסט און האַרט, קען געבען און נעהמען קלעפּ! וואָס האָט אייזען ניט אויפגעטאָן אויף דער וועלט! כמעט אַלץ איז פון איהם באַשאַפען און באַפעסטיגט געוואָרן — כמעט אַלץ! כ מ ע ט! אָבער עס איז פאַראַן אַן אַנדער מעטאַל — ווייכער און

בייגינגער — וואָס טויג ניט פאַר העלדישקייטען אויף'ן שלאַכטפעלד, דאָך איז ער מעכטיגער פון מעכטיגען אייזען — גאָלד; דאָס וואָס אייזען צעשטערט, באַשאַפט גאָלד פון דאָס ניי. און עס איז נאָך אַ גרויסע פראַגע, וועלכער פון די צוויי מעטאַלען איז שטאַרקער, ווירקזאַמער, און די ווירקונג דאָס איז דאָך נאָך אַלעמען דער עיקר. אויסער דעם, ווערט אייזען פאַראָסטעט אין לויף פון דער צייט, און פאַראָסטעטען אייזען וואַרפט מען פון קראָם אַרויס. איז אַוועק מיט איהם אויך, אין קראָם פון דער געשיכטע, אין הינדער־קאַמער פון די יאַהרהונדערטע ! ! גאָלד איז מיר טייערער, דאָס גאָלד — מיין ליעבע ! — וואָס באַדעקט דיין קאָפּ און וואָס געהערט איצט מיר, אַ דאַנק דער געהיימניספאָלער קראַפט, וואָס איך באַזיץ, צוצוציהען מענשען און מאַכען זיי פאַר מיינע. אָט וועסטו זעהן, מיין אוצר, אַז מיט אונזער גאָלד וועלען מיר אַלץ דערגרייכען !"

— אָבער דו רעדסט דאָך אַלץ וועגען וואָפען, בלוט און שלאַכט, און רעוואָלוציעס קענען דאָך נאָך אַלעמען ניט געמאַכט ווערן אָהן וואָפען און אייזען ?

„קינד, קינד, דו ווילסט ניט אַנדערש אַלץ זיך דערוויסען אין אָט דער שעהנער לבנה־נאַכט ! רעדען וועגען קאַמף און רופען צום קאַמף איז ווייט ניט דאָסזעלבע, ווי האַקען קעפּ פון אונזערע מיטמענשען מיט קאַלט־שטיינערנע הערצער און פאַרבלוטיגטע הענד, און פאַרשטעהסטו שוין אַזוי גוט, מיין קלוג קעפּעל, וואָס פאַר וואָפען איך מיין ? ביזטו אַזוי זיכער, אַז איך מיין דערמיט ניט דאָס גאָלדענע גייסטיגע געוועהר : דעם כישוף פון וואָרט, די מענשען־ליעבע, וואָס זוכט אויפצוהויבען און אויפצוריכטען די אָרימע, די עלענדע, די אַרבייטער און האָרעפּאַשניקעס, און צורעצט און פריהער פון אַלץ — דער ווילען, דער ווילען ! בלוט און אייזען נאָר אין לעצטען נויטפאַל, ווען זיי וועלען אַנדערש ניט וועלען פאָלגען. אָבער איך גלויב, זיי וועלען קריגען דרך ארץ פאַר אונז, ניט פאַרזוכענדיג דעם טעם פון אונזער שווערט".

און לאַנגע אומאַרמונגען, און קושען, און אַ מורמלען, און אַ געזעגנען זיך.

די וואָך מיט איהרע בלישצענדע האָפנונגען און זיסער בייַנקשאַפט, מיט איהר מורמלען אונטער לבנה־שיין אויף'ן נידריגען פענסטערל — איז געוועןאַ וואָך פון ליעבעס פּאָעזיע, אַ וואָך פון עב־

טען אין זיך לעבען, וואָס ניט די פינדשאַפט פון דער אַרומיגער וועלט און ניט די אויסברוכען פון ליידענשאַפט האָבען געשטערט איהר פרידליכען לויף. אין אַט דער וואָך, פאַרגעסען פון דער וועלט און פאַרזונקען אין זייער ליעבע, האָבען זיי זיך אויפגעהויבען צום העכסטען שטאַפּעל פון פרייד און פריעדען, וואָס איז זיי באַשערט געווען פון שיקזאַל. אָבער עס זיינען אַריבער עטליכע טעג — און דאָס קאַרטען־שטיבעל פון זייער גליק איז צופאַלען געוואָרן.

ווי גוט לאַסאַל האָט ניט געוואוסט — אין דער טעאָריע — אַז די אויבערשטע קלאַסען פון דייטשען פאָלק פאַרהאַסען און פאַראַכטען איהם, האָט ער אָבער קיינמאָל קיין גענויען באַגריף ניט געהאַט, ביז וואָס פאַר אַ גראַד די פאַרביטערטקייט און פאַרביסענקייט געגען איהם דערגרייכט. ער האָט זיך געזעהן אַזוי, ווי ער איז געווען — מיט זיינע גרויסע טאַלאַנטען און מעלות, און מיט חסרונות, וואָס דאַרפען מעהר צוציהען, ווי אָפּשטויסען פון זיך, פאַרגעסענדיג דערביי, וואָס פאַר אַ ווילדע פאָרשטעלונג עס האָט זיך אויסגעאַרבייט וועגען איהם אין דער פּרעסע און ביים פּובליקום, וואָסערע בערג מיט שמוץ זיינע געגנער האָבען צונויפגעשאַרט אַרום זיין נאָמען. ער איז געווען נאַאיוו, און אין זיין נאַאיוועןשטאָלץ האָט ער געגלויבט, אַז איהם וועט געלינגען צו ברייננגען צום שכל איינגעשפּאַרטע עלטערן. עס האַנדעלט זיך דאָך נאָר וועגען דעם צו דערגעהן — „וואָס האָבען זיי צו איהם". ער האָט געגלויבט אין זיין פעהיגקייט צו געווינען מענשען און אין זיין גוטרעכט ; דאָס מיידעל האָט דאָך געגעבען איהר צושטימונג און ער איז דאָך ניט געווען אַבי ווער. אויסער דעם, איז העלענא שוין מינדריג געווען, און אַזאַ הויך־געשטעלטע פערזאָן, ווי איהר פאָטער, וועט דאָך ניט וועלען אַרויסרופען אַן אומזיסטען סקאַנדאַל מיט זיין ענטזאַגונג.

דעם 3טען אויגוסט אין דער פריה איז העלענא געקומען צו פאָהרען צו איהרע עלטערן אין זשענעוו ; דעם זעלבען טאָג אין אָבענד האָט אַהין געדאַרפט אָנקומען לאַסאַל און זיך אָפּשטעלען אין אַ גרויסען האָטעל. זי האָט געפונען איהר פאַמיליע אין אַ צושטאַנד פון פרעהליכער אויפרעגונג : איינע פון איהרע שוועסטער האָט זיך פאַרלאָבט, לויט דעם וואונש פון איהרע עלטערן, מיט

אַ גראַף פון גאָר גרויסען יחוס, האָט זי באַשלאָסען אויסצונוצען די גינסטיגע שטימונג און אַלץ דערצעהלען דער מוטער: און זי האָט איהר מיטגעטיילט וועגען איהר פאַרלאָבונג מיט לאַסאַל'ען.

ווען זי וואָלט מיטגעטיילט, אַז זי האָט געבראַכט מיט זיך אַ שרעקליכען, טויטליכען גיפט און וויל דערמיט פאַר'סם'ען דאָס גאַנצע הויז־געזינד, וואָלט די מוטער ניט אַרויסגעוויזען קיין גרע־סערן גרויל און עקעל. ניט קוקענדיג אויף העלענא'ס געבעט, אײַלט זי אַ וויינענדיגע צום פאָטער און פאַרטרויט איהם דעם סוד. יע־נער איז אַריינגעלאָפען אַ צוקאָכטער, מיט אַ בייזען געשריי:

„וואָס איז דאָס פאַר אַ משוגעת? מיט דעם טויגעניכטס, לאַסאַל?" עס האָבען זיך אַריינגעמישט די פריינד פון הויז, און יעדער האָט געהאַט צו דערצעהלען אַ שוידערליכע סקאַנדאַליעזע געשיכטע וועגען לאַסאַל'ען, וועגען זיין לעבען מיט פרויען, וועגען זיינע באַציהונגען מיט דער גרעפין, וועגען זיין געפעהרליכער טע־טיגקייט אַלס אַגיטאַטאָר. ווער איז ער אַזוינס? אַן אויסגעלאַ־סענער הויפטלינג פון אַ רויבער־באַנדע, וועלכער האָט אין זיין פאַר־גאַנגענהייט אַן אַנקלאַגע אין גנבה! פון די אַנוועזענדע האָט קיי־נער אַזוי גיפטיג ניט גערעדט וועגען לאַסאַל'ען, ווי איינער אַ הערר, וועמען לאַסאַל האָט אַמאָל געהייסען אַרויספיהרען פון אַן עפענטלי־כער פאַרזאַמלונג און וועלכער האָט געשוואָרען אָן איהם זיך נוקם זיין דערפאַר.

דאָס מיידעל בלייבט טריי צום געגעבענעם וואָרט און ער־קלערט, ווי שווער עס איז איהר ניט וועה צו טאָן די עלטערן, האָט זי דאָך פעסט באַשלאָסען חתונה צו האָבען מיט לאַסאַל'ען. דער פאָטער פאַרשטעלט זי און לאָזט זי וויסען, אַז אויב זי וועט ווײַ־טער בלייבען ביי איהר עקשנות, וועט ער איהר פאַרווערען צו זעהן זיך מיט דער מוטער, ברודער און שוועסטער.

אונבאַמערקט אַנטלויפט זי פון הויז און אײַלט צו לאַסאַל'ס האָטעל, וואוהין זי האָט נאָך מיט אַ פּאָר שעה פריהער געשיקט אַ קאַמער־מיידעל מיט אַ וואָרנונג. אָבער לאַסאַל'ס צוג האָט זיך פאַר־שפּעטיגט, ער איז אָקאָרשט אָנגעקומען קיין זשענעוו, ער האָט דעם בריעף נאָך ניט ערהאַלטען, און העלענא שטויסט זיך מיט איהם צונויף ביי דער סאַמע טיר פון האָטעל, ווען ער האַלט אין פאַר־לאָזען דעם עקיפּאַזש. ער אי'ז איבערראַשט פון איהר פאַרצווייפ־

לונג און צוטומעלטקייט, ער עפּענט פאַר איהר איינעם פון די ציר־מערן פון האָטעל, זי האַלט איהם צו די פיס, ערקלערט זיך פאַר זיין ווייב, זיין אייגענטום : איצט איז געקומען דער מאָמענט, ווען זיי דאַרפען אַנטלויפען קיין פראַנקרייך, אַנטלויפען שוין מיט דעם נעקסטען צוג.

זי איז געווען גערעכט. דער מאָמענט איז געקומען, אום קיינמאָל זיך ניט אומצוקערען. דאָס איז געווען די איינציגע מעג־ליכקייט צו רעטען זיי ביידע, די איינציגע געלעגענהייט צו רעטען זייער צוקונפט.

לאַסאַל האָט פאַרפעלט די געלעגענהייט. ער האָט זיך פון דער מיידעל אויסגעלאַכט. ער האָט ניט פאַרשטאַנען די ווירק־ליכקייט, די אמת'ע לאַגע. אין זיין נאַאיוויטעט האָט ער גע־גלויבט, אַז העלענא איבערטרייבט. וואָרים זאָל ער ניט קענען, ווי אַלע אַנדערע מענשען, קריגען זיין כלה אויף דעם געוועהנליכען שטייגער, וואָרים זאָל ער דוקא דאַרפען אַנטלויפען מיט איהר, ווי אין די ראָמאַנען ? אין אָט דעם איינציגען מאָמענט פון זיין לע־בען איז לאַסאַל ניט געווען לאַסאַל, און ער האָט עס קיינמאָל ניט געקענט מוחל זיין. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען האָט ער געהאַנדעלט אונענטשלאָסען, מעשה בורזשוא, לויט דער אַנגענומע־נער אַנשטענדיגקייט. אַנשטאַט אַוועקצופאָהרען מיט העלענא'ן, האָט ער זי גענומען אונטער'ן אָרם און אָבגעפירט צו אַ באַקאַנטער דאַמע, ביי וועלכער עס האָט זיך געראַד געפונען איהר מוטער. יענע האָט זיך באַנומען צו איהם, ווי צום לעצטען שאַרלאַטאַן און האָט איהם אפילו ניט געווירדיגט מיט קיין ענטפער. לאַסאַל האָט זיין רוהיגקייט ניט פאַרלאָרען. אפילו איבערראַשט פון דער מוטערס בליינדקייט און טעמפּקייט, אָבער דאָך איינגעגלויבט, אַז איהם וועט פאָרט געלינגען איבערצורעדען אַזאַ קלוגען און געבילדעטען מענשען, ווי העלענא'ס פאָטער, און אויך וועלענדיג באַווייזען דער מוטער, וואָס פאַר אַ מאַכט ער האָט איבער איהר טאָכטער, האָט ער גענומען און איבערגעגעבען העלענא'ן אין די הענד פון איהר מוטער, אום שפּעטער אויפ'ן געוועהנליכען בורזשואַזען וועג צו בע־טען איהר האַנד. אָבער דאָ האָט דער פאָטער, וועלכער איז אונ־טערגעקומען, אויסגעגאָסען זיין גאַנצען ווילד'ען צאָרן אויף דער מיי־דעל'ס קאָפּ. ער האָט זי געכאַפּט פאַר די האָר און אַזוי געשלעפּט

דורך דער גאַס אין הויז אַריין, וואו ער האָט זי אויך פאַרשלאָסען. און געגען דער מאָראַליש־געבראָכענער, ווילעגאַליער מיידעל האָט מען גלייך גענומען אַנווענדען אַ רייהע מיטלען — פון צוואַנג און סטראַשונקעס ביז איינעמען מיט גוטע רייד, — וואָס דאָס וואָלט געקענט אָפּשלאָגען דעם מוט אפילו ביי אַ פיעל שטאַרקערער פרוי, ווי העלענא.

ווען לאַסאַל האָט ערפאַהרען, אַז דער צוטריט צו העלענא'ן איז פאַר איהם פאַרשפאַרט, איז ער אַריינגעפאַלען אין טיעפער פאַר־צווייפלונג איבער זיין „נאַרישען פאַרזעהן“, ווי ער האָט עס אליין אַנגערופען. צוזאַמען מיט דעם פעסטען באַשלוס צוריקצוגעווינען העלענא'ן אום יעדען פרייז, האָבען די שטערונגען, וואָס ער האָט באַגעגענט אויפ'ן וועג, גאַנץ נאַטירליך זיין ליעבע נאָך מעהר אויפ־געבלאָזען, און דער ביטערער געדאַנק, אַז ער האָט אַזוי אומגעלומ־פערט, אַזוי קליינבירגערליך אָפּגעשטויסען פון זיך דאָס גליק, וואָס האָט זיך איהם געגעבען אין די הענד, האָט די ליעבע אַלין וויי טער נעצונדען און אַנגעפלאַמט. און צו דערזעלבער צייט, ווען לאַסאַל'ס ליידענשאַפט האָט צוליעב די אַלע געשעהעניסען דערגרייכט איהר העכסטען ברען, איז דער מיידעל'ס ענטוזיאַסטישער שטאָלצער קו־ראַזש געווען געבראָכען צוליעב דער גאַנץ באַגרייפליכער ערשיטע־רונג, וואָס לאַסאַל'ס מאָדנע, אונפאַרשטענדליכע פאַר איהר אויפ־פיהרונג האָט געמוזט ביי איהר אַרויסרופען. איהר ליעבע צו לאַסאַל'ען האָט ניט אָנגעוואָרן איהר צערטליכקייט, זי האָט ניט געצווייפעלט אין זיין כוח בייצוקומען אַלע שטערונגען אויפ'ן וועג צו זייער פאַראייניגונג, אָבער דער ליעבעס־אימפעט, וואָס שרעקט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ, איז איהר אויסגעגאַנגען. זי האָט אַלץ געשטעלט אין קאָן ; ווי שטאַרק זי איז ניט געווען, האָט זי געפּור־נען אין זיך ווילען אין גאַנצען זיך אויסצוליפערן צו איהם ; זי האָט געהאַנדעלט מיט אונגעוועהנליכען פאַר איהר עלטער אין גע־שלעכט פאַרצווייפעלסטען מוט, און איהר איבערפלייצענדע ליידענ־שאַפט איז באַגעגענט געוואָרען מיט קאַלטע, ניכטערע רייד. איהר גליהענדע ענטציקונג פאַר איהם, ווען זי האָט גערופען „מיין וואונדער־שעהנער אדלער“ איז פאַרבלאַסט געוואָרען, זייט איהר אדלער, ווי עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, האָט גענומען האַנד־לען, ווי אַ געוועהנליכער הויז־פויגעל. און עס האָבען זי אָנגענומען

צווייפעל. האָט ער זי ווירקליך אזוי הייסט געליעבט ? איז ער ווירקליך אזוי ערנסט געווען אין זיין ליעבע ? און אויב יא, וואָרים האָט ער פרייוויליג זי ארויסגעלאָזען פון זיינע הענד און זי איבער־געגעבען צו איהרע עלטערן ?

דער פאטער האָט שוין דעם פערטען אויגוסט ארויסגעריסען ביי איהר אַן ערקלערונג, וואָס איז איבערגעגעבען געוואָרען צו לאַ־סאַל'ען און אין וועלכער זי זאָגט זיך אָפּ פון איהם. לאַסאַל, וועל־כער איז גרייט געווען צו גלויבען אלץ, אָבער נאָר ניט דאָס, אז די ליעבע פון דער מיידעל צו איהם איז פארשוואונדען, פונקט ווען זיינע איז דערגאנגען ביז צו משוגעת, האָט מיט רעכט אָנגע־נומען, אַז די ערקלערונג איז ביי איהר ארויסגעצוואונגען, פארדעכ־טיגענדיג, אַז מען האלט זי אונטער'ן שלאָס, אַז מען טיראַנעוועט איבער איהר, און ער האָט גענומען זוכען פארבינדונגען מיט איהר דורך דער אונטערגעקויפטער דיענערשאפט, האָט פארכאפט פאר איהר יורידישע פאפירען, אין וועלכע זי פארלאנגט זי זאָל ארויס־גענומען ווערן פון אונטער דעם פאטער'ס השגחה, א. ז.וו., מיט איין וואָרט, ער האָט געקערט אַ וועלט. מיט זיין פארליעבע צו געבוי־כען געוואלט־מיטלען דאָרט אפילו, וואו פריעדליכע מיטלען וואָל־טען געפירט צום ציעל, איז ער אוועק קיין מינכען און האָט פרו־בירט דורך'ן מיניסטער, אונטער וועלכען דעניגעס האָט געדיענט, צו ווירקען אויף איהם מיט וואָרנונגען אָדער סטראַשונקעס, האָט טעלעגראַפירט קיין מזרח און מערב צו זיינע פריינד, צווינגענדיג זיי אריינצומישען אין פארהאנדלונגען מיט דעניגעס'ען, מיט העלענאַ'ן, מיט זייערע דיענער און האָט גע'פועל'ט ביי דער גרעפין האַטצפעלד זי זאָל פאָהרען צו בישאָפּ קעטעלער און אַנפרעגען, צו ער וועט איינוויליגען צו פראַווען די חתונה־צערעמאָניע, אויב ער, לאַסאַל, וועט זיך באַקערען צום קאַטוילּיציזם, און האָט דערביי קיין סוד ניט געמאַכט דערפון, אַז זיין באַקערונג איז ניט געגרינדעט אויף איבערצייגונג, נאָר ווייל זי, העלענאַ, איז אַ קאַטוילּיקין. אין דעם אמת'ען, איז זי גאָר געווען א פּראָטעסטאַנטין. אָבער לאַסאַל האָט שטענדיג געהאנדעלט אזוי איבערראַילט, אַז ער האָט קיינמאָל זיך ניט גענומען די מיה אויפצוקלערען פאר זיך די פראגע. און דאָס איז כאַראַקטעריסטיש, דאָס ווייזט, וואָס פאר אַ נישטיגע ראָלע די רעליגיע שפּיעלט אין אונזערע טעג : דאָס פארליעבטע פאָרל

האָט מיט קיין איין וואָרט זיך ניט איבערגעביטען, פון וואָס פאַר א גלויבען די כלה איז.

טויזענדער פּלענער האָבען זיך דורכגעטראָגען דורך לאַסאַל'ס קאָפּ, בעת זיין שטאָלץ הארץ האָט זיך געקלעמט ביי דעם געדאַנק, אז זיין גאַנצע מיה איז ארויסגעוואָרפען, אויב אין די געפיהלען פון דער מיידעל צו איהם איז ווירקליך פאָרגעקומען אן ענדערונג. אָבער עס איז נאָך יעמאָלט געווען א מעגליכקייט פאַר א גליקליכען אויסגאַנג. עס איז שווער פאַר א לאַנגע צייט צו שטערן צוויי פאַרליעבטע זיך דורכצושרייבען און צו באַגעגנען זיך, און איין איינציגער געשפּרעך צווישען לאַסאַל'ען און העלענאַ'ן וואָלט געגוג געווען אָפּצושאַפען אַלע מיספאַרשטענדניסען צווישען זיי און צו פאַרזיכערן זייער צוקונפט.

צו זיין אומגליק, האָט לאַסאַל, ווי ער וואָלט אין גאַנצען דעם קאָפּ פאַרלאָרען, אויסגעקליבען דעם אונגעלונגענסטען וועג צו פאַר־בינדען באַציהונגען מיט העלענאַ'ן.

אזוי לאַנג ער האָט ניט געצווייפעלט אין איהר ליעבע, האָט ער גוט פאַרשטאַנען, אז זיין לאַנגיאָהריגע פריינדשאַפט מיט דער גרעפין האַטצפעלד וועט פון העלענאַ'ס עלטערן ארויסגעשטעלט ווערן אין א פאַלשען ליכט; ער האָט שוין געהאַט פאַרשפּראָכען העלענאַ'ן, אז נאָך דער חתונה וועלען זיי ניט באַלעסטיגט ווערן פון דער גרעפין'ס שטענדיגער אנוועזענהייט, און ער האָט אויך געוואוסט, אז די געפלאַנעוועטע חתונה רופט ארויס ביי דער גרעפין א געגנערשאַפט, וואָס וועט ניט לייכט זיין איינצוהאַמעווען. און דערפאַר האָט ער אין זיינע בריעף צו איהר כסדר געזוכט זי אָפּ־צוהאַלטען פון פאַהרען קיין שווייץ; איינמאַל האָט ער אפילו גאַנץ גראָב איהר געהייסען „געהאָרכען זיינע באַפעהלען" און זיך האַל־טען פון דער ווייטענס. אָבער קוים איז דער צווייפעל אין העלע־נאַ'ס טרייהייט געבאָרען געוואָרן אין איהם, קוים האָט ער אָנגעהוי־בען מורא צו האָבען, אז ער האָט א טעות געהאַט אין דער פרוי, וועלכע ער האָט — אזוי ניט פאָרזיכטיג — פאַנאַנדערגעלויבט אין א בריעף צו דער גרעפין, אַלס די איינציגע פרוי אין דער וועלט, וועלכע פאַסט פאַר איהם, האָט ער דערפיהלט א פאַרלאַנג צו האָ־בען נעבען זיך א מענשען, אויף וועמעס איבערגעבענקייט ער קען פעלשטענדיג זיך פאַרלאָזען. און אָט, אונטער דעם איינפלוס,

פון צוואנציג יעהריגער געוועהנהייט, האָט ער זיך געווענדעט צו דער גרעפין זי זאָל זעהן אָנווענדען איהר גאנצע רעדע־קונסט, אום איבערצורעדען העלענא'ן זי זאָל זיך האַלטען פעסט ביי איהר וואָרט. ער איז געווען גערעכט דערמיט, אז א פרוי וועט לייבטער זיין צו קריגען צוטריט צום הויז, ווי איהם, וועלכער האָט נאָך דערצו געדאַרפט זיצען אין מינכען, אום צו ווירקען אויף דעניגעס דורך דעם אויסערן מיניסטער. ער האָט ניט א טראכט געטאָן, אז די גרעפין, וועלכע האָט פון אָנהויב אָן געקוקט אויף העלענא'ן מיט פאַרדעכטיגע אייפערזיכטיגע אויגען, און זייט יענע האָט ארויסגעוויזען אונענטשלאָסענהייט, האָט זי גענומען זי פאַראכטען פון גאנצען הארצען, וועט טאָן אלץ, וואָס מעגליך, אום ניט צו דערלאָזען צו א שידוך, אין וועלכען זי האָט געזעהן נור אן אומגליק פאַר לאַסאַל'ן.

נאָך איידער ער האָט זיך געווענדעט צו דער גרעפין, האָט ער טעלעגראַפיש ארויסגערופען זיין פריינד, דעם באַוואוסטען מיליטערישען היסטאָריקער קאָלאָנעל ריסטאוו, און געגעבען איהם א שליחות, ער זאָל זעהן דערגעהן העלענא'ס אמת'ע געפיהלען און זאָל דערוויסען זיך, וואו זי געפינט זיך איצט נאכדעם ווי זי איז אוועקגעפיהרט געוואָרן פון זשענעוו, און דאַן זי באַפרייען. און בעת ער, לאַסאַל, וועט זיין פארנומען אין אנדערע פלעצער, זאָל ריסטאוו זי נעמען אונטער זיין השגחה. ער האָט פארגעסען אָדער איהם איז ניט איינגעפאלען, אז ריסטאָוו און גרעפין האַטצפעלד זיינען דאַמאלס געווען איניג אין זייער בליק אויף העלענא'ן און מעהר ווי אינטים צווישען זיך ; אז זיי האָבען געקענט האַנדלען נאָר אין איינקלאנג איינער מיט'ן אנדערן. און אזוי איז געווען : די גרעפין האָט טיעף באַליידיגט די יונגע מיידעל, פאַרלאַנגענדיג פון איהר א צונויפטרעפונג „אום קלאָר צו מאַכען איהרע באַציהונגען צו לאַסאַל'ן", און אזעלכע אויסדריקע וואָס האָבען געקענט נאָר ארויסרופען אן ענטזאַגונג אָדער גאָר קיין ענטפער ניט. ריסטאָוו ווידער, אלס לאַסאַל'ס אמבאַסאדאָר, האָט אָנגעשראָקען העלענא'ן מיט זיין קאַלטער, פיינדליכער האַלטונג. אָט אזעלכע זיינען דאָס לאַסאַל'ס בעסטע פריינד ! אָט וועמען זי דאַרף דאָס שענקען צוטרויען, מענשען, וועלכע זעהן ניט, פאַרשטעהן ניט און ווילען ניט פאַרשטעהן, אז מען האָט זי [illegible], אַז מען האָט זי

געסטראשעט, אַז די ווערטער פון דעם בריעף זיינען איהר דיק־טירט געוואָרען פון עגאָאיסטישען דעספּאָטישען פאטער ? !

לאַסאַל האָט דערוויילע טעגליך געשריבען צו העלענא׳ן לאַנגע און דרינגענדע, פייערדיגע און הארציגע, בעטענדע און מוסר׳נדע בריעף, אין וועלכע ער האָט איהר ערקלערט, אַז לויט די שווייצערישע און באַיערישע געזעצען, ווערט זי גערעכענט פאר מינדיג און אַז זי קען חתונה האָבען מיט וועמען זי וויל, און אַז קיין ערנסטער אָפּהאַלט איז נישטאָ פאר זייער חתונה, א. ז. וו. נאָר צוליעב דעם ווירקליך טראַגישען שיקזאַל און צוליעב דער פינסטערער קאָנסעקווענץ פון פאטער, פון וועלכער לאַסאַל האָט קיין באַגריף, און פון וואָס ער האָט זיך ניט דערוואוסט ביז׳ן סאַמע טויט, איז קיין איינער פון די בריעף ניט געלייענט געוואָרען פון העלענא׳ן. איין איינציגען בריעף האָט זי באַקומען, אָבער ערשט נאָכדעם, ווי זי האָט געגעבען דעם פאטער איהר עהרענוואָרט, אַז זי וועט אומקערען ניט געלייענטערהייד.

ווארום האָט זי זיך געהאַלטען ביי איהר וואָרט ? ווארום האָט זי ניט איבערגעריסען מיט אַלע פּראַקטישע אויפּרעכנונגען ? עס איז קלאָר, אַז ווען לאַסאַל האָט זי איבערגעגעבען צו די עלטערן, האָט עפּעס אַ סטרונע געפּלאַצט אין איהר נשמה. איהר געפיהל צום געליעבטען האָט זיך געענדערט אין זעלבען מאָמענט, ווען ער האָט זי איבערגעלאָזען ווי אויפ׳ן וואַסער ; זי איז צומישט און צוטומעלט געוואָרען, ניט הערענדיג פון איהם ; זי איז באַליידיגט און פאַרוואונדעט געוואָרען פון דער פיינדליכער האַלטונג פון לאַסאַל׳ס שלוחים. און דער דרוק פון הויז האָט געבראָכען איהר מוט און זי האָט זיך צוגעוועהנט צום געדאַנק, אַז זי מוז זיך אָפּזאָגען פון איהם. האַנדלען זעלבסטשטענדיג, אונטער אייגענער פאַראַנטוואָרטליכקייט, איז זי שוין ניט געווען בכוח ; די הילף האָט געדארפט קומען פון דרויסען, פון לאַסאַל׳ן גופא, און איהם האָט זי צום לעצטען מאָל געזעהן, ווען ער האָט זי איבערגעגעבען צו דער מוטער.

טיילוויז אונטער די סטראַשונקעס פון מוטער און טיילוויז געטריבען פון עקעל צו ריסטאָוו׳ן, האָט די לייכטזיניגע, מיעדע, ווילענלאָזע מיידעל ערקלערט אין דער אנוועזענהייט פון פאטער און לאַסאַל׳ס פריינד, ריסטאָוו און דר. הענלע, אַז זי האַלט איה־

רע באַציהונגען מיט לאַסאַל׳ן פאַר גענענדיגט און זי וויל קיין פערזענליכע אונטערערדונג מיט איהם ווענען דער פראַגע ניט האָבען. צו דערזעלבער צייט האָט די פאַמיליע אַרויסגערופען קיין זשענעוו איהר געוועזענעם חתן, יאַנקאָ פאָן ראַקאָוויצאַ, מיט וועלכען זי האָט געהאַט אָפּגעבראָכען נאָך איהר באַגעגניש מיט לאַסאַל׳ן, און די פאַמיליע האָט גענומען אונטעראַיילען זייער חתונה.

אזוי לאַנג לאַסאַל האָט נאָך געהאַט אַ ברעקעל צווייפעל אין דער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין העלענאַ׳ס געפיהלען, איז זיין גייסט געווען צעררייסען און פאַרצווייפעלט. אַזעלכע פראַזען באַגעגענען מיר ניט איינמאָל, נאָר כסדר אין זיינע בריעף צו דער גרעפין: „איך בין אַזוי אומגליקליך, אַז איך וויין — צום ערשטען מאָל פאַר 15 יאָהר — איהר די איינציגע, איהר ווייסט וואָס הייסט פאַר מיר, דעם אייזערנעם מאַן, זיך צו דרעהן ווי אַ וואָרם אין טרערען“. און צו העלענאַ׳ן שרייבט ער: „יע־דע שעה לייד איך אַ טויזענדפאַכען טויט“. דאָס וואָרט „טויט“ ווידערהאָלט זיך כמעט אין אַלע זיינע בריעף.

לאַסאַל האָט געהאַט אַ גאַנץ באַשטימטען געפיהל, „אַז ווערט ער ערנידריגט און געשלאָגען אין דעם פאַל — איז ער אַ פאַרלאָ־רענער אויף אייביג: זיין שטאָלץ, זיין זעלבסטווירדע, וואָס האָבען איהם דורכגעטראָגען דורך אַלע צייטען פון שווערען קאַמף, וועלען געבראָכען ווערן און דער גלויבען אין „זיין שטערן“ וועט פאַרלאָשען ווערען. מען באַציהט זיך צו איהם צו שטרענג, ווען מען ערקלערט, אַז די הויפּט־אורזאַך פון זיין אונטערגאַנג איז די טיעף פאַרוואונדעטע גאווה. זיין צוטרויען צו אַנדערע און צו זיך איז אונטערגעהאַקט געוואָרן מיט איין קלאַפּ אין יענער רגע, ווען ער האָט געמוזט אַנערקענען אַלס פאַררעטערין די פרוי, וועלכע ער האָט אַזוי הייס געגאַרט. אין זיינע בריעף לייענען מיר:

„מיט איין וואָרט, געה איך איצט צו גרונד, איז עס ניט צו־ליעב ברוטאַלען געוואַלט, וואָס איך האָב אַזוי פיעל מאָל ביינגע־קומען, נאָר צוליעב אַ פאַרראַט, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט, צוליעב דער אונהערטער פאַרענדערליכקייט און לייכטזין פון אַ מיידעל, וועלכע איך ליעב איבער אַלע ערלויבטע גרענעצען“.

אין אַן אַנדער פּלאַץ זאָגט ער:

„איך קום אום אַלזאָ מיט איהר צושטימונג, ווי אַ שרעקלי־כע דערמאָהנונג אָן דעם, אַז אַ מאַן טאָר זיך קיינמאָל ניט צוקיי־טען צו אַ פרוי. איך קום אַלזאָ צוליעב דעם שענדליכען פּאַראַט, צוליעב דעם שווידערליכסטען טרייהייטס־דרוק, וואָס די אַלזעהענ־דע זון האָט ווען עס איז געזעהן".

די פאַרביטערונג איבער דער „אונענדליך קאָמישער לאַגע" אין וועלכער ער איז אַריינגעפאַלען, וועלכער האָט אויפגערודערט אַ גאַנצען מיניסטעריום צוליעב אַ מיידעל, וועלכע האָט ניט גע־וואָלט וויסען פון איהם, ערקלערט טיילווייז אָט די איבערטריבע־נע פון פּיינליכער פאַרצווייפלונג דיקטירטע אויסדרוקען. אָבער ער וואָלט ניט גערעדט פון „אונטערגאַנג" און „טויט", ווען זיין לעבענס־קראַפט וואָלט שוין ניט אונטערגעגראָבען געווען, ווען ער וואָלט שוין ניט געהאַט אַנגעוואָרען זיין זעלבסט־קאָנטראָל. אוי־סער דעם, האָט די פאַרצווייפלונג אַרויסגעבראַכט אויף דעם אוי־בערפלאַך אַלע רויהע עלעמענטען פון זיין נאַטור, פון וועלכער ער אַליין האָט קיין אַהנונג ניט געהאַט. מאַנכע שטעלען פון זיינע בריעף צו ריסטאָוו'ן איז אונמעגליך צו דרוקען, אַזוי עקעל־האַפט איז דאָס געפיהל, וואָס האָט זיי דיקטירט.

ווען זיכערע איבערצייגונג האָט פאַרנומען אין לאַסאַל'ס האַר־צען דעם פּלאַץ פון פּיינליכער אונזיכערקייט, האָט לאַסאַל געשיקט צו פאָן דעניגעס אָן אַרויספאָדערונג צו אַ דועל אין אַ בריעף, פול גראָבקייטען און שפּאָט אויף העלענאַ'ס אַדרעס, צו פאָן ראַקאָווי־צאַ, אויף וואָס דער ענטפער פון יענעם האָט קיין אַנדערער ניט געקענט זיין ווי אַן אַרויספאָדערונג צו אַ דועל. אַזוי ווי דעניגעס האָט שנעל פאַרלאָזען זשענעוו, איז די אַרויספאָדערונג, וואָס לאַ־סאַל האָט באַקומען פון באַליידיגטען חתן, געווען די ענדגילטיגע. די סעקונדאַנטען זיינען דורכגעקומען צווישען זיך וועגען די באַ־דינגונגען פון דועל. דאָ זיינען זיי: *)

שטרעקע פון פופצעהן טריט. — שיסען אין פאַרלויף פון 20 סעקונדען אויף די סיגנאַלען 1, 2, 3, פאַר'ן אָנהויב, מיטען און

*) קאַרל שולינג, די אַרויסשטויסונג פון פּרעזידענט בערנהאַרד בעקער פון „אַלגעמיינעם דייטשען אַרבייטער פאַראיין", זייט 31.

סוף. — גלאַטע פיסטאַלעטען מיט ציעלערס. — אבי וועלכע האַל־טונג. — דריי קוילען אויף יעדען. — פארהאַקט זיך איז אויך גע־שאָסען. — יעדען מאָל לאַדט דער זעלבער סעקונדאנט ביידע פיס־טאָלעטען ; די סעקונדאנטען וואַרפען גורל, ווער זאָל לאָדען דער ערשטער. — גראַף קייזערלינג און דר. ארנדט וועלען באַזאָרגען אַן ארצט. — וואָל : אַמניבוס סטאַנציע ביי קאַריזש, האַלב נאָך זיבען אין דער פריה, דעם 28טען אויגוסט. ר. 1, א. 2, ב. 3. — ביידע דועלאַנטען לאַזען איבער ביי זייערע סעקונדאַנטען אַ שריפט־ליכע ערקלערונג, אַז זיי האָבען זיך אליין דערשאָסען, פאַר יעדען מעגליכען פאַל.

גראַף גרעגאָר בעטלען. — וו. ריסטאָוו, אָבערס־ברינאַדיר. — גראַף עיגען קייזערלינג. — דר. ווילהעלם ארנדט.

לאַסאַל'ס סעקונדאַנט און זיין אינטעמער פריינד, קאָלאָנעל ריסטאָוו (געענדיגט מיט זעלבסטמאָרד אין 1879) דערצעהלט, אַז ווען ער האָט דעם 27טען אין דער פריה אין האָטעל וויקטאָריא מיט־געטיילט לאַסאַל'ן וועגען די באַדינגונגען פון דועל, האָט ער איהם דרינגענד אויפגעפאָדערט, ער זאָל כאָטש אביסעל איינאיבען די האַנד אין שיסען און ער האָט איהם אָנגעוויזען אויף אַ פּאַסיגען פּלאַץ. אויף וואָס לאַסאַל'ס ענטפער איז געווען : „נארישקיי־טען". זיין געגנער האָט אַנדערש געדענקט : נאָך דעם זעלבען אַבענד האָט ער אין אַ שיס־גאַלערעע געמאַכט 150 איבונגס־שאָ־סען. איך וועל ברייִנגען עטליכע זייטלאַך פון קאָלאָנעל ריסטאָוו'ס ערצעהלונג וועגען דעם טראַגישען פריהמאָרגען פון דועל :

„אום האַלבע נאַכט האָב איך זיך געלעגט אין בעט אין לאַ־סאַל'ס צימער. שוין 3 אַ זייגער פאַרטאָג בין איך אויפגעשטאַ־נען, זיך אָנגעטאָן און אוועק צו זיך אַהיים, וואו איך האָב געדאַרפט נעמען אייניגע קלייניגקייטען. פון דאָרט בין איך אוועק צום וואַ־פען־שמיעד, האָב איהם שוין 4 אַ זייגער ביי דער ארבייט (ער האָט געדאַרפט פאַרריכטען די אָבגעשפּרונגענע שפּרונזשינע פון פיסטאָ־לעט), פאַרנומען דעם פיסטאָלעט און אומגעקערט זיך צוריק אין האָ־טעל „וויקטאָריא". אום 5 אַ זייגער האָב איך אויפגעוועקט לאַ־סאַל'ן, וועלכער איז געשמאַק געשלאָפען. זיין בליק האָט צופעליג זיך גלייך אָפּגעשטעלט אויפ'ן פיסטאָלעט. ער האָט איהם אַ כאַפּ געטאָן, געוואָרפען זיך מיר אויפ'ן האַלז און אַ זאָג געטאָן : „דאָס

איז עס וואָס איך דאַרף !" — מיר זיינען אַבגעפאָרען צום באַרוזש. אויפ'ן וועג האָט לאַסאַל איינינע מאָל מיך געבעטען זעהן אייג־אָרדנען די דועל אויפ'ן פראַנצויזישען באָדען, ווייל ער וויל נאָך בלייבען אין זשענעוו און ענדיגען מיט דעם אַלטען „פּליטה־מאַכער" (דעניגעס). ווי עס האָט מיך ניט געפרעהט זיין זיכערהייט, דאָך דאָס איז שוין געווען צופיעל. איך האָב איהם באַמערקט, אַז אויף דער דועל איז ער ניט אַליין און אַז יעדע קויל קען טרעפען אין ציעל; קיינמאָל האַרף מען ניט פאַראַכטען דעם געגנער, אָבער מיינע ווערטער האָבען אויף איהם קיין איינדרוק ניט געמאַכט.

נאָך פּאַר זיבען זיינען מיר אָנגעקומען צו באַרוזשי און אַזוי ווי דער געגען־צד איז נאָך ניט געווען, האָבען מיר זיך געשטעלט וואַרטען. לאַסאַל, וועלכער האָט ניט אַרויסגעוויזען די מינדסטע אויפרעגונג, האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז טהע. האַלב נאָך זיבען זיינען אָנגעקומען די איבריגע. זיי האָבען מיטגעבראַכט דר. זייר־לער, וועלכער האָט געוואוסט אַ פּאַסיגען פּלאַץ. זיי זיינען אוועק פאָראויס, מיר נאָך זיי... מיר זיינען אַרויפגעקראָכען און זיך גע־לאָזט דורך די בוימלאַך, ביז מיר האָבען דערגרייכט אונזער ציעל.

אויף מיר איז אויסגעפאַלען דער גורל צו לאָדען דער ערשטער און צו געבען די קאָמאַנדע.

בעת איך האָב געלאָדען די פּיסטאָלעטען, זיינען די געגנער אויסגעשטעלט געוואָרען אויף די פּלעצער. פון אַלע זייטען האָט מען מיר דערמאַנט, איך זאָל וואָס דייטליכער און העכער געבען די קאָמאַנדע ; די דערמאָנונג איז געווען, נאַטירליך, איבריג. פּאַר יעדען שאָס זיינען באַשטימט געוואָרען 20 סעקונדען, וואָס דער סע־קונדאַנט, וועלכער האָט געלאָדען, האָט גע‍דאַרפט מאַרקירען מיט אויסרופען פון אָנהויב 1, נאָך דער צעהנטער סעקונדע 2 און נאָך דער צוואַנציגסטער סעקונדע 3. פון פּינקטליכקייט וועגען האָב איך נאָך צוערשט אויסגעשריען : אויפמערקזאַם !

איך האָב אַ קאָמאַנדעווע געטאָן : איינס ! עס זיינען קיין פינף מינוטען ניט אוועק, ווי עס האָט זיך דערהערט דער ערשטער שאָס, אָפּגעפייערט פון פאָן ראַקאָוויצאַ. און גלייך, אין ווענינער פון אַ סעקונדע, האָט אָפּגעענטפערט לאַסאַל.

ער האט פארבייגעשאסען, האבענדיג שוין דעם טויט אין לייב. עס איז געווען א וואונדער, וואס ער האט נאך געקענט שיסען.

אפפייערנדיג האט ער ניט ווילענדיג געמאכט צוויי טריט אויף לינקס. ערשט דאמאלס האב איך דערהערט — ווייל איך האב בעדארפט קוקען אויפ'ן זייגער — ווי אימעצער (איך ווייס ניט צו גענעראל בעטלען צו דר. זיילער) האט א פרעג געטאן: „זייט איהר פארוואונדעט?"

אויף וואס לאסאל האט זיך אפגערופען: יא.

מיר האבען איהם גלייך אפגעפיהרט אן א זייט, אוועקגעלעגט אויף א דעקע, וואו מיר האבען איהם געמאכט א פארלויפיגען באנדאזש.

בעת דער געגען־צד איז אפגעפאהרען, האבען מיר — איך און דר. זיילער — לאסאל'ען צוגעפירט צום עקיפאזש און געהאלפען איהם אריינזעצען זיך. מיר האבען זיך געזעצט נעבען איהם און ווי ווייט מעגליך איהם אונטערגעשטיצט אויפ'ן וועג. איך האב גע־לאזט דעם קוטשער פאהרען אויף וועגען, וואס זיינען ניט געווען ברוקירט. ניט מעהר ווי וואסערע 200 טריט איז אונז אויסגעקור־מען צו פאהרען איבער שטיינער. לאסאל איז דעם גאנצען וועג געזעסען שטיל; נאר ווען מיר זיינען ארויף אויפ'ן צובראכענעם ברוק, האט ער גענומען רעדען וועגען דעם וועהטאג, וואס די וואונד האט איהם פארשאפט און געפרעגט: וועלען מיר באלד זיין אין דער היים?

די קויל איז אריין אין דער לינקער זייט פון בויך, דורכגעריסען די הויפט־ארגאנען און ארויס פון דער רעכטער זייט.

ניט קוקענדיג אויף די שמערצען, האט לאסאל מיט פעסטע טריט זיך אויפגעהויבען אויף די טרעפ פון האטעל, אום ניט איבער־צושרעקען די גרעפין האטצפעלד, וועלכע האט געווארט אויף דעם אויסגאנג פון דועל. דריי טעג האט ער געליטען די שארפסטע שמערצען, וואס מען האט געזוכט צו פארטויבען מיט שטארקע דאזעס אפיום. אז די וואונד איז טויטליך, אין דעם האבען מיר ניט געצווייפעלט פון דער ערשטער מינוט אן. דעם 31טען אוי־גוסט איז ער געשטארבען.

9.

לאסאל'ס טויט און לויה

אָט מיט אזא טרויעריגען, ניט שעהנעם — מען קען זאָגען, אמווירדיגען — טויט האָט זיך פארענדיגט א לעבען, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אזוי שטאָלץ און איז אזוי רייך געווען אין טאַטען. און דאָך איז דער טויט ניט געווען א שפּיעל פון צופאַל. מעהר ווי אויף אימיצען אנדערש, האָט זיך אויף לאסאל'ען באשטעטיגט, אז זיין כאראקטער איז געווען זיין שיקזאַל. לאסאל האָט אויס־שליסליך זיך געהאט צו פארדאנקען, און ניט אימיצען אנדערש, דאָס וואָס ער האָט דורכגעפיהרט און אויפגעטאָן אין לעבען, און ער אליין איז געווען דער שמיעד פון זיין אומגליק, ער אליין ווי מיט א כיון האָט זיך געשטירצט אין אָפּגרונד אריין. אויף דער ברוסט פון פארוואונדעטען האָט מען געפונען פאָלגענדע שורות:

„איך ערקלער דערמיט, אז איך האָב זיך אליין גענומען דאָס לעבען. 28טען אויגוסט 1864.

פ. לאסאל.“

אָט די שורות, די לעצטע, וואָס ער האָט אָנגעשריבען מיט דעם צוועק צו זאָגען אַן אונשולדיגען ליגען, אום צו באשיצען א געגנער, שליעסען איין אין זיך א העכערען אמת, דריקען אויס לאסאל'ס גאנצע שולד. קיינער ניט אויסער לאסאל'ען האָט גע־קענט אויף אזא אומווירדיגען אופן איבעררייסען א לעבען, צו וועלכען ער אליין האָט צונעגעבען אזא גרויסען ווערט און אויף וועלכען ער אליין האָט ארויפגעלעגט אזעלכע גרויסע פליכטען און פאראנטוואָרטליכקייטען. דאָס גאוה'דיגע, דעספּאָטישע, וואָס, כאָטש ער איז געווען ווי פון איין גוס געגאָסען, האָט איהם קיינ־מאָל ניט געלאָזט אָפּצוגעבען זיך מיט דער גאנצער נשמה צו איין מענשען — דאָס האָט איהם געבראכט צום אונטערגאנג.

ווי נאָר די ידיעה וועגען זיין טויט האָט זיך פארשפּרייט, האָט אין זשענעוו זיך ארגאניזירט א קאָמיטעט פון רעפּובליקאנער פון אלע לענדער צו אראנזשירען פאר איהם א גראנדיעזע לויה. אין קאָמיטעט זיינען אריין צווישען אנדערע: פון דייטשלאנד — קאָלאָנעל יאָהאַן פיליפּ בעקער, פון אונגארן — די גענעראַלען געאָרג

קלאַפּקאַ און גראַף בעטלען, פון רוסלאַנד — באַקונין און אַלעק־סאַנדער הערצען, פון פּוילען — מאַדראַוש סטרונסקי און פּר. באַזאַק, פון דער שווייץ — עלי דיוקאַם און דזשיימס פאַזי, פון שפּאַניען — פראַנטשעסקאַ גאַרידאַ, פון איטאַליען — דזשוזעפּע פנאַ און דזשוזעפּע זאַמפּעריני. די באַגרעבנים־צערעמאָניע, אויף וועלכער עס זיינען זיך צונויפגעקומען איבער 4000 מאַן, איז גע־פּראַוועט געוואָרען דעם 2טען סעפּטעמבער אין „טאַמפּל יוניק" אין זשענעוו.

די גרעפין האָט געלאָזט באַלזאַמירען לאַסאַל'ס קערפּער און האָט איהם מיטגענומען מיט זיך קיין דייטשלאַנד מיט דעם צוועק אויסצושטעלען איהם אין די אַלע פּלעצער, וואו לאַסאַל האָט גע־ווירקט און געזאַמעלט אַנהענגער; אָבער די פּרייסישע רעגירונג, ווי אויך די פאַמיליע פון פאַרשטאָרבענעם האָבען זיך געשטעלט נעגען דעם. דאָך הספדים זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען, מיט געוועהנליכע וועה־געשרייען אין די שטעדט, וואָס האָבען געהאַט פאַראיינען — דאַמאָלס נאָך פאַרהעלטניסמעסיג ווייניג אין צאָהל — געגרינדעט פון לאַסאַל'ען. מען האָט איהם באַקלאָגט, ווי מען קלאָגט אויף אַ נאַציאָנאַלען ערלייזער, און נאָך איצט ווערט דער יאָהרצייט פון זיין טויט געפייערט פון די סאָציאַליסטישע ארביי־טער פון דייטשלאַנד, פּונקט אַזוי ווי עס ווערט געפייערט דער טויט פון קריסטוס פון דער קריסטליכער קירך.

דעם 14טען סעפּטעמבער איז לאַסאַל'ס קערפּער אָנגעקומען קיין ברעסלוי, וואו ער האָט געפונען זיין לעצטע רוה אין פאַמיליען־קבר פון די לאַסאַלס אויפ'ן אידישען בית־עולם. אַן איינפאַכע מצבה איבער'ן קבר טראָגט די אויפשריפט, וואָס דער 80־יאָהריגער בעק האָט פאַרפאַסט:

„היער רוהט וואָס שטערבליך וואַר פאָן
פערדינאַנד לאַססאַלע
דעם דענקער און דעם קעמפּפער."

ער האָט ניט דערלעבט צו זעהן די פאַרווירקליכונג כאָטש פון איינער פון די אידעען, פאַר וועלכע ער האָט געקעמפּט. זיין קבר ליגט ביים אָנהויב פון בלוטיגען וועג, אויף וועלכען דאָס נייע דייטשלאַנד האָט מיט רעש און שטורם זיך אַוועקגעלאָזען צו אַ ציעל, וואָס לאַסאַל מיט פיעלע אנדערע האָט געהאַט אין אויג —

צו פאַראייניגונג און מאַכט, — אָבער דער ציל איז דערגרייכט געוואָרען מיט אַזעלכע מיטלען, אויף וועלכע לאַסאַל, מעהר ווי יעדער איינער, אַ דאַנק זיין טעמפּעראַמענט און וויטזיכטיגקייט, האָט געקענט אָנווייזען. מיר קומט פאָר, אַז לאַסאַל (ווי זיין פריינד לאָטאר בוכער. נאָר אויף אַן אַנדער שטייגער) וואָלט פּאָליטיש געשטיצט פירסט ביסמאַרק אין זיין קאַמף פאַר דער אויפבויאונג פון אַ דייטשער אימפּעריע, ווען דער שיקזאַל וואָלט איהם באַשערט לענגערע יאָהר. פאַרקעהרט, אין סאָציאַלער באַציהונג וואָלט לאַסאַל געשטעלט דער רעגיערונג אַזעלכע גרויסע פאָדערונגען, וואָס זי, די רעגיערונג, נאָך לאַסאַל'ס טויט, האָט גאָר ניט ברעה געהאַט נאָכצוקומען זיי.

איינס איז אָבער זיכער: די קאַלטקייט, וואָס די פּרייסישע רעגיערונג האָט ארויסגעוויזען צו די ברענענדע סאָציאַלע פראַגען, האָט מעהר ווי אַלץ געהאָלפען פאַרדרענגען לאַסאַל'ס נ א צ י אָ נ א ל ע ן סאָציאַליזם, ווייל דערמיט איז פאַרשוואונדען די באַדינגונג, וואָס וואָלט לאַסאַל'ס סאָציאַליזם געגעבען די אויבערהאַנד: די לייכטערע דורכפיהרבאַרקייט. נאָך מעהרערע יאָהרען נאָך לאַסאַל'ס טויט האָבען זיינע אָנהענגער יעדען מאָל, ווען זיי האָבען קיין מעגליכקייט ניט געהאַט דורכצופיהרען אַן אייגענעם קאַנדידאַט, ליעבער געשטימט פאַר אַ קאָנסערוואַטאָר, איידער פאַר אַ מיטגליעד פון דער מאַרקס־בעבעלשער פּאַרטיי. שפּעטער, ווען נאָר קליינליכע פּערזענליכע שטרייטיגקייטען האָבען צוטיילט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּען, פלעגען די מיטגליעדער פון לאַסאַל'ס ארבייטער פאַראיין, ווען זיי האָבען געהאַט די ברירה צו קלייבען צווישען עטליכע קאַנדידאַטען, שטימען פאַר דעם פּאָליטיש־ראַדיקאַלסטען קאַנדידאַט. איצט האָבען די אַלע גרופּען און פאַראיינען זיך צונויפגעגאָסען אין איינעם.

אַזוי לאַנג פּרייסען איז נאָך געווען דאָס אַלט־מאָדיש שוואַרץ און ווייס קעניגרייך, האָט די ארבייטער באַפעלקערונג אָדער גאָר קיין איינפלוס ניט געהאַט אויפ'ן פּאָליטישען פעלד, אָדער זי האָט נאָכגעפאָלגט די ליבעראַלע פיהרער. ערשט מיט דער גרינדונג פון דער נאָרד־דייטשער פעדעראַציע האָט זיך אייגענטליך אָנגעהויבען די פאַרשפּרייטונג פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע איבער דייטשלאַנד, און ערשט נאָכ'ן שלום מיט פראַנקרייך האָט זיך אָנגע־

הויבען איהר איבערראַשענד שנעלער וואוקס. איצט, שיינט עס, שטאַרקט זי זיך מיט דערזעלבער שנעלקייט, ווי עס פאַרשווינדט דער פּראָווינציעלער גייסט פון די אַמאָליגע קליינע קעניגרייכען.

עס איז נאָך פריש די ערינערונג וועגען דעם, ווי דער אַטענטאַט אויפ'ן דייטשען קייזער האָט געגעבען ביסמאַרק'ען אַ געלעגענהייט דורכצופיהרען אַ געזעץ, וואָס האָט אָוועקגעשטעלט אַלע סאָציאַליסטען פון דייטשלאַנד אויסער'ן געזעץ. עס איז אויך באַוואוסט, אַז נאָכדעם ווי ער האָט פּראָקלאַמירט און אויך גענומען דורכפיהרען אַ פאַלשטענדיגע איבערקעהרעניש אין דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דער אימפּעריע, האָט ער פּרובירט פאַרווייסען דעם אַנטי־סאָציאַליסטען געזעץ מיט אַ מין שטאַאַטס־סאָציאַליזם, אָפּקאָפּירענדיג אין זיין פּראָגראַם מעהרערע גרונדשטריכען פון דעם פּראָגראַם פון די אַזוי גערופענע קאַטעדער־סאָציאַליסטען.

ווען דער אַנטי סאָציאַליסטען־געזעץ איז צום ערשטען מאָל דיסקוטירט געוואָרען אין סעפּטעמבער 1878 און אַלס הויפּט־רעדנער זיינען אַרויסגעטראָטען בעבעל און ביסמאַרק, האָט דער לעצטער באַזונדערס אויספיהרליך זיך אָפּגעשטעלט אויף זיינע באַציהונגען מיט לאַסאַל'ען.

אַזוי ווי דער הויפּט־אַרגומענט, וואָס בעבעל האָט אַרויסגערוקט, איז געווען, אַז די רעגיערונג אַליין האָט שטענדיג געזוכט אויסצונוצען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אומעטום, וואו דאָס האָט זיך איהר געלוינט, און אַזוי ווי בעבעל האָט דער ערשטער זיך פאַרנומען מיט די ענגע באַציהונגען, וואָס האָבען עקזיסטירט צווישען ביסמאַרק'ען און לאַסאַל'ען, ווידמענדיג גאָר אַ היבשען טייל פון זיין רעדע צו זייערע באַגעגענישען, האָט דער קאַנצלער שוין קיין ברירה ניט געהאַט און געמוזט באַריהרען די ברענענדע פראַגע. אָבער קיינער האָט זיך גאָר ניט געריכט, אַז ער וועט לאָזען אָן אַ זייט די פּרינציפּיעלע און פּראַקטישע זייט פון דער פראַגע און אויסשליסליך זיך אָפּגעבען מיט ריין פּערזענליכע ערינערונגען. אָפּצילעווענדיג אַ פייל געגען פּראָפעסאָר העגעל, דעם אָראַטאָר, וואָס האָט גערעדט פאַר איהם, ווען ער האָט אָפּגע'פּטר'ט מיט אַ באַמערקונג, אַז ער וועט איהם נאָכפאָלגען אין געביעט פון הויך־רעדנעריי, איז ער גלייך אַריבער

צום פערזענליכען שטרייט־פונקט און האָט געגעבען אַ שטיק פון זיין אויטאָביאָגראַפיע צוזאַמען מיט אַ מערקווירדיג ווארימען לויבגעזאַנג פאַר לאַסאַל'ען. פארשטעהט זיך, ווען ביסמאַרק האָט נים געוואָלט דירעקט לייקענען (ווי דער שטייגער איז פון פּאָליטיקער, וואָס פאַלען אריין אין אַ פארלעגענהייט) די ריכטיגקייט פון בעבעל'ס באהויפּטונג — וועגען ביסמארק'ס נאָהענטע פארהעלטניסען מיט לאַסאַל'ען — האָט ער געמוזט מאָלען לאַסאַל'ען אַלס אַ פּערזאָן, וואָס איז בשום אופן ניט געווען געפעהרליך פאַר'ן שטאַאַט. נאָר די ווארימקייט, מיט וועלכער ער האָט גערעדט, איז גאָר נים נויטיג געווען פאַר זיינע פּאָליטישע צוועקען, און עס איז קלאָר, אַז זי איז געקומען פון טיעפער איבערצייגונג פאַר לאַסאַל'ס פּערזענליכקייט. איך געדענק ניט, אַז ביסמאַרק זאָל זיך האָבען ווען עס איז אָפּגערופען מיט אַזאַ סימפּאַטיע וועגען אַ פּאָליטישען טוער. צוערשט האָט ער אונטערשטראָכען, אַז לאַסאַל האָט דער ערשטער געזוכט אַ באַגעגניש מיט איהם און ניט פארקעהרט, ווי בעבעל האָט עס פארזיכערט, און ווייטער האָט ער ערקלעהרט:

„איך האָב זיך געזעהן מיט לאַסאַל'ען, און נאָך די ערשטע פאָר שטונדען וואָס איך האָב פארבראַכט מיט איהם, האָב איך קיין חרטה ניט געהאט. איך האָב זיך געזעהן מיט איהם ניט „דריי־פיער מאָל אַ וואָך", נאָר אין גאַנצען דריי אָדער אפשר פיער מאָל, איך בין ניט זיכער. אונזערע באַציהונגען האָבען בשום אופן ניט געקענט טראָגען קיין כאַראַקטער פון פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען, וואָס האָט לאַסאַל מיר געקענט אָנבאָטען און געבען? ער האָט גאָרנישט ניט פארמאָגט... הינטער אַלע פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען שטעקט אַ „דאָ אוט דעס" (איך גיב אום דו זאָלסט מיר געבען אַנטקעגען), אפילו אין פאַל, ווען פון אנשטענדיגקייט וועגען מאַכט מען אַ שווייג וועגען דעם (געלעכטער). אָבער ווען עס קומט אויס צו זאָגען: קבצן, וואָס קענסטו מיר געבען? — איז די זאַך שוין גאַנץ אַנדערש. ער האָט גאָרנישט ניט געהאַט, אום מיר וואָס אָנצובאָטען אַלס מיניסטער. אָבער דאָס, וואָס ער האָט יאָ געהאַט, האָט מיך צוגעצויגען איבער יעדער באַשרייבונג, אַלס פּריוואַט פּערזאָן: ער איז געווען דער גייסטרייכסטער און אַנגענעהמסטער מענש, וואָס איך האָב ווען באַגעגנט אין מיין לעבען, אַ מענש, וואָס איז געווען אַמביציעז אויפ'ן גרויסען שטייגער, און

בשום אופן ניט קיין רעפובליקאנער; ער האט געהאט א גאנץ באשטימטען נאציאנאלען און מאנארכיסטישען געפיהל, און דער אידעאל, וואס איז געשטאנען פאר איהם, איז געוועזן א דייטשע אימפעריע, און דאס איז געוועזן אונזער באריהרונגס־פונקט. לאסאל, ווי איך האב געזאגט, איז געוועזן אמביציעז אין העכערען זין און וועגען דעם, צו זאל די דייטשע אימפעריע באקומען די האהענצאלערן־דינאסטיע אדער די לאסאל־דינאסטיע, איז ער אפשר נאך געוועזן אין ספק (גרויסער געלעכטער), אבער זיינע איבערצייגונגען זיינען געוועזן דורכאויס מאנארכיסטיש, און די עלענדע נאכשלעפער, וואס באהאלטען זיך היגטער זיין נאמען, וואלט ער אזוי אריינגעזאגט, זיי וואלטען געכאפט פון איהם אזא מיאוס'ען אפשניט, אז זיי וואלט שוין ניט איינגעגאנגען צו מיסברויכען זיין נאמען. לאסאל איז געוועזן אן אויסערגעוועהנליך קלוגער מענש, מיט וועלכען צו רעדען איז געוועזן געוואלדיג אינטערעסאנט; אונזערע געשפרעכען פלעגען זיך פארציהען אויף שעה'ן, און עס פלעגט מיר אלעמאל פארדריסען, ווען זיי פלעגען זיך ענדיגען. און עס איז ניט אמת, אז עס איז געקומען צו א ברוך אין אונזערע פערזענליכע באציהונגען און אין אונזער געגענזייטיגער סימפאטיע, ווייל עס איז געוועזן פון אויבען אויף, אז ער פון זיין זייט געהט אוועק מיט דעם אנגענעהמען איינדרוק, אז איך זעה אין איהם א באגאבטען מענשען, מיט וועלכען עס איז א פארגעניגען צו פארברענגען, און מיט דעם ניט וועניגער אנגענעהמען איינדרוק, אז איך בין א פארשטענדיגער, פאראינטערעסירטער צוהערער. וועגען א ו נ ט ע ר ה א נ ד ל ו נ ג ע ן האט שוין דערפאר אליין קיין פראגע ניט געקענט זיין, ווייל איך האב גאר קיין געלעגענהייט ניט געהאט אריינצושטעלען א ווארט אין געשפרעך (געלעכטער). די לאסט פון געשפרעך פלעגט ער אויסשליסליך נעהמען אויף זיך, אבער ער פלעגט עס טאן אויף אן אנגענעהמען, פיינעם אופן, און יעדער, וואס האט איהם געקענט, וועט צוגעבען, אז מיין באשרייבונג שטימט. דאס איז ניט געוועזן א מענש, מיט וועלכען מען האט געקענט אריינגעהן אין א באשטימטען אפמאך אויף דעם יסוד פון „געבען און נעהמען“, און איך באדויער נאר וואס זיין פאליטישע לאגע און מיינע האבען אונז ניט ערלויבט קיין אפטערע באגעגנישען, און איך וואלט זעהר צופריעדען געוועזן, ווען איך זאל האבען

אזא באַגאַבטען און גייסטרייכען מענשען פאַר אַ שכן אויף מיין הויף.“

ווען מען באַטראַכט ביסמאַרק׳ס רעדע מיט אַ קריטישען אויג, ווערט קלאָר, אַז עס איז פון קנאַפּער באַדייטונג די פראַגע, צי ביסמאַרק האָט זיך געזעהן מיט לאַסאַל׳ען צוואַנציג צי דרייסיג מאָל, ווי די גרעפין האַטצפעלד פאַרזיכערט עס, אָדער דריי־פיער מאָל, ווי ביסמאַרק וויל עס האָבען. דאָס איז שווער צו געדענקען אַזוי גענוי נאָך אַ פאַרלויף פון פופצעהן יאָהר. זעהר מעגליך, אַז די גרעפין איבערטרייבט, און ביסמאַרק דערטרייבט ניט. אַ טעות פון זכרון איז אין דעם פּרט ניט וויכטיג. אַ גאַנץ אַנדער זאַך אָבער איז דער כאַראַקטער פון זייערע באַגעגענישען. עס איז לייכט פאַרשטענדליך, וואָרום ביסמאַרק זוכט זיי אַרויסצושטעלען פאַר גאַנץ אונשולדיגע און פּאָליטיש ווערטלאָזע. אָבער לעגט זיך דאָס אויפ׳ן שכל? לאָזט זיך דאָס וויפיעל עס איז גלויבען? דער קאַנצלער, וועלכער האָט אַלע מאָל פאַרשטאַנען, ווי צו מאַכען דעם בעסטען געברויך פון זיינע פעהיגקייטען, האָט דאָ ניט פאַרפעלט צו זאָגען אַ האַלב־גוטמוטיגען, האַלב־בייזווילליגען וויץ אויף לאַסאַל׳ס חשבון, אַז לאַסאַל האָט איבערהויפּט צופיעל ליעב געהאַט צו הערען זיך אַליין, אום מען זאָל קענען מיט איהם פיהרען וועלכע עס איז אונטערהאַנדלונגען. ער האָט פאַרגעסען, אַז מיט אַ מינוט פריהער האָט ער איהם ערקלערט ריין פון יעדער קליינליכער גאוה און האָט איהם אָנגערופען אַמביציעז אויפ׳ן גרויסען שטייגער.

ווייטער לייקענט ער ענטשידען די מעגליכקייט פון אַן אָפּמאַך אויף „געבען און נעמען“ צווישען איהם און לאַסאַל׳ען, צווישען דער רעוואָלוציע פון אויבען און דער רעוואָלוציע פון אונטען. ער זאָגט: „לאַסאַל האָט גאָרנישט ניט פאַרמאָגט“. גאָרנישט ניט? ביסמאַרק איז אין 1863 ניט געווען אַזוי נאַאיוו צו האַלטען פאַר גאָרנישט די נייע געגרינדעטע גרויסע אַרבייטער־פּאַרטיי. וואָס לאַסאַל האָט געהאַט און האָט געקענט אָנבאָטען — איז געווען אַ בונד — אַ העכסט ווערטפאָלען פאַר דער רעגירונג בונד אין צייט פון קאַמף. און ווען דער בונד איז דאַמאָלס ניט אָנגענומען געוואָרן, איז עס אָבער אויך ניט צוריקגעוויזען געוואָרן און צולעצט, ווען, ווי ביסמאַרק פאַרזיכערט עס, דער כלל פון „געבען

און נעמען" איז אַ פּאָליטישער געזעץ, וואָרים־זשע האָט ער גענג־בען לאַסאַל'ען, וועלכער האָט איהם גאָרנישט געקענט געבען אנט־קעגען ? אַלגעמיינע, דירעקטע וואהל־רעכט איז געווען לאַסאַל'ס אַ פאָדערונג און נאָר לאַסאַל'ס ; און דאָך האָט עס ביסמארק נאָכגעגעבען : פּראָדוקטיווע אַסאָציאַציעס מיט שטאַאַטס־קרע־דיט איז געווען לאַסאַל'ס נאָהענסטער, פּראַקטישער ציעל, און נאָר לאַסאַל'ס. און דאָך האָט ביסמארק איבערגערעדט דעם פּריי־סישען קעניג צו געבען אַ נישקשה'דיגע סומע פון זיין פּריוואַטע קאַ־סע פאַר אַן ערשטען פּרווּוּ אין דער ריכטונג.

וועגען די פּונקטען האָט ביסמאַרק זיך אויסגעדריקט מיט פאָר־זיכטיגקייט : „מיר זיינען, נאַטירליך, ארויפגעקומען אין אונ־זערע געשפּרעכען אויך אויף אַלגעמיינע וואהלרעכט — איך לאָז זיך גערן איבערצייגען, און איך זעה קיין פאַרברעכען ניט אין דעם, וואָס איך האָב דאמאלס גערעדט וועגען דער פראגע מיט אַ קלוגען מענשען ; — יא, זיכער, מיר האָבען גערעדט וועגען דעם".

אָבער ווען ביסמארק האָט דורכגעפיהרט אַלגעמיינע וואהל־רעכט, איז עס געווען ניט מחמת איבערצייגונג ; ער איז אויף דעם איינגעגאנגען „עטוואס אונגערן, זעהענדיג אין דעם אַן איבער־בלייבעכץ פון פראנקפורט" ; דאָס איז געווען אין יענע פראנק־פורטער טעג, אין יענעם פּאָליטישען קאמף, „ווען אַ פארגעסענע קאַרט איז געבליבען ליגען אויף'ן טיש און מען האָט זי געדארפט לאָזען אין שפּיעל". איינס איז זיכער : די קארט איז געלאָזען גע־וואָרען אין שפּיעל געגען הערשענדען מיטעל־קלאַס, און דער דירעק־טער געווינס איז ארייגעפאלען צו דער דעמאָקראַטיע.

וואָס מיך אינטערעסירט דאָ הויפּטזעכליך אין ביסמארק'ס רעדע, איז ניט די פּאָליטישע פראגע, נאָר דאָס בילד, וואָס זי גיט וועגען לאַסאַל'ען, אלס פּריוואט־מענשען, דאָס בילד, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין גייסט פון גרעסטען שטאַאטסמאַן פון אונזער צייט, דאָ האָבען מיר לאַסאַל'ס פּאָרטרעט, וואָס איז געמאָלען גע־וואָרן פון היינע'ן ביים סאמע אָנהויב פון לאַסאַל'ס קאריערע.

השערות, ווי וואָלט אויסגעפאלען לאַסאַל'ס צוקונפט, ווען ער ווערט ניט אוועקגעריסען פון לעבען אין זיינע בליהענדסטע יאָה־רען, זיינען אפילו אינטערעסאנט פאר זיך, אָבער אין גאנצען פּרוכטלאָז. יעדער טוער בלייבט אין דער געשיכטע, אָפּגעשטעמ־

פעלט דורך דעם, וואס ער איז געווען און וואס ער האט געטאן, און לאסאל האט איבערגעלאזען אזא בולטען שטעמפעל, וואס האט קיין גלייכען נים.

אין דער דייטשער ליטעראטור פון 19טען יאהרהונדערט געהן פאר אונז פארביי דריי פארשידענע גייסטיגע דורות; צוערשט די ראמאנטיקער, וועלכע אנטלויפען פון היינט און פון דער אויסערער ווירקליכקייט, אום צו פארגעסען די ארימקייט פון ארומיגען לעבען אין אן אויסגעטראכטער וועלט. — דאן ארום דער יולי־רעוואלוציע קומען אויף די ערשטע פאעטיש־פאליטישע גייסטער, ווי בערנע און היינע, וועלכע זוכען צו באפרייען די מענשהייט פון די קייטען פון אלערליי געזעצען און טראדיציעס, און וועלכע לאזען ארויס אן אונבאשטימטען אלגעמיינעם רוף — ארויפצואווארפען דעם יאך פון שטאאטס רעליגיאן און אבסאלוטיזם. יונג דייטשלאנד ציהט ווייטער די ליניע פון אט דעם גיכער אלמענשליכען, ווי פאליטישען ראדיקאליזם. ביי די לינקע העגעליאנער, ווי ביי דעם טאלענטירטען רוגע, ביי די פאעטען גוצקאוו, הערוועג, פרוץ, פרייליגראט, מאריץ הארטמאן; און ביי די אראטארם, ווי קינקעל, האט די אפאזיציע צו דער עקזיסטירענדער ארדנונג — אפט געשטיצט פון רייכע פאעטישע, פילאזאפישע און אראטארישע טאלאנטען. מעהרסטענס נאך אלץ געטראגען דעם אבסטראקטען, פון דער ווירקליכקייט ווייטען בוך־כאראקטער, וואס האט אויסגעצייכענט די באפרייער־גרופע פון פאר דער מערץ - רעוואלוציע פון 1848 (באקאנט אין דייטשלאנד, אלס די „פארמערצלער").

דערנאך איז ארויסגעטרעטען דער דריטער היינטיגער, מאכטזוכענדער דור, ביי וועמען דאס לירישע טעאריזירענדע איז פארשטיקט און וועמעס כאראקטער־שטריך אי א פראקטישער, שארפער, כמעט ברוטאלער רעאליזם, ווען אפילו אויף ברייטע וויסענשאפטליכע יסודות. אויף דעם דור האט ביסמארק ארופגעדריקט דעם שטעמפעל פון זיין גייסט און דער דור האט דערנאך, אין אפאזיציע צו איהם, אנגעהויבען א באוועגונג, ענהליך צו דער אפאזיציע פון די פראנצויזישע רעפובליקאנער פון 1793 געגען גענעיאלען דעספאטיזם פון נאפאלעאנען.

און כאטש לאסאל, א ריינער פראדוקט פון יאהר 1848, האט

ניט דורכגעמאַכט די ערפאַרונג פון ביסמארק'ס טעטיגקייט און איז געבליבען ניט באאיינפלוסט פון ביסמארק'ס גייסט, באַזיצט ער דאָך דעם גאַנצען גייסטיגען אַנבליק פון נייעם דייטשלאַנד; דורכאויס פריי פון בוך־טראַדיציעס, מיט דעם שאַרפסטען בליק פאַר דער ווירקליכקייט און באַוואַפענט מיט פראַקטישער טאַט־קראַפט, וואָס איז געשטיצט אויף טעאָרעטישען וויסען. און וואָס שייך דער סאָציאַלער פראַגע, האָט ער געקוקט ווייט, ווייט פאָראויס אין דער צוקונפט ביז צו אַ פונקט, וואָס מיר האָבען נאָך ניט דער־גרייכט, און אין דעם פרט איז ער ניט נאָר אַ מאָדערנער גייסט, נאָר אַ צוקונפט־גייסט, איבער דער פּאָליטיש־סאָציאַלער אויבער־פלאַך פון אייראָפּא טראָגט זיך אַ גראַנדיעזע, אַלץ אַרומנעמענדע אידעע, וואָס לאַסאַל האָט מיט יאָהרען צוריק פּראָקלאַמירט פאַר אַ פּאָר טויזענד מענשען און וואָס האָט איצט אין איהר דיענסט פיער מיליאָן דייטשע וועהלער. דאָס איז די אידעע, אַז אונזער היי־טיגע עקאָנאָמישע אָרדנונג קען מעהר ניט אויפגעהאַלטען ווערן; אַז זי מוז איבערגעבויט ווערן; אַז אַנשטאָט דער הערשאַפט פון געוואַלט און אונרעכט זאָל געשאַפען ווערן אַזאַ לאַגע, ביי וועלכע דאָס אַנגעזאַמעלטע און ביז איצט ניט־פאַרברויכטע עקאָנאָמישע וויסען זאָל אויסגענוצט ווערן אַלס באַפרייענדע און אָרגאַניזירענדע מאַכט. און דאָס האָבען מיר קיין אַנדערן, ווי לאַסאַל'ן צו פאַר־דאַנקען, וואָס די אידעע איז געוואָרען אַן אַלגעמיינע איבערציי‏גונג.

ער איז געווען באַשאָנקען פון דער נאַטור מיט גרויסע און שענע מתנות, פריהער פון אַלץ — מיט ווילענסקראַפט, ווי אַ ספּאַר־טאַנער, און דערנאָך מיט אינטעליגענץ און באַרעדזאַמקייט, ווי אַ יונגלינג פון אַלטען אַטהען. אַ ספּאַרטאַנער און אַן אַטהענער — אַ פייל־און־בויגען און אַ לירע! אָבער די האַרמאָניע צווישען די צוויי גרויסע מתנות האָט ניט פאָלשטענדיג אויסגעפילט לאַסאַל'ס פערזענליכקייט. אויפ'ן דעק פון זיין נשמה איז נאָך פאַרבליבען אַ מוטנער אָפּזאַץ פון קליינליכקייט און גאוה (דאָס, וואָס די אַלטע גריכען האָבען גערופען „היבּרים"). און די גאוה האָט איהם אומ־געבראַכט. די אומשטענדען האָבען געגעבען פאַר זיינע טאַלאַנטען גענוג רוים בלויז פאַר טעאָרעטיש און ניט פאַר פראַקטישער טעטיג־קייט. זיין לעבען לאַנג — אויף דער פריי, ווי אין געפענגניס — איז ער געווען אַן אַדלער אין שטייג. און זיין שטענדיג צורייצטע

ווילענסקראַפט, אונטער דער ריזיגער אנשטרענגונג, איז אַלץ געשטיגען, ביז זי האָט פאַרענדיגט אַלע איבריגע טאַלאַנטען זייגע און אַרויסגעפיהרט זיין גייסט פון גלייכגעוויכט.

די קראַנקהייט, וואָס האָט איהם געטויט, איז געווען אַ צו גרויסער ווילען; ווי אַנדערע מענשען שטאַרבען פון אַ צו גרויס האַרץ. אָבער דער איבערטריבענער ווילען אָדער זעלבסט־געפיהל, וואָס האָ טגעטויט, לאַסאַל'ן, איז אויך געווען די מעלה זייגע, וואָס האָט איהם דורכגעהאַלפען און אויפגעהאַלטען דורך זיין גאַנצען לעבען. ער שטעהט אין דער געשיכטע ווי אַ דענקמאַל פון ווילענסקראַפט. די ראָמאַנטישע שולע האָט געגעבען אויסדרוק: איהר זעלבסטגעפיהל אין קאַפּריזען פון שפּילעוודיגער פאַנטאַזיע; די פּאָליטיש־רעוואָלוציאָנערע פּאָעטען האָבען געזוכט באַפרידיגונג פאַר זייער זעלבסט־געפיהל אין געניאַלען, אָבער פּלאַנלאָזען און פאַרוואָרפענעם באַפרייאונגס־קאַמף. לאַסאַל'ען, האָט זיין זעלבסט געפיהל געטריבען, צו געבען זיין צייט אין דער צוקונפט אַ גראַנדיעזען, אונפאַרגעסליכען ביישפּיעל פון אַן אָריגינעלער קאָמבינאַציע פון קאָנצענטרירטער און צושפּרונגענער פערזענליכער ענערגיע.

צוליעב אָט דעם גרונד וועט לאַסאַל'ס אויפטו, אָפּגערעדט פון ווימענשאַפטליכען אינטערעס און טיילווייז אונאַבהענגיג פון איהם, אַרויסרופען צו זיך צו אַלע צייטען אַ ריין־מענשליכען, פּסיכאָלאָגישען אינטערעס.